STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02973

FRIDRIKH NITTSSHE

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

פרידריך ניטצשע

איבערזעצט פון
ק. טעפּער

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פערלאַג פאר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1918

Copyright, 1918
by
MAX N. MAISEL

אריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם.

פ. ניטשע'ס אידעען.

(1889)

פרידריך ניטשע, וועלכער איז ווענינ בעקאַנט נאָך אפילו אין דייטשלאַנד, איז נאָך מיין מיינונג, דער אינטערעסאַנטסטער פון די היינטיגע דייטשע שרייבער. ניטשע איז אַ בעדייטענדער דענקער, וועלכער וועקט אייער געדאַנק און שטעקט אייך אָן מיט זיינע שטימונגען. עס האָט ניט קיין זין צו איגנאָרירען אזא דענקער; איהר דאַרפט פּרואווען איהם פערשטעהן, דערנעהענטערען זיך צו איהם, פיהרען אַ קאַמפף מיט איהם.

פרידריך ניטשע איז געבאָרען געווארען דעם אכצעהנטען אָקטאָבער 1844, האָט שטודירט פילאָלאָגיע און איז געווארען פּראָפעסאָר פון באַזעלער אוניווערסיטעט, זייענדיג אינגאַנצען אַלט זעקס־און־צוואַנציג יאָהר. אין טריבלען, שווייץ, האָט ער זיך בעקענט מיט ריכאַרד וואַגנער'ן און איז באַלד געוואָרען זיין הייסער, איבערגעגעבענער פריינד. אין דער שווייץ האָט ער זיך אויך בעגעגענט מיט'ן בעריהמטען פאָרשער פון דער רענעסאַנס בורקהאַרדט'ן און געוואָרען זיין פערעהרער און פערזענליכער פריינד. בורקהאַרדט'ן האָט ניטשע שטענדיג ליעב געהאַט, אָבער שטאַרק געביטען האָבען זיך מיט דער צייט זיינע בעציהונגען צו דעם אַמאָל פון איהם פערגעטערטען וואַגנער'ן: ער — דער הייסער אַפּאָסטאָל פון דעם גרויסען קאָמפּאָזיטאָר — איז שפּעטער געוואָרען זיין ליידענשאַפטליכער געגנער און פיינד. אין תוך איז ניטשע געוועזן אַ מוזיקער, אַ מוזיקאַלישע נאַטור. וואַגנער'ס ווירקונג פיהלט זיך שטאַרק אין זיינע ערשטע אַרבייטען, אָבער וואַגנער'ס פּאַרסיפאַל, אין וועלכען עס ווערען אויסגעדריקט קאַטוילישע און אַסקעטישע שטימונגען, וועלכע זיינען דעם רעוואָלוציאָנער וואַגנער'ן

פריהער געווען גאַנץ פרעמד, האָבען פּלוצלונג געעפענט די אויגען ניטש׳ען און אין זיין פריהערדיגען פריינד און לעהרער האָט ער דערזעהן א געפאהר.

אויסער בורקהארדט׳ן און וואגנער׳ן האָט ניטשע בעגעגענט אין דער שווייץ נאָך אנדערע אינטערעסאנטע מענשען. שטארק געליטען האָט ער פון שרעקליכע קאָפּשמערצען, וואס האָבען איהם געשטערט אין דער ארבייט. אין׳ם יאהר 1879 האָט ער זיך צו־ליעב דער קראנקהייט געמוזט אָבזאָגען פון זיין פּראָפעסאר. אין די יאהרען 88-1882 האָט זיך ניטשע אָנגעהויבען צו פיהלען בע־סער, ער האָט נאָך אַלץ געליטען פון אויגען שוואכקייט, און איז געווען אין געפאהר בלינד צו ווערען. ער האָט געמוזט זיין שטארק פארזיכטיג, היטען זיך. דעם ווינטער פלעגט דער קראנקער ני־טשע געוועהנליך פערברענגען אין ניצא און דעם זומער — אין סילס־מאריא און ענגאדין (שווייץ). ניטשע האָט זעהר פיעל גע־ארבייט אין די יאָהרען 88-1887 ; ענדע 1888 יאהר האָט ער גע־האָט דעם ערשטען שטארקען אָנפאַל פון משוגעת, פון וועלכער ער איז שוין ניט גענעזען געווארען.

אין דער יוגענד איז ניטשע געווען שטארק אונטער דער ווירקונג פון שאָפּענהויער׳ס פילאָסאָפיע ; ער איז געווען א צייט שאָ־פּענהויער׳ס א תלמיד. עס זיינען אוועקגעגאנגען עטליכע יאָהר און ניטשע האָט איבערגעלעבט א גייסטיגען קריזים : איצט האָט ער אויף זיך מעהר נישט קיין יאָך פון אויטאָריטעטען, ער איז אינגאנצען זעלבסטשטענדיג, ווערט וואס ווייטער אַלץ מוטיגער. ניטשע האָט דעם מוט צו זאגען אָפען דאָס, וואס ער טראכט. ער שטעהט ניט אויף איין אָרט, יעדע נייע ארבייט זיינע גיט אונז עפּעס פרישעס. ענדליך שטעלט זיך ניטשע די גרויסע, פונדאמענ־טאַלע פראגע, וואס האָט איהם ניט געלאָזט רוהען זיין גאנצען לע־בען : וועלכען זין האָבען אונזערע מאָראַלישע בעגריפען און אָב־שאצונגען ? אינטערעסאנט איז, אז שוין אין אָנהויב פון זיין שרייבער־קאריערע, ווען ניטשע איז ארויסגעטראָטען געגען דעם בעריהמטען דאוויד פרידריך שטראוס, האָט ער אָבגעלייקענט די בערעכטיגונג פון א מאָראַלישער אויסטייטשונג פון דער וועלט און פערענדיגט האָט ער זיין לעבענסארבייט מיט א טיפער, דורכ־

דרינגענדער קריטיק פון אונזערע מאראלישע בעגריפען און ווער־
טען. אין מיטען פון זיין ארבייט, האבענדיג פערענדיגט דאס
ערשטע בוך פון זיין סעריע „די אבשאצונגען פון אלע ווערטען",
איז ניטשע קראנק געווארען גייסטיג און ניט געלאזט פון זיך
מעהר הערען.

1

א שטארקע אויפמערקזאמקייט האט ניטשע צו זיך צוגעצוי־
גען מיט א שארפען פאלעמישען פאמפלעט, וועלכער איז געווען
געווענדט געגען דעם אלטען שטראוס'עס בוך „דער אלטער און דער
נייער גלויבען". חוצפה'דיג איז געווען ניטש'עס טאן און אונ־
ערווארטעט דער אינהאלט פון זיין פאמפלעט. ניטשע האט גאר־
ניט געהאט געגען יענעם טייל פון שטראוס'עס ארבייט, אין וועלכען
יענער מאכט צונישט דעם אמאליגען, פערעלטערטען קריסטליכען
גלויבען: ער אליין האלט אויך ניט פון קריסטענטום; אבער ער
געהט ווייטער — ער לאכט זיך אויס פון דעם נייעם, פאזיטיוויס־
טיש־פאנטעאיסטישען גלויבען, וואס ווערט געפרעדיגט פונ'ם גע־
לערטען, אפיקורסישען שטראוס. אין אמת'ן אבער אינטערעסירט
ניטשע'ן ווייניגער דער בעריהמטער שטראוס, ווי זיינע פערעהרער,
די דייטשע מיטעלמעסיגקייט, וועלכע פערגעטערט דעם פיליסטער־
האפטען שטראוס'ען און קוקט אויף זיין לעצט ווארט, ווי אויף
דאס לעצטע ווארט פון קולטור.

געווען איז דאס א יאהר און א האלב נאך דער דייטש־פראנ־
צויזישער מלחמה: נאך קיינמאל האבען דייטשען ניט געפיהלט
זיך אזוי געהויבען, אזוי זעלבסטצופרידען, ווי אין יענער צייט.
אלע זיינען געווען איבערצייגט, אז ניט פיזישע מאכט האט בע־
זיגט די פראנצויזען, נור די העכערע, הערליכערע דייטשע קול־
טור; אז טריאומפירט האט ניט נור דייטשלאנד, נור דער עיקר
דער דייטשער גייסט. ניטשע איז ניט געווען איינער פון די טרי־
אומפירענדע; פלוצלונג האט זיך געלאזט הערען א שטימע פון
א מענש, וואס וויל דערגעהן דעם אמת.
גוט, זאגט ניטשע, לאמיר פאראויסזעצען, אז אויף די שלאכט־

פעלדער האָבען זיך בעגעגענט צוויי ציוויליזאַציאָנען, פאַר וואָס זאָלען מיר אידעאַליזירען די שטאַרקערע, די זיגערין? האָט ווירק־ ליך די בעזיגטע פראַנצויזישע ציוויליזאַציאָן געהאַט אַ קלענערען ווערט, ווי די דייטשען רעדען זיך איין, טו וואָס איז זיך דאָ צו פרעהען אזוי שטאַרק מיט׳ן זיג איבער אַן ארימער, אונבעדייטענ־ דער קולטור? אבער דאָס זיינען נאַרישע רייד. ווי קען מען רע־ דען פון אַ זיג פון דער דייטשער קולטור, ווען די פראַנצויזישע האַלט זיך שטאַרק, לעבט און ענטוויקעלט זיך און די זיגער, די דייטשען, זיינען נאָך איצט אָבהענגיג פון איהר. אין אמת׳ן פער־ דאַנקט דייטשלאַנד איהר זיג נור דער מיליטערישער דיסציפּלין, דעם מוט און אונטערטעניגקייט פון דער אַרמעע, די בעדייטענדע־ רע טאַלאַנטען פון די פיהרער — מיט איינעם ווארט, אַלץ אזעל־ כע פאַקטאָרען, וואָס האָבען גאָרניט צו טהון מיט קולטור. דאָס זיינען איבעריגענס גאַנץ אונגוטיגע חקירות. די דייטשע קולטור האָט ניט בעזיגט די פראַנצויזישע, האָט ניט געקענט זיגען פשוט דערפאַר, וואָס דייטשלאַנד האָט ניט געהאַט קיין אייגענע קולטור.

נאָך מיט אַ יאָהר צוריק האָט ניטשע אין זיין „געבורט פון דער טראַגעדיע" געמאָלט אין די העלסטע פאַרבען די צוקונפטס־ פּערספּעקטיווען פון דער דייטשער קולטור. ער האָט דאַמאָלס גע־ גלויבט, אַז אינגיכען וועט זי זיך בעפרייען פונ׳ם יאָך פון דער לאַטיינישער ציוויליזאַציאָן, ווערען אייגענאַרטיג, אָריגינעל; אין דער נייער דייטשער מוזיק האָט ניטשע געאַהנט די גרויסע צו־ קונפטסמעגליכקייטען. דייטשלאַנד׳ס זיג האָט ניט פערשטאַרקט ניטשע׳ס האָפנונגען, נור געטויט זי; די געהויבענע שטימונג פון דער נאַציאָן האָט דערוועקט טרויריגע געדאַנקען אינ׳ם יונגען דענקער.

ניטשע פערטיפט זיך אינ׳ם פּראָבלעם פון קולטור. וואָס איז קולטור? פרעגט ער און זיין ענטפער איז, אַז קולטור איז פריהער פאַר אַלעמען אַן איינהייטליכער אַרטיסטישער סטיל, וועלכער לאָזט זיך פיהלען אין אַלע אָפּענבאַרונגען פון נאַציאָנאַלען לעבען און גייסט. געלערענטקייט, בילדונג איז ניט קיין סמן פון קולטור; דער געלערענטער מענש קען זיין אין דערזעלבער צייט אויך באַר־ באַריש, ד. ה. ניט האָבען קיין בעשטימטען סטיל אדער זיין אַ

בונטער געמיש פון פערשידענע סטילען. ניטשע איז איבערצייגט, אז אזא געמישטע, כאראקטערלאָזע, אונעכטע קולטור קען ניט זיי־נען איבער א שונא, בעזונדערס איבער אזא שונא, ווי דאָס פראנ־צויזישע פאָלק, וואס האָט פון דורות אָן אמת פראָדוקטיווע און אייגענארטיגע קולטור.

ניטשע ציטירט געטע׳ס א בעמערקונג: „מיר — דייטשען — זיינען אויפגעקומענע, נעכטיגע; אודאי האָבען מיר זיך אינ׳ם משך פון די לעצטע הונדערט יאָהר פלייסיג א רוק געטהון פאָרויס, אָבער עס וועלען נאָך פערגעהן א פּאָר יאָהרהונדערטער, ביז די דייט־שען וועלען האָבען אין זיך איינגעזאפּט גענוג אינטעלעקטואלי־טעט און העכערע קולטור, אז מען זאָל רוהיג קענען זאָגען, דאָס זיי זיינען אמאָל — אמאָל געווען און זיינען שוין ניט מעהר באר־בארען".

איז ניטשע גערעכט, בעהויפּטענדיג, אז די דייטשע קולטור איז נאָך ניט קולטור? אודאי מוז א קולטור זיין גלייבארטיג, האָבען סטיל, לאנגזאם ענטוויקלען זיך און זיין שטארק גענוג, כדי דורכצודרינגען אלע פאָרמען פון נאציאָנאלען לעבען, אבער פון וואנען איז געדרונגען, אז די קולטור מוז דוקא זיין א היימישע, אן אוטאָרטאָנע, ווי ניטשע זעצט פאָרויס? האָט דען איטאליען אין דער צייט פון רענעסאנס, ענגלאנד — אינ׳ם זעכצעהנטען, פראנקרייך — אינ׳ם זיבצעהנטען און אכצעהנטען יאָהרהונדערט ניט געהאט אן אייגענארטיגע קולטור? אָבער אין דערזעלבער צייט זיינען דאָס ניט געווען היימישע, פון איין שטיק אויסגעגאָ־סענע, אונגעמישטע קולטורען: איטאליען האָט גענומען די עלע־מענטען פון איהר רענעסאנס־קולטור פון גריכענלאנד, רוימישער וועלט און שפאניען; די פראנצויזישע קולטור איז געווען א גע־מיש פון קלאסישע, קעלטישע, שפאנישע און איטאליענישע עלע־מענטען און ווער וויים נישט, אז די ענגלענדער זיינען די גע־מישטעסטע ראסע פון דער וועלט? אודאי האָבען די דייטשען אָנגעהויבען זיך צו בעפרייען פון דער ווירקונג פון דער פראנצוי־זישער קולטור ערשט מיט הונדערט פופציג יאָהר צוריק און נאָך איצט האָט פראנקרייך א גרויסען איינפלוס אויף דייטשלאנד, אבער דאָס גיט אונז ניט קיין רעכט אָבצולייקענען, אז עס איז פארהאן

א דייטשע קולטור, אמת נאָך ניט קיין אויסגעצייטיגטע, בעשטימ־טע, אָבער דאָך א קולטור, וואס לעבט און וואקסט. ווי קען צווייפ־לען אין דער עקזיסטענץ פון א דייטשער קולטור א מענש, וואס האָט דערפיהלט, אז אי די דייטשע מוזיק, אי די דייטשע דיכטונג אָטעמט מיט דעמזעלבען גייסט, און אז אין דער דייטשער פילאָ־סאָפיע הערען זיך דיזעלבע טענער, וואס אין דער מוזיק, און די דייטשע מאָלעריי און סקולפּטור האָבען זיך זייערע כאראקטעריס־טישע מעלות און חסרונות?

ניטשע איז איבערצייגט, אז נאציאָנאַלע קולטורען פערשוויג־דען און שוין נאָהענט איז די צייט, ווען הערשען וועט איבער דער וועלט איין אייראָפּעאישע אדער אייראָפּעאיש־אמעריקאנישע קול־טור. שוין איצט פיהלען זיך די אמת־ענטוויקעלטע מענשען פון יעדען לאנד אלס אייראָפּעער, דאָס נאציאָנאלע בעוואוסטזיין ווערט אלץ שוואכער און נאָך אינ׳ם משך פונ׳ם צוואנציגסטען יאָהרהונ־דערט וועלען די נאציאָנען אויפ׳ן שלאכטפעלד ענטשיידען, ווער זאָל זיין הערשער פון דער וועלט. וועט אזא שוידערליכע וועלט־מלחמה אוועקבלאָזען אלע נאציאָנאלע אייטעלקייטען, איז דאָס נאָך ניט גענוג: דער גאנג פון דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג וועט אָבהענגיג זיין פון דעם, צי וועלען אין יענער היסטאָרישער צייט זיך ארויסרוקען אזעלכע העכערע גייסטער, וואס זאלען קע־נען פערכאפּען די מאכט. לויט ניטש׳עס מיינונג, ליגט א גע־פאהר ניט אין דעם, וואס א נאציאָן האָט ניט קיין אייגענע, גלייכ־ארטיגע, אָריגינעלע קולטור, נור אין דעם, וואס זי רעדט זיך איין, אז זי האָט זי. ווי קומט עס, פרעגט ער, אז דייטשלאנד, וואס האָט אזוי ווייניג אמת׳ע קולטור, זאָל זיין אזוי שטארק איבערצייגט, אז זי האָט עס די גרויסע, די אמת׳ע קולטור? ניטשע ערקלערט דעם בלענדענדען ווידערשפּרוך דערמיט, וואס אין דייטשלאנד, ווי אין אנדערע לענדער, מעהרען זיך אלץ מעהר מענשען פון א נייעם שניט, וואס האָבען א גרויסע און שעדליכע ווירקונג אויפ׳ן הייג־טיגען קולטור לעבען: די דאָזיגע מענשען האָט ניטשע געגעבען א נאָמען: קולטור פיליסטער.

דער קולטור פיליסטער, די מיטעלמעסיגקייט, האָט א הויכע מיינונג וועגען זיך; זיין כאראקטערלאָזע, אונפערזענליכע בילדונג

בעטראכט ער אלס אמת'ע קולטור. און ווי זאל ער ניט האבען קיין הויכע מיינונג וועגען זיך און זיין בילדונג, אז אויף יעדען שריט און טריט בעגעגענט ער זיך מיט קולטור פיליסטער, וואס זיינען ענליך צו איהם? זיינען דען אונזערע שולען און אוניווערסיטעטען ניט צוגעפאסט צום פיליסטער'ס פאדערונגען און בעגריפען? האבען דען ניט אלע מענשען דיזעלבע מיינונגען וועגען רעליגיאן, מאראל, שטאאט, עסטעטיק? אזוי ווי אלע מענשען פון זיין שטאנד זיינען קאנווענציאנעל און שאבלאנענהאפט, איז דער קולטור פיליסטער איבערצייגט, אז קאנווענציאן און שאבלאן זיינען קולטור. דעם פיליסטער פאלט גאר נישט איין, אז דאס סיסטעמאטישע, גוט-ארגאניזירטע פיליסטערטום, וואס האט זיך בדייט צוזעצט אין די אוניווערסיטעטען, שולען, צייטונגס-רעדאקציאנען, איז נאך דערפאר, וואס עס האט אזא איינפלוס, גארניט בערעכטיגט צו האלטען זיך פאר אן ארגאן פון קולטור. דאס איז אפילו ניט קיין שלעכטע קולטור, זאגט ניטשע: דאס איז די גוט-בעפעסטיגטע בארבאריי, וואס האט אבער ניט צו פרישקייט און שטורעמדיגקייט פונ'ם פרימיטיוו-בארבארישען. דאס קולטור-פיליסטערטום איז א געפאהר, א שעדליכער זומפ, אין וועלכען עס זינקט די מענשהייט.

שוין פון געבורט אן זיינען מיר צווישען קולטור-פיליסטערס; מיר וואקסען צווישען זיי; זיי גרייטען צו די מיינונגען, וועלכע מיר נעהמען איבער בעוואוסטזיניג — דאס זיינען די הערשענדע מיינונגען, וועלכע ווערען אונזערע פערזענליכע איבערצייגונגען. און זיינען פארהאן מיינונגס פערשידענהייטען, זיינען דאס פערשידענע פארטיי-מיינונגען; די געזעלשאפטליכע מיינונג האט זיך צוטיילט אין פארטיי-מיינונגען.

ניטשע זאגט: „וואס איז די געזעלשאפטליכע מיינונג? דאס איז פריוואטע געדאנקען פוילקייט". ניטשע איז צו שטרענג; עס טרעפט, אז די געזעלשאפטליכע מיינונג איז א קראפט צום גוטען. אינטערעסאנטעס שרייבט וועגען דעם מארליי. בכלל אבער איז געזעלשאפטליכע מיינונג אין די הענד פון די קולטור פיליסטערס; זי איז א וויליגע דינסט פון זייער בעגרענצטקייט און טיראניי.

הויבענדיג אָן בעוואוסטזיניג צו לעבען, שטויסט זיך דער יונ־גערמאַן אָן אויף פערשידענע אָנגענומענע מיינונגען, וואָס זיינען מעהר אָדער וועניגער בעגרענצט; וואָס מעהר פּערזענליכקייט ער איז, אַלץ שאַרפער וועט ער זיך שטעלען אַנטקעגען דעם שאַבלאָ־נענהאַפטען המון. אַ אינערע שטימע רופט: „זיי טריי דיין פּער־זענליכקייט! זיי דו אַליין! זיי דו!" דער יונגערמאַן הערט זיך אונרוהיג צו צום געהיימניספולען רוף. האָט ער אַ פּערזענליכ־קייט? איז ער ער? ער ווייס ניט, ער איז נאָך ניט זיכער; ער בענקט נאָך אַ ערציהער, נאָך איינעם, וואָס זאָל איהם דערצעה־לען ניט עפּעס פרעמדעס, זייטיגס, נור דאָס וויכטיגסטע, דאָס נוי־טיגסטע, נעמליך ווי קען ער ווערען אַ פּערזענליכקייט, ער אַליין.

אונזער דענמאַרק האָט געהאַט אַ גרויסען מענשען, וועלכער האָט מעכטיג גערופען זיינע צייטגענאָסען צו אינדיווידואַליטעט; איך האָב אין זין קירקעגאָר'ן. קירקעגאָר'ס פּרעדיגט איז געווען אַבער אַ פערדעכטיגע; זיין האָריזאָנט — אַ בעגרענצטער. ער האָט פערהערליכט ניט די אַבסאָלוט־פרייע פּערזענליכקייט, נור די אמת־קריסטליכע. די פרייהייט, וועלכע קירקעגאָר האָט גע־פּרעדיגט, איז ניט געווען די אמת'ע פרייהייט; איבער יעדען איי־נעם איז געהאַנגען זיין שטרענגער געבאָט: „גלויב! און פאָלג!"

ניט אַזוי געהט צו דער היינטיגער יונגערמאַן צו זיין ערציהער. ער וויל האָבען אַזאַ ערציהער, וואָס זאָל ניט בינדען איהם די הענד, נור פערקעהרט בעפרייען זיי. ער וויל ניט הערען פון דאָגמען און דאָך האָט ער אַן אונאַנגענעהם געפיהל, אַז ער איז געפאַנגען פון דאָגמען. ווי זאָל ער ענטפלעקען זיך, ווי דערגעהן צו זיך? העל־פען איהם אין דער אַרבייט דאַרף דער ערציהער; ער טאָר ניט זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ בעפרייער פון דער פּערזענליכקייט.

צו אַזאַ ערציהער האָט ניטשע געווענדט זיין אויג אין דער יוגענד: אַזאַ ערציהער איז פאַר איהם געוואָרען שאָפּענהויער. ניטשע דערצעהלט, אַז ווי נור ער האָט דורכגעלעזען שאָפּענהויער'ס אַ זייטעל, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער וועט לעזען אַלץ, וואָס שאָפּענהויער האָט געשריבען, ניט פערפעהלענדיג גאָר נישט און וועט זיך שטאַרק איינהערען אין יעדען וואָרט זיינעם, ווי פאַלש עס זאָל ניט זיין. מיט ניטשע'ן איז געשעהן דאָס, וואָס געשעהט

מיט יעדען יונגערען מענשען, וואס זוכט דעם אמת. ער האָט גע־זוכט און האָט געפונען א פיהרער.

שאָפּענהויער׳ס שטאַרקע ווירקונג אויף ניטשע׳ן פיהלט זיך אין ניטשע׳ס ערשטע שריפטען. ער האָט איהם ליעב צו ציטירען. ער איז אונטער דער ווירקונג פון זיין סטיל און געדאַנקען. דער ערציהער, וואס האָט בעפרייט איהם, איז אבער געוואָרען וואס ווייטער אַלץ מעהר א לאַסט פאר׳ן תלמיד; רוהיג, אָהן כעס, פיינד־שאפט און טומעל קעהרט ער זיך אָב פונ׳ם געליבטען לעהרער, דער־מאָנענדיג זיך שטענדיג אָן איהם מיט גרויסער דאנקבארקייט. גאָר אנדערש האָט זיך ניטשע בעצויגען צום אנדערען אָבגאָט פון זיין יוגענד — ריכארד וואַגנער׳ן: ער האָט ניט נור אויפגעהערט צו האַלטען פון איהם, נור איז געוואָרען זיין ליידענשאפטליכער שונא; זיינע ווערק, וועלכע ער האָט אמאָל פּראָקלאַמירט אלס די וויכטיג־סטע און בעדייטענדסטע קולטור ערשיינונגען פון דער צייט, האָט ער אויסגעלאכט און צונישט געמאכט.

ניטשע ליובט שטאַרק שאָפּענהויער׳ס עהרליכקייט, וועלכע קען פערגליכען ווערען נור מיט דער עהרליכקייט פונ׳ם גרויסען מאָנטען; די קלאָרקייט פון געדאַנק און וואָרט, די פעסטקייט און קאָנסעקווענטקייט זיינע, די ריינקייט פון זיינע בעציהונגען צו געזעלשאפט, שטאַאט און שטאַאטס־רעליגיאָן, וועלכע שטעהען אין אזא שארפען געגנזאץ צו דער מילדקייט און קאָמפּראָמיסליכקייט פון קאַנט׳ן. שאָפּענהויער איז ניט אָבגעטראָטען קיין שריט פון זיין וועג, האָט קיינעם ניט נאָכגעגעבען, איז געווען זיך טריי.

ניטשע וואונדערט זיך, וואס אזא מענש, ווי שאָפּענהויער, האָט געקענט איבערטראַגען דאָס דייטשע לעבען, ניט ווערענדיג גייסטיג דערשטיקט אין דער שווערער אטמאָספער. א מאָדערנער ענגלענדער האָט געזאָגט: „שעלי וואָלט ניט געקענט פיהלען זיך היימיש אין ענגלאַנד. שעלי׳ס זיינען אונמעגליך אין ענגלאַנד”. דער ענגלענדער איז גערעכט. אזעלכע אונגעוועהנליכע מענשען ווערען לייכט צוטראָטען פון די ארומיגע: זיי ווערען מעלאַנכאָ־ליש, פערלירען די פיזישע קרעפטען אדער דאָס גייסטיגע גלייכ־געוויכט אינ׳ם שווערען, טאָגטעגליכען קאמפף מיט דער פיליס־טערישער וועלט. דער קולטור פיליסטער ווייס שוין, ווי צו דער־

געהן די יאהר דעם געניאַלען מענשען. אין יעדען לאַנד, צו יע־דער צייט איז דער געניאַלער מענש אַן אָפּפער פון דער מיטעל־מעסיגקייט פון המון: אדער ער גיט דעם המון נאָך, אבי זיך ניט צו צוקריגען מיט איהם, אדער ער ווערט ביסלעכווייז אָן זיין פערזענליכקייט. ניטשע דערצעהלט, אז אַן אלטער דיפּלאָמאַט, וואס האָט צופעליג געזעהן געטע׳ן, האָט בעמערקט: דער מענש האָט געהאט גרויסע צרות אין זיין לעבען. איבערגעבענדיג די דאָזיגע ווערטער זיינע פריינד, האָט ער געמאכט אויף זיי אזא פּירוש: „קען מען ניט אָבמעקען די שפּורען פון אונזערע צרות אפילו פון אונזערע געזיכטער, טו וואס איז דער וואונדער, אז אלעס, וואס מיר טהוען און לאָזען איבער בירושה נאָך זיך, טראָגט דעם שטעמפּעל פון אונזערע אמאָליגע צרות און ליידען". און אזעלכע טרויעריגע ווערטער זאָגט געטע, וועלכער ווערט בעטראכט — און מיט רעכט — אלס פאַוואָריט פון שיקזאַל!

ניטשע׳ן ריהרט דאָס, וואס שאָפּענהויער איז זיין גאַנץ לעבען געוועזן איינזאַם; קיינער האָט איהם ניט פערשטאַנען, ניט געלעזען זיינע ווערק, ניט אינטערעסירט זיך מיט זיין פּערזענ־ליכקייט. די צייטגענאָסען האָבען אזוי וועניג געוואוסט פון שאָ־פּענהויער׳ן, אז דער גרעסטער טייל עקזאמפּלארען פון דער ערש־טער אויפלאגע פון זיין פונדאמענטאלען ווערק, „די וועלט אלס ווילען און פארשטעלונג" האָט געמוזט פערקויפט ווערען אלס פּאַק־פּאַפּיר. שאָפּענהויער איז געוועזן א שטיפקינד פון זיין צייט, און עס דארף אונז ניט וואונדערען דאָס, וואָס ער איז איבערצייגט, אז יעדער גרויסער מענש איז אין קאָנפליקט מיט זיין צייט.

אין די לעצטע צייטען האָט זיך פערשפּרייט די מיינונג, אז דער גרויסער מענש איז א פּראָדוקט פון זיין צייט, דריקט אויס איהר גייסט און כאראקטער און איז פערפּליכטעט בעוואוסטזיניג צו שטרעבען צו זיין אַן אָרגאַן פון זיין צייט. די קאָנצעפּציאָן איז ניט אינגאַנצען א ריכטיגע. עס פערשטעהט זיך, אז דער גרויסער מענש שטעהט ניט אָן א זייט פונ׳ם געשיכטליכען שטראָם און איז אָבהענגיג פון דער ארבייט, וואס איז געטהון געווארען פון די פריהערדיגע דורות, אבער א פאקט איז, אז יעדע אידעע ווערט געבאָרען אינ׳ם בעוואוסטזיין פון אַן איינצעלנעם אדער אייניגע

מענשען, וואס זיינען ניט צוזעהטע פונקטען, אַבגעריסענע פון אַן אונעמפּפינדליכער, נידריג־שטעהענדיגער מאַסע, נור טאַלאַנטפולע פערזענליכקייטען, וואס ציהען צו די מאַסען צו זיך אנשטאט צו ווערען צוגעצויגען פון די מאַסען. דאָס, וואס מען רופט אָן דער גייסט פון דער צייט, איז אין אָנהויב געווען ניט מעהר, ווי דער גייסט פון א קליינער, אונבעדייטענדער מינאָריטעט. אינ׳ם קאמפף מיט אלע ווערען די געצעהלטע, די אויסערוועהלטע די מעהרהייט, אלע.

זייענדיג אודאי אונטער דער ווירקונג פון שאָפּענהויער׳ס קוק אויפ׳ן געניאַלען מענשען און זיין צייט, פאָדערט ניטשע, אז דער ערציהער זאָל ערציהען די יוגענד ניט אינ׳ם איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער צייט, נור אין אָפּאָזיציאָן צו זיין צייט. ניט דאָס רעאלע, נור א אידעאַלע געשטאַלט דארף שוועבען פאר די אויגען פונ׳ם יונגענמאן: אָבער וואס פאר א געשטאַלט, פרעגט זיך? די מאָדערנע צייט וויים פון דריי מענשענטיפּען, לויט ניטשע׳ן, וואס קענען דינען אונז אלס אידעאַלע געשטאַלטען, וועלכע בעשטימען אונזער לעבענסגאַנג. ערשטענס רוסאָ׳ס מענש: א טיטאַנישע, מעכטיגע געשטאַלט, וואס טרעט ארויס אין קאמפף נעגען די הערשענדע. רוסאָ׳ס מענש וויל אונבעגרענצטע פרייהייט, ער גלויבט אין דער הייליגקייט פון נאַטור, פאָדערט זיינע נאַטירליכע רעכט. דערנאָך קומט געטע׳ס מענש — ניט דער סענטימענטאַלער ווערטער אדער די רעוואָלוציאָנערע טיפּען, וואָס זיינען אזוי נאָהענט צו ווערטער׳ן און זיינען נאָך געמאָלט לויט רוסאָ׳ס רעצעפּט, אויך ניט פאוסט, ווי ער ענטפּלעקט זיך אין אָנהויב פון דער דראַמאַ, נור דער שפּעטערדיגער פאוסט, וואס איז ניט בעפרייער פון דער וועלט, נור א צושויער, א רוהיגער, גלייכגילטיגער צושויער, וואס איז ניט אַקטיוו און וויל זיך ניט אַקטיוו אריינמישען אינ׳ם לעבענסשפּיל. ניטשע דערמאָנט אָן די ווערטער, מיט וועלכע יאַרנאָ ווענדט זיך צו ווילהעלם מייסטער: „איהר זייט צורייצט און פערביטערט, דאָס איז גוט. ווען איהר זאָלט באלד קענען שטאַרק אין כעס ווערען, וואָלט געווען נאָך בעסער.״

ווערען שטאַרק אין כעס, כדי עס זאָל ווערען בעסער אויף דער

וועלט — דאָס פאָדערט פון אונז שאָפּענהויער'ס מענש. ער איז אמת'דיג און נעהמט אויף זיך בעוואוסטזיניג די לײדען, וועלכע יעדער אמת'ער מענש מוז אויסשטעהן. שאָפּענהויער'ס מענש פערשטעהט, אז א גליקליך לעבען איז ניט בעשערט מענשען, אז דאָס העכסטע, וואס א מענש קען דערגרייכען, איז א העראָאיש לעבען, א לעבען אין קאמפּף מיט די גרעסטע שוועריגקייטען. ער־ציהען אונז אין'ם גייסט פון אמת'ער, העראָאישער מענשליכ־קייט קענען נור אמת־מענשליכע פערזענליכקייטען, וואס זיינען עפּעס ווי געבאָרען געווארען א דאנק א גליקליכען שפּרונג פון די נאַטור־קרעפטען — דענקער, ערציהער, ארטיסטען, שאַפענדע און אלע יענע, וואס ווירקען אויף אונז מעהר דערמיט, וואס זיי זיינען, ווי דערמיט, וואס זיי טהוען, נעמליך די אלע עדעלע און גוטע, די מענשען פון גרויסען סטיל, וואס האָבען אויסגעגעבען דאָס גוטע און העראָאישע.

אין אזעלכע מענשען ליגט דער זין פון מענשליכער געשיכטע. ניטשע דריקט דעם דאָזיגען געדאנק אויס אזוי: די מענשהייט מוז ארבייטען אונערמידליך, כדי ארויסצוברענגען עטליכע גרויסע פון זיך. דערין — און נור דערין — בעשטעהט איהר אויפגאַבע. ניטשע איז ניט דער ערשטער, וואס האָט אויסגעדריקט אזא גע־דאנק. רענאַן, צום ביישפּיעל, זאגט כמעט דאָס זעלבע: „מיט איין ווארט, די מענשהייט דארף זעהן פּראָדוצירען גרויסע מענ־שען. זיי — און נור זיי — קענען אונז רעטען". אויך פלאָבער האָט געהאַט דיזעלבע איבערצייגונג. אין א בריעף צו זשאָרזש זאנד שרייבט ער: „דאָס בעסטע און קלוגסטע איז איבערגעבען די רעגירונג מאַנדארינען, פּאַראויסגעזעצט, אז זיי וועלען אימ־שטאַנד זיין עפּעס צו טהון אדער, בעסער געזאָגט, טהון וואס מעהר. עס איז אבסאָלוט ניט וויכטיג, צי וועלען נאָך הונדערטער טויזענ־דער פּויערים אויפהערען צו פאָלגען דעם גלח און זיין אימשטאַנד צו לעזען א בוך, אבער עס איז אונענדליך וויכטיג, אז אזעל־כע מענשען, ווי רענאַן און ליטרע זאָלען זיין צווישען אונז און האָ־בען זייער ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט. רעטען אונז קען נור אן אמת'ע אַריסטאָקראַטיע". עס איז זיכער, אז אי רענאַן, אי פלאָבער וואָלטען איינגעשטימט מיט ניטשע'ס גרונדגעדאנק, אז

די גאַנצע נאַציאָן איז ניט מעהר, ווי אַן אַרום־און־אַרומיגער וועג, איבער וועלכען די נאַטור געהט צו איהר ציעל — צום צעהנדלינג גרויסע מענשען.

דער דאָזיגער געדאַנק האָט ניט געשפּילט קיין ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער פילאָסאָפיע, איידער ניטשע האָט זיך גענומען איהם פּראָפּאַגאַנדירען. עס איז, צום ביישפּיעל, אינטערעסאַנט צו דערמאָנען זיך, ווי דער דייטשער פילאָסאָף עדוארד פאָן האַרטמאַן שטעלט זיך פאָר דאָס ציעל פון דער געשיכטע: לויט זיין מיינונג, דאַרף די מענשהייט שטרעבען צו דער פערניכטונג פון וועלט און לעבען. רעדענדיג אַמאָל מיט מיר, האָט האַרטמאַן מיר דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז געפאַלען אויפ'ן געדאַנק פון דער וועלט־צושטערונג. „מיר איז שוין פון לאַנג געווען קלאָר, האָט ער געזאָגט, אַז געשיכטע, אדער נעהמענדיג די זאַך ברייטער, וועלט פּראָצעס, מוז האָבען עפּעס אַ ציעל. וועלכען אָבער? דאָס ציעל האָט געקענט זיין נור עפּעס נעגאַטיוועס, ווייל די אַלע רייד וועגען אַ גאָלדענעם צייטאַלטער זיינען נאַרישע פאַנטאַזיען. אַזוי בין איך דערגאַנגען צו דער אידעע פון נעגאַציאָן פון דער וועלט, פון לעבען". האַרטמאַן האָט געגלויבט, אַז אַ העכערע, בעסערע מענשהייט וועט בעוואוסטזיניג מאַכען אַ סוף צום לעבענס פּראָצעס. דער געניאַלער מענש מוז, לויט האַרטמאַן'ען, בעהילפיג זיין דער מענשהייט אין דער דאָזיגער גרויסער ארבייט; איבריגענס האַלט האַרטמאַן דערפון, אַז די מענשהייט איז שוין איצט אין איהרע מיטעלע יאהרען, ד. ה. אַז זי איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע, אַז אויך אָהן דער הילף פון די געניאַלע מענשען, וועט זי פערווירקליכען איהר געשיכטליכען ציעל.

פערגלייכט מען די אַלע נעבעלהאַפטע רייד וועגען דעם וועלט פּראָצעס, וואָס שטרעבט צו פערניכטונג אדער בעפרייאונג — דער בעפרייאונג פון דער גאָטהייט, וואָס ליידט פון לעבען און זיין — מיט דעם, וואָס ניטשע זאָגט וועגען דעם ציעל פון דער געשיכטע, זעהט מען באַלד, ווי ניכטער און פערשטענדיג זיין געדאַנק איז, אַז דער מענשהייטס ציעלען דאַרפען ניט אַריבערגעטראָגען ווערען אין דער אונענדליכקייט, נור מוזען פערקערפּערט ווערען אין די העכסטע און בעסטע פערטרעטער איהרע.

ניטשע האָט זיין ענטפער אויף דער פראגע: וואס איז קולטור? זי איז א מיטעל צום גרויסען ציעל; דאָס ציעל איז דער גרויסער מענש. מיין פליכט, יעדען איינעמס פליכט איז צו זיין אקטיוו, פערבינדען זיין פערזענליכקייט מיט די גרויסע מענשליכע ציעלען. אנדערש אויסגעדריקט הייסט עס, אז יעדער איינער, וואס וויל ארבייטען פאר'ן גרויסען געשיכטליכען ציעל, מוז זעהן צו ענטוויקלען אין זיך און אויסער זיך דעם ארטיסט און דענקער, דעם ליבהאָבער פון אמת און שענהייט, די ריינע, גוטע פערזענליכקייט, שטרעבענדיג אויף אזא אופן צו פערפאָלקאָמענען די נאטור, האָבענדיג אין זין נור איין ציעל: א פאָלקאָמענע נאטור.

קולטור איז פארהאן דאָרט, און נור דאָרט, וואו די געזעלשאפט טהוט אלעם מעגליכע, כדי ארויסצוברענגען איינצעלנע גרויסע מענשען; דער דאָזיגער העכסטער צוועק בעשטימט אלעס אנדערע. וויל אבער די אזוי־גערופענע קולטורעלע געזעלשאפט ניט דעם געניאלען מענשען, שטרעבט זי סיסטעמאטיש, מיט אלע איהרע קרעפטען, ניט צו דערלאָזען, אז עס זאלען אויפקומען גרויסע מענשען, שטערענדיג, פון איין זייט, דער שאפונג פון אזא סביבה, אין וועלכער דער געניאלער מענש קען אָטמען און ענטוויקלען זיך, און קעמפפענדיג, פון דער אנדערער זייט, אָהן רחמנות מיט אלעם געניאלען, וואס שפראָצט דאָך ארויס אין דער אונפרוכטבארער סביבה, — איז אזא געזעלשאפט, ווי קולטורעל זי זאָל כלומר'שט ניט זיין, פיעל ווייטער פון אמת'ער קולטור, ווי די ערגסטע, אבגעשטאנענסטע בארבארען.

זיינען מיר ניט אויפ'ן שוועל פון אזא בארבאריי? שטעהען מיר ניט אין געפאהר צו ווערען בארבאריש? פאר די מייסטע קליינע נאציאנען איז די דאָזיגע געפאהר א רעעלע, שוין גאָר ניט קיין אויסגעטראכטע. פערשידענע אוטאָריטעטען בעהויפטען, אז קליינע פאָליטישע קערפער קענען ניט ארויסגעבען פון זיך קיין גרויסע גייסטער; דער איינדרוק איז אז געניאלע מענשען קען אויסטיילען פון זיך נור א קרעפטיגער, גרויסער פאָלקס אָרגאניזם. נאָרוועגיען, וואָס האָט געגעבען דער וועלט איבסען'ען, און בעלגיען מיט איהרע מעטערלינק'ס און ווערהארן'ס זיינען אויסנאַהמען. די קולטור געפאהר, וואס לויערט אויף די קלענערע פעלקער,

דארף זיי סטימולירען צו שווערער, אַנגעשטרענגטער קולטור אר־בייט.

אין דער לעצטער צייט האָבען מיר זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאנק, אז מענשען דארפען שטרעבען צו גליק; דאָס אלגעמיינע גליק, אדער יעדענפאלס דאָס גליק פון דער מעהרהייט, איז געוואָרען אונזער ציעל. זעלטען פרעגען מיר זיך אבער, וואס איז גליק. עס איז גוט צו זיין גליקליך, אָבער צי ניט מעהר גליק איין שעה, פערבראכט אין גן־עדן, ווי א גאנץ לעבען אין א פערוואלגערט ווינקעל? פון דער אנדערער זייט האָבען מיר זיך צוגעוואוינט אויך צו דעם, אז מיר מוזען זיין גרייט צו ברענגען אָפּפער דער נאַציאָן אדער פאָלקס מאסען. — דער נאציאָן, דער געזעלשאפט, אָבער ניט איינצעלנע, אויסדערוועהלטע, כהנים. דעריבער שאָקירט אונז אלעמען כמעט ניטשע'ס אידעע, אז א מענש דארף לעבען צוליעב עטליכע געקליבענע, אז זיין פליכט איז ווידמען זיין לעבען די דאָזיגע עטליכע גליקליכע אין די אינטערעסען פון מענשליכע קולטור. טראכט מען זיך אבער טיפער אריין אינ'ם ענין, זעהען מיר, אז דאָס פּראבלעם פון קולטור קען געלעזט ווערען נור אזוי, ווי ניטשע לעזט עס. פרעגען מיר, ווי אזוי דארף דאָס אינדיווידואום לעבען, אז זיין אינדיווידועלעם לעבען זאל האָבען דעם העכסטען ווערט און בעדייטונג, מוזען מיר ענטפערען אזוי, ווי ניטשע האָט געענטפערט. דער איינצעלנער מוז לעבען צוליעב'ן נוצען פון די זעלטענסטע און טייערסטע עקזעמפּלארען פון דער מענשליכער ראסע. טהוענדיג דאָס, וועט דער איינצעלנער אויך צוגעבען דעם גרעסטען זין דעם לעבען פון דער מעהרהייט, פון דער אלגעמיינהייט.

אונזערע קולטור פּיליסטערס קוקען אבער ניט אזוי אויף דער זאך. זיי זיינען די אָרגאניזירטע מיטעלמעסיגקייט, וועלכע געהט אין געשלאָסענע רייהען אויף איהר אויסגעטראָטענעם וועג, פערשטויסענדיג יעדען איינזאמען, טיפערען מענשען, וואָס שטרעבט צו העכערע ציעלען; ניט קוקענדיג אויפ'ן גרויסען טעכנישען פּראגרעס פון אונזער צייט, האָט דער געניאלער מענש איצט מעהר פיינד ווי אמאָל. פונ'ם שטאאט קען דער גרויסער מענש ווייניג וואָס ערוואַרטען; ניט איהם דער שטאאט עפּעס א

פערדינסט אָדער א סינעקור, קומט איהם דאָס זעלטען צונויץ. בעסער איז, אז דער שטאַאט לאָזט צורוה דעם גרויסען מענשען, גיט איהם אבסאָלוטע פרייהייט. היינטיגע צייטען איז דער גע־ניאלער מענש אין אייביגען קאמפף מיט דער ארומיגער וועלט, ער ווערט שנעל מיד, זיינע קרעפטען שעפען זיך אויס. נור אמת'ע קולטור, וואס וועט זיין געגרינדעט אויף ליעבע צום געניאלען מענ־שען, וועט בעפרייען איהם פון די קליינליכע דאגות און שטענדיגען קאמפף מיט דעם פיליסטערטום.

ניטשע איז דער טרעגער פון אזא קולטור: דערין ליגט זיין היסטאָרישע בעדייטונג. ער איז אן אונאבהענגיגער גייסט, וואס פערשפרייט דעם גייסט פון אונאבהענגיגקייט ארום זיך, ניטשע איז געווארען אן ערלעזער און בעפרייער פון זעעלען, אזוי ווי שאָ־פענהויער איז אין ניטש'עס יוגענד געוועזן פאר איהם א בע־פרייער.

2

„אונצייטגעמעסע בעטראכטונגען" — אזוי האָבען געהייסען ניטשע'ס ערשטע פיער ארבייט. דאָס איז כאראַקטעריסטיש פאר ניטשע'ן. ער איז און וויל זיין אונצייטגעמעס, ער וויל ניט געהן האנד אין האנד מיט זיינע צייטגענאָסען, ער האָט בעשלאָסען צו שווימען געגען דעם שטראָם פון דער צייט.

אין זיינע „אונצייטגעמעסע בעטראכטונגען" טרעט ניטשע שארף ארויס געגען דער מאָדערנער דייטשער בילדונג און ערציהונג, וועלכע האָט אזא גוטען נאָמען אין דער גאנצער וועלט: זי איז פאַלש אין תוך, ווייל לויט איהר תוך איז זי היסטאָריש און ניטשע איז איבערצייגט, אז אויב די מענשהייט קען ניט פריי אָטמען, און איז ניט פעהיג צו שטעלען זיך גרויסע, מוטיגע ציעלען, איז דאָס דערפאר, וואס זי טראָגט זיך ארום צופיעל מיט'ן היסטאָרי־שען, מיט'ן אמאָליגען, פערגאנגענעם. דאָס, וואס מען לערענט אונז אויף אלץ צו קוקען רעלאטיוו, היסטאָריש, שטערט אונז אי הנאה האָבען פונ'ם לעבען, אי טהון דאָס נויטיגע. א מענש, וואס קען ניט לעבען מיט'ן געגעבענעם מאָמענט, וואס קען זיך ניט איינ־גאנצען צוזאמענגיסען מיט'ן געגענווערטיגען, איז ניט פעהיג צו

זיין גליקליך אדער געבען אנדערע גליק: גליקליך זיין הייסט זיין אונהיסטאָריש. מהון עפּעס קענט איהר אויך, נור האָבענדיג פערגעסען יעדע פערגאנגענהייט אדער געמאכט זיך ניט־וויסענ־דיג פון איהר. דאָס פערגעסען, דאָס ניט־היסטאָרישע דענקען איז די געבעלהאפטע אטמאָספערע, פון וועלכער עס וויקעלט זיך ארויס יעדעס לעבען: שטעלט זיך פאָר א יונגערמאן, וועלכער איז ליידענשאפטליך פערליבט אין א פרוי, אדער א מאן, וועל־כער איז מיט׳ן גאַנצען הארצען איבערגעגעבען א בעשטימטער ארבייט; די ביידע ווילען גאר נישט וויסען פון דעם, וואס איז געווען אמאָל, פריהער, זיי זיינען איינגאַנצען פערטהון אין דעם איצטיגען — און דאָך איז זייער צושטאַנד (דער אונהיסטאָריש־סטען, וועלכען מען קען זיך נור פארשטעלען) גראָד יענער צו־שטאנד, אין וועלכען אלעס גרויסע, העלדישע, אונגעוועהנליכע, ווערט קאָנציפּירט און אויפגעפיהרט. דער וויסענשאפטליכער, היסטאָרישער קוק איז אפט א צושטערענדע קראפט; א געווי־סע מאָס פון היסטאָרישען וויסען קען ווירקען פערדארבענד אויף דער אקטיוויטעט און די פּראדוקטיווע קרעפטען פון א נאציאָן.

אין ניטשע׳ס ארגומענטען הערט זיך די שטימע פון א גע־לערענטען דייטשען פילאָזאָף, וועלכער טראכט וועגען זיך און זיי־נע קאָלעגען — געלערטע און קינסטלער, וואס זיינען ווירקליך אָפּ־פער פון׳ם איבערטריבענעם היסטאָרישען שניט פון דער מאָ־דערנער בילדונג. זייער צרה איז אָבער ניט א וועלט צרה: די דייטשע פּויערים אָדער סוחרים, זעלנער אָדער פאבריקאַנטען ליי־דען גאר ניט פון דער צרה.

רעדען מיר אָבער אפילו נור פון דייטשע געלערטע און קינסט־לער, מוזען מיר קלאָר פערשטעהן, אז אויב זייערע שאפענדע אינ־סטינקטען זיינען אָבגעשוואכט אדער פּאראליזירט, קען מען זיי ניט העלפען דערמיט, וואס מען וועט אויפהערען צו לערנען אין די שולען געשיכטע. מענשען, וואס האָבען אזעלכע אָרימע אינ־סטינקטען, אז אביסעל היסטאָרישעס וויסען האָט זיי געקענט אָב־שוואכען, זיינען אָן און פאר זיך אימפּאָטענט און אונבעדייטענד; פון זייער שאפען וואָלט די וועלט סיי ווי סיי קיין נוצען ניט גע־האַט.

אויפ'ן היינטיגען געלערטען און קינסטלער ווירקט פּאַראַ־ליזירענד ניט אַזוי דער טויטער היסטאָרישער באַלאַסט, מיט וועל־כען מען פילט אָן זיין קאָפּ, ווי דאָס געפיהל פון דערשלאָגענקייט און אינפעריאריטעט, וואס די ארבייט פון די גרויסע גייסטער אין דער פערגאַנגענהייט מוז דערוועקען אין איהם: בעטראַכט מען, וואס יענע, די אַלטע, האָבען שוין אויפגעטהון, ווערט אַלעס דאָס, וואס דער היינטיגער קען איצט טהון, אַזוי אונבעדייטענד, אַזוי קליין, אַז ער פערלירט יעדען אינטערעס צו זיין ארבייט. ווי זאָל, צום ביישפּיעל, אַ יונגער דייטשער דיכטער אָן אָנפאַנ־גער ניט ווערען פערצווייפעלט, דערמאָנענדיג זיך אָן געטע'ן און פערגלייכענדיג דאָס, וואס ער שרייבט, מיט געטע'ס ווערק! אָבער אַזאַ פערעהרער פון העלדישען און געניאַלען, ווי ניטשע, ועט, פערשטעהט זיך, ניט פערלאַנגען, אַז מיר זאָלען ארויסוואַרפען פון קאָפּ אַלעס, וואס מיר ווייסען וועגען די געניאַלסטע און גרעסטע מענשען.

דאָס, וואָס אונזערע היינטיגע קינסטלער און געלערטע האָבען ניט קיין מוט, פרישקייט, איניציאַטיוו, מוז האָבען טיפערע אור־זאַכען, ווי יענע, וואס ניטשע גיט אָן: מעהר פון אַלעמען איז שולדיג דערין די צופאַלונג און פעראָרימטקייט פון אינדיווידוּאַ־ליטעט, צו וועלכער די איצטיגע אָרגאַניזאַציאָן פון געזעלשאַפטלי־כען לעבען פיהרט. שטאַרקע פּערזענליכקייטען קענען אויף זיך שלעפּען אַ שווערע היסטאָרישע לאַסט און דאָך פעהיג זיין צו לע־בען זייער איינענאַרטיג לעבען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ניטשע'ס גאַנצער וועלטאַנשויאונג איז דאָס, וואס ער זאָגט וועגען די בעציהונגען פון לעבען און געשיכ־טע. געשיכטע קען, לויט זיין מיינונג, ברענגען נוצען יענעם, וואס פיהרט אַ גרויסען קאַמפּף און נויטיגט זיך אין לעהרער, טרייסטער און אידעאַלע געשטאַלטען, וועלכע ער בעגעגענט ניט צווישען זיינע צייטגענאָסען. אינ'ם ליכט פון דער געשיכטע גיסען זיך צוזאַמען אין אַ גרויסער איינהייט די אָבגעזונדערטע הערליכע מאָמענטען אינ'ם לעבען פון די גרויסע מענשען פון פערשידענע צייטען, צוגעבענדיג אונז מוט און קראַפט אין אונזער קאַמפּף מיט דער וועלט; נעהמט די גרויסע מאָמענטען איינציגווייז, אָהן

דעם געשיכטליכען צוזאמענהאנג, און זיי צושיטען זיך, פערבלאסען, פערלירען דעם גלאנץ. דערגעהען מיר פון דער געשיכטע פון איירָאפּא, אז א הייפעל מענשען האָט געשאפען די מעכטיגע, וואונ־דערבארע רענעסאנס קולטור, איז שוין ניט שווער צו גלויבען, אז אויך היינטיגע צייטען קען זיך איינגעבען א הייפעל אָריגינעלע גייסטער, וואס זיינען ערצויגען אין נייעם גייסט, אויסצוראָטען דאָס פיליסטערטום און זיין קולטור ווערק.

אודאי, קען געשיכטע האָבען אויך א שלעכטע ווירקונג אויף שוואכע, אונפּראָדוקטיווע מענשען. וואס פאר א זין האָט טרייבען יונגע קינסטלער אין בילדער גאלערען, אז דאָס בעסטע פאר זיי איז צו זיין וואס נעהענטער צו דער נאטור? ארומדרעהענדיג זיך אין די גאלערען, בעטראכטענדיג די גרויסע, געניאלע קונסטווערק, ווערען די אָנהויבער, די נאָך ניט זיכערע, אונרייפע יונגע מענשען צוטומעלט און פערלירען זייער מוט. געשיכטע קען אונז אויך מאכען אונפעהיג צו אקטיוויטעט, צו לעבען: זי בע־שאפט אילוזיאָנען, אז עס זיינען פארהאן בעשטימטע היסטאָרישע פערבינדונגען, וואָס ווידערהאָלען זיך, און עס דוכט זיך, אז דאָס, וואס איז געווען מעגליך אמאָל, איז מעגליך אויך איצט, ווען די בעציהונגען האָבען זיך געביטען: זי דערוועקט אין אונז פּיע־טעט, א געפיהל פון יראת הכבוד צו אמאָליגע, פערגאנגענע זאַ־כען, און דאָס שוואכט אָב די הענד פונ׳ם אקטיווען מענשען, וועלכער מוז שטענדיג אָנגריהרען, צוטרעטען, פערשוועכען עפּעס אמאָליגעס, עפּעס אן אויטאָריטעט. ענדליך ווירקט שלעכט אויף אונז געשיכטע אויך דערמיט, וואס מיר ווערען דורכגעדרונגען מיט א געפיהל, אז די אלע אמאָליגע נארישקייטען און פאלשקייטען זיינען אין אונזער בלוט אריבערגעגאנגען און אומזיסט וועט זיין יעדער קאמפּף מיט דער דאָזיגער ירושה.

ניטשע׳ן רעגט אויף די היינטיגע זינלאָזע ערציהונג: גע־בילדעט זיין הייסט ביי אונז האָבען א היסטאָרישע בילדונג, א היסטאָרישען קוק אויף זאכען. דאָס איז א סמן פון פאלשער קולטור; מיר האָבען אינגאנצען פערגעסען, אז קולטור דארף זיין דאָס, וואס זי איז געווען ביי די גריכען, נעמליך, א מאָטיוו, א סטימול, א קראפט, וואס טרייבט צו ארבייט, אָבער מיר קוקען

היינטיגע צייטען אויף בילדונג, ווי אויף אינערער קולטור, ווייל אין אמת'ען איז זי ניט מעהר ווי א אינוויינינגסטע טויטע מאַסע, וואָס האָט קיין ווירקונג ניט אויפ'ן מענשענס לעבען. די געבילדעטע מענשען פון אונזער צייט זיינען ניט מעהר, ווי געהענדיגע ענציקלאָפּעדיען. קומט זיי אוים עפּעס צו טהון, פאָלגען זיי א מיזעראַבעלער, פון אַלעמען אָנגענומענער קאָנווענציאָן, אָדער זיינען פּשוט אָהן סטיל, חיה, באַרבאַריש. די אַמאָליגע, פערגאַנגענע צייטען לעגען זיך מיט זייער גרויסקייט אָן אויף אונז, ווערען א לאַסט א שווערע, דער היינטיגער מענש האָט א געפיהל, אַז ער איז א פערשפּעטיגטער, א צושפּעט געקומענער, און זיין זאַך איז לערנען געשיכטע, אָבער ניט זעהן שאַפען געשיכטע.

אַפילו פילאָסאָפיע, — בעקלאָגט זיך ניטשע, האָבענדיג אין זין די דייטשע אוניווערסיטעטען, — ווערט אַלץ מעהר אַ געשיכטע פון פילאָסאָפישע סיסטעמען; אנשטאט צו זאגען דאָס גרויסע ווארט, דערצעהלען אונז די פילאָסאָפען, וואָס דער און יענער האָט געטראַכט וועגען דער און יענער פראגע. אין די אוניווערסיטעטען לערענט מען ניט פילאָסאָפיע, נור אקאדעמישע זקנים פיהרען אונשולדיגע געשפּרעכען מיט אַקאדעמישע זוינקינדער. די געבילדעטע וועלט בעריהמט זיך מיט דער פרייהייט פון געדאנק און פאָרשונג, וואָס הערשט איצט כמעט אין דער גאַנצער וועלט: אין אמת'ן איז דאָס אַן אָרימע, כלומר'שטיגע פרייהייט. אייך ווערט ערלויבט צו טראַכטען וואס איהר ווילט, אָבער טהון דארפט איהר דאָס, וואס עס טהוען אַלע, ד. ה. אַלע געבילדעטע, אַלע קולטור מענשען.

ניטשע פערשטעהט ניט, פאר וואס עפּעס בעטראַכטען מיר דעם היסטאָריש געבילדעטען מענש, דעם מענש מיט'ן היסטאָרישען קוק, פאר דעם *געלערענטסטען* פון אַלע מענשען. מיר לויבען דעם געשיכטס שרייבער, וועלכער שטרעבט צו ריינער דערקענטניש, ניט האָבענדיג קיין שום אינטערעס פאר די פּראַקטישע קאָנסעקווענצען פון זיין ארבייט, אבער עס זיינען דאָך פאַרהאַן אזוי פיעל אונבעדייטענדע, אונאינטערעסאַנטע, אונוויכטיגע דערקענטנישען. ס'אַרא שאָד, וואָס אזוי פיעל עהרליכע, אָבער בעגרענצטע פאָרשער יאָגען זיך נאָך זיי מיט אזא ליידענשאַפט. פאר

אַן אָביעקטיווען פאַרשער ווערט גערעכענט דער געשיכטס שריי־
בער, וואס מעסט די פערגאנגענהייט מיט דער מאָס פון די אַנגענו־
מענע מיינונגען אונזערע, פון יענע, וואָס גילטען אין אונזער צייט;
האָט ער אָבער די העזה ניט צו האַלטען שטאַרק פון די איצט הער־
שענדע מיינונגען, איז ער ניט מעהר ווי א סוביעקטיווער, אונווי־
סענשאפטליכער דערצעהלער. אלע מיינען, אז בעסער פון אלע־
מען קען בעשרייבען א געוויסע עפּאָכע א מענש, וואָס האָט צו
דער דאָזיגער עפּאָכע גאָר קיין בעציהונג ניט אָדער ליעבע אָדער
אינטערעס. דאָס איז פאַלש. פערשטעהן א פערגאנגענהייט קען
נור דער, וואס שמידט די צוקונפט און נור יענע געשיכטע, וואָס
איז א ווערק פון קונסט, קען וועקען אָדער פערשטאַרקען די לע־
בענס אינסטינקטען אין אונז.

געשיכטע, ווי זי ווערט איצט געלערענט, גיט אונז אזוי פיעל
לויזע איינדרוקען, ווארפט אויף אונז ארויף אזא דריקענדע שווער־
קייט, אז מיר פיהלען זיך ערמידעט, פערעלטערט, לעצטע, אל־
טיטשקע, ניט קוקענדיג, וואס אינגאנצען דרייסיג גענעראציאָנען
טיילען אונז אָב פונ'ם אָנהויב פון אונזער צייט רעכנונג.

שלעכט ווירקט אויף אונז אויך דער פאַראורטייל, וועלכען מיר
האָבען וועגען דעם זין און בעדייטונג פון דער וועלטגעשיכטע. מיר
האַלטען אין איין איבער'חזר'ן שילער'ס בעריהמטע פראַזע: „די
וועלט געשיכטע איז דאָס וועלט געריכט". א פאַלשע פראַזע!
די געשיכטע, דאָס פערגאנגענע ווערט פער'משפט און גע'משפט
נור פון אונז, פונ'ם מענש, פון אונזער געדאנק; מיר זיינען נאָך
אלץ אונטער דער ווירקונג פון העגעל'ס קוק אויף דער געשיכטע,
ווי אויף אַן ענטפלעקונג פון דער גאָטהייט; מיר האָבען זיך צו־
געוואוינט צו זעהן דאָס געטליכע אין אלעם היסטאָריש־געוועזענעם,
ערפאָלגרייכען, איינגעגעבענעם; מיר בעוואונדערען אלעס, וואס
גיט זיך איין; פערהערליכען יעדע געשעהעניש, ווי מיאוס און
ברוטאל זי זאל ניט זיין. אבער וואס האָט גרויסקייט, אמת'ע
גרויסקייט צו טהון מיט רעזולטאַטען, מיט ערפאָלג? דעמאָס־
טהען, וואס האָט ניט געהאַט קיין הערער, איז גרעסער פון קעניג
פיליפּ, וועלכער איז געגאַנגען פון נצחון צו נצחון. אין אונזערע ציי־
טען ווערט אלעס, וואס געשעהט, פאַר גוט אָנגענומען; אפילו

ווען דער געניאַלער מענש געהט אוועק פון דער וועלט אין די יונ־
גע יאָהרען, טרייסטען מיר זיך, אַז עס איז גוט, וואָס ער איז אין
צייט אוועקגעגאנגען און ניט איבערגעלעבט זיך. די אָרימע פראַג־
מענטען פון געשיכטע, וועלכע זיינען דערגאַנגען צו אונז, רופען
מיר אָן מיט דעם וואוילקלינגענדען נאָמען: וועלט פראָצעס. אזעל־
כע מענשען, ווי עדואַרד פאָן האַרטמאַן ברעכען זיך דעם קאָפּ,
ווי געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען און צו וואס דער געשיכטליכער
פּראָצעס פיהרט. די אַלע חקירות זיינען גאָר נישט ווערט. ניטשע
גלויבט, ווי אונזער דענישער דענקער קירקעגאָר, אַז מיר וועלען
קיינמאָל ניט וויסען, צו וואס מיר לעבען, אבער לעבען מיר שוין
יאָ, דארפען מיר זעהען מאַכען פון אונזער לעבען עפּעס בעדייי־
טענדעס, זיך שטעלענדיג די ערעלסטע ציעלען.

אָריסטאָקראטישע טענדענצען, וואס האָבען זיך שפּעטער
שאַרפער אויסגעדריקט, לאָזען זיך מערקען אין צאָרניגער אונצו־
פרידענהייט מיט דעם היינטיגען געשיכטס שרייבער׳ס פערהערלי־
כונג פון די מאַסען. אמאָל האָט מען געשריבען געשיכטע פונ׳ם
שטאַנדפּונקט פון די רעגירער; דער געשיכטס שרייבער האָט זיך
דאמאַלס אינטערעסירט נור מיט די פירשטען און קעניגען, ווי
אונבעדייטענד אָדער שלעכט אַנדערע פון זיי זיינען ניט געווען.
איצט שרייבט מען געשיכטע פאר די מאַסען, פונ׳ם שטאַנדפּונקט
פון די מאַסען, אָבער וואס זיינען די מאַסען? אדער קאָפּיען פון
גרויסע מענשען — שלעכטע, אונגעלומפּערט־רעפּראָדוצירטע קאָ־
פּיען, — אָדער שטערונגען, אָדער אַ געצייג אין דער האַנד פונ׳ם
גרויסען מענש. און אויב זיי זיינען ניט קאָפּיע, ניט שטערונג,
ניט געצייג, מוזען מיר זיי בעטראַכטען נור ווי סטאַטיסטישער מאַ־
טעריאַל, פון וועלכען דער טיפּזיניגער סטאַטיסטיקער שעפּט זיי־
נע בעריהמטע היסטאָרישע געזעצען. אזוי ווי די מאַסען זיינען
פויל, שפּירען הונגער, האָבען געשלעכטליכע אימפּולסען, ווערען
הונגער, פוילקייט, געשלעכטליכקייט בעטראַכט אלס היסטאָרישע
קרעפטען און ערשיינונגען; אַלעס, וואס בעוועגט די מאַסען, איז
גרויס און וויכטיג. האָט דער וואולגאַרער המון, צום ביישפּיעל,
איבערגענומען עפּעס אַ רעליגיעזע אידעע אָדער צוגעפּאַסט זי
צו זיינע בעדערפנישען, עקשנות׳דיג פערטיידיגט זי אין משך

פון יאָהרהונדערטען, ווערט דער אפּאָסטאָל פון דער אידעע אָנ־גענומען פאַר אַ גרויסען מענש און מיר האָבען די גרעסטע אכ־טונג צו איהם. ער האָט דאָך טויזענדער יאָהרען אויף זיין זייט — זאָגען מיר. ניטשע איז אָבער איבערצייגט, שטימענדיג איין מיט קירקעגאָר'ן, אז דאָס עדעלסטע און העכסטע ווירקט ניט אויף די מאסען; דעריבער איז דאָס, וואס אַ רעליגיאָן האָט געהאַט ערפאלג, האָט אַ בעשטאַנד, האָט זיך דערהאלטען ניט קוקענדיג אויף די יאָהרען, גיכער אַ בעוויז, אז דער גרינדער און אפּאָסטאָל איהרער איז גאָר ניט געווען קיין גרויסער מענש.

געוועהנליך, אז מען רעדט וועגען די היסטאָרישע געשעהעני־שען, וועלכע זיינען געווען געקרוינט מיט אַ פולשטענדיגען ער־פאלג, דערמאָנט מען מעהר פון אלעמען די רעליגיעזע רעפאָרמאַ־ציאָן. ניטשע זאגט, אז מיט'ן ערפאָלג פון דער רעפאָרמאַציאָן איז זיך ניטאָ וואָס צו פרעהען. צו דער רעפאָרמאַציאָן האָט ער אזעלכע טענות, וואס האָבען זיך קיינעם פון איהרע געגנער ניט גע'חלומ'ט. ניטשע ערקלערט דעם ערפאלג פון דער רעפאָרמאַ־ציאָן בעיקר דערמיט, וואָס די נאַציאָנען פון נאָרד אייראָפּא, וועל־כע האָבען זיך אָבגעריסען פונ'ם קאַטאָלישען גלויבען, זיינען דאַ־מאלס געשטאַנען אויף אַ נידריגער שטופע פון ענטוויקלונג. אינ'ם אלטען גריכענלאַנד האָט מען ניט איינמאָל געפּרואווט שאַפען אַ נייע רעליגיאָן; דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען. שולדיג זיי־נען דערין געווען ניט די איניציאַטאָרען פון די רעליגיעזע בעוועגונגען; אודאי האָבען אזעלכע מענשען, ווי פיטאַגאָר, פלאַטאָ, עמפּעדאָקט, געקענט, לויט זייער כאַראַקטער און קרעפטען, ווע־רען גרינדער פון נייע רעליגיאָנען, אָבער די מענשען, מיט וועלכע זיי האָבען געהאַט צו טהון, זיינען געווען אזוי אינדיווידואַליזירט, אזוי ראַפינירט, אזוי פערשידענאַרטיג, אז זיי האָבען ניט געקענט אָננעהמען אַן אלגעמיין־גילטיגע דאָקטרין, עפּעס אין וואָס אלע זאָלען קענען גלויבען און האָפען. דאָס, וואָס לוטער'ס רעפאָרמאַ־טאָרישע בעוועגונג האָט יאָ געהאַט אַן ערפאָלג אין נאָרד־אייראפּא, איז אַ בעוויז, אז די נאָרדישע קולטור איז שטארק אָבגעשטאַנען פון דער קולטור פון די זיד־אייראָפּעער. דאָס, וואס די מאסען זיי־נען געוואָרען פּראָטעסטאַנטיש, ערקלערט זיך דערמיט, וואס זיי־

האָבען דיזעלבע אונדיפערענצירטע גייסטיגע בעדערפנישען. די היידנישע וועלט, בעהויפּטעט ניטשע, וואלט קיינמאָל ניט געווען אַנגענומען דאָס קריסטענטום, ווען די רוימער וואלטען זיך ניט שטארק אסימילירט מיט די בארבארישע פעלקער. די קריסט־ליכע רעליגיאָן איז געווען די רעליגיאָן פון בארבארען און שקלא־פען: בארבארען און שקלאפען האָבען עס מזכה געווען די הערי־רען פון דער וועלט מיט דער נייער אמונה.

איצט פערשטעהען מיר שוין, פאר וואס ניטשע לייקענט די ערציהערישע קראפט פון א היסטאָרישער ערציהונג: נור דער, וואס קען דאָס לעבען און שמידט לעבען, קען שעפען קראפט פון געשיכטע און האָבען א נוצען פון איהר; אנדערע ווערען אָבגע־שוואכט פון דעם געשיכטליכען קוק, אונפּראָדוקטיוו, דערשראָקען, זיי פיהלען זיך ווי שפּעט־געקומענע, איבעריגע, אָדער, וואס דאָס איז נאָך ערגער, זיי הויבען אָן צו בוקען זיך פאר אלעמען, וואס איז געשעהן און האָט זיך דורכגעבראכען א וועג.

ניטשע טרעט שארף ארויס געגען יעדען היסטאָרישען אָפּ־טימיזם, אָבער ער וויל אבסאלוט ניט הערען פון דעם געוועהנליכען, שטארק פערשפּרייטען פעסימיזם, וועלכער נעהמט זיך פון דעגע־נערירטע אָדער אָבגעשוואכטע אינסטינקטען — פון דעקאַדאַנס. ער חלומ׳ט וועגען א נייער טראגישער קולטור, וואס דארף גע־שאפען ווערען, אין וועלכער עס זאָל ווידער אמאָל געפינען אַן אויסדרוק דער גייסט פונ׳ם אַלטען גריכענלאַנד. שאָפּענהויער׳ס פעסימיזם בעפרידיגט ניטשע׳ן ניט, ווייל ער האָט אַן עקעל צו יעדער רעזיגנאציאָן און אסקעטיזם; ער האלט פונ׳ם פעסימיזם פון די געזונדע, אזא פעסימיזם, וואס נעהמט זיך פון צופיעל קראפט, פון דער שוימענדער מאכט, וואס גיסט זיך איבער׳ן ראנד. ניטשע׳ן דוכט זיך, אז אזא איז געווען דער פעסימיזם פון די גריכען.

די דאָזיגע געדאנקען האָט ניטשע ענטוויקעלט נאָך אין זיי־נע יונגענד יאָהרען אין א געלערנטען און טיפזיניגען ווערק „די געבורט פון דער טראגעדיע אדער גריכענטום און פעסימיזם”, אין וועלכען ער האָט בעשריבען צוויי כאראקטעריסטישע ערשיינונ־גען פונ׳ם גריכישען לעבען, וועלכע ער האָט אָנגערופען דאָס אַפּאָ־

לאָנישע און דיאָניסישע. אפּאָלאָ און דיאָניס דריקען אויס דעם געגענזאַץ צווישען פּלאַסטיק און מוזיק. אפּאָלאָ איז חלום, דיאָניס — שכרות. אין חלום האָבען זיך געטער־געשטאַלטען בעוויזען צום מענשען; די וועלט פון חלומות איז די וועלט פון הערליכע אילוזיאָנען. קוקען מיר אָבער אריין אין די טיפענישען פונ'ם מענשענס הארץ, לאָזען מיר זיך אראָב טיפער פון גרעאַנק און פאַנטאַזיע, שטעהען מיר אינמיטען פון א וועלט פון שרעק און עקסטאַז, פונ'ם קעניגרייך פון דיאָניס. אויף דער אויבערפלאַך קיניגט שענקייט, מאָס, פּראָפּאָרץ, אָבער טיפער, אין דער טיף שוימט די הערליכע, אונענדליכע נאַטור מיט עקסטאַטישער פרייד און שווערער פיין. אינ'ם שיין פון ניטשע'ס שפּעטערע אידעען, זעהען מיר קלאָר, וואָס פאר א טיפערע מאָטיווען האָבען שוין אין דער יוגענד געטריבען איהם אויסצופאָרשען דאָס גריכישע אַלטערטום. שוין דאַמאַלס האָט ער געפיהלט, אַז אונזער קריסטליכע מאָראַל איז געווענדט געגען נאַטירליכען; ער זוכט א געגענקראַפט און האָט זי ענטדעקט אין דעם ריין־אַרטיסטישען פּרינציפּ, וואָס איז ראַדיקאַל ענטגעגענגעזעצט דעם קריסטענטום, וועלכען ער רופט אָן: דאָס דיאָניסישע פּרינציפּ.

איצט איז שוין אונז קלאָר געוואָרען, ווער ניטשע איז. וואָס פאַר א מענש מוז זיין יענער, וואָס האָט אַזאַ גליהענדע פיינדשאַפט צום פיליסטערטום? ער מוז זיכער זיין א קינסטלער. ווער איז דער שרייבער, וואָס וואָרנט אונז אַזוי איבערצייגט געגען די געפאַהרען פון א היסטאָרישער בילדונג, פון א היסטאָרישען וועלט־קוק? א פילאָלאָג, א געלעהרטער, וועלכער האָט אַליין איבערגעלעבט די אַלע געפאַהרען, וועגען וועלכע ער שרייבט; וועלכער איז געוועזען נאָהענט צו ווערען אַן עפּיגאָן, א צו־שפּעט־געקומענער, און איז געוועזען גענייגט צו פערגעטערען יעדען ערפאָלג, יעדע היסטאָרישע געשעהניש. ווער איז דער שרייבער, וואָס האָט אַזוי ליידענשאַפטליך געפּרעדיגט, אַז קולטור איז פערגעטערונג פונ'ם גענימאַלען מענשען? זיכער ניט קיין עקערמאַן נאַטור, נור אַן ענטוזיאַסט, וועלכער איז גרייט צו פאָלגען בעפעהלען, ניט זייענדיג בעפעהלענד; א מענש מיט שטאַרקע הערשער אינסטינקטען, וועלכער פערשטעהט, אַז די מענשהייט האָט נאָך ניט איבערגעוואַקסען

די היסטאָרישע אַלטערנאַטיווע: זיי הערשער אָדער דינען דעם הערשער! נור דערמיט ערקלערט זיך ניטשע די גרויסע פרייד, וואס נאַפּאָלעאָנ'ס פּערזענליכקייט האָט דערוועקט אין טויזענ־דער הערצער. ענדליך איז געקומען איינער, וואס קען בעפעה־לען און הערשער זיין.

ניטשע פּרעדיגט ניט קיין אונטערטעניגקייט אין מאָראַלי־שע בעציהונגען; ער ווארפט אונזער איצטיגער מאָראַל פאָר גראָד דאָס, וואס זי שרייבט פאָר אונטערטעניגקייט אלס דאָס העכ־סטע מאָראַלישע געבאָט, אנשטאָט צו פאָדערען, אז יעדער זאָל זיך אליין דיקטירען זיין אייגענע מאָראַל.

די מיליטערישע ערציהונג און זיין אנטיילנעהמען אין דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה האָבען געעפענט ניטשע'ן די אויגען אויף די שטרענגקייט, טאַפּפערקייט און מענשליכקייט פון זיין כאַראַקטער און געמוזט אָנפילען איהם מיט גרויסען עקעל צו יעדער ווייכקייט און פערצערטעלטקייט. מיט שרעק און צאָרן האָט זיך ניטשע אָבגעקעהרט פון דער מיטליידס־מאָראַל, וועלכע שאָפּענהויער האָט פערטיידיגט, און פון די ראָמאַנטיש־קאַטוי־לישע עלעמענטען אין וואגנער'ס מוזיק, ניט קוקענדיג וואס נאָך גאָר ניט לאַנג האָט ער פערגעטערט אי שאָפּענהויער'ן, אי וואג־נער'ן. ער האָט פערשטאַנען, אז ער האָט פריהער זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט און פאַלש פאָרגעשטעלט אי שאָפּענהויער'ן, אי וואגנער'ן; א געזונדער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג האָט געצוואונגען איהם צו קוקען אויף זיי אין גאָר אן אנדער ליכט. דער בעטריבטער גייסט בעשאַפט יענע העלפער, וועלכע ער מוז האָבען. אזוי האָט ניטשע שפּעטער געווידמעט זיין ווערק „דאָס מענשליכע אַלצו־מענשליכע", וועלכע איז געוועזן פערעפענטליכט הונדערט יאָהר נאָך וואָלטער'ס טויט, „די פרייע גייסטער" צווי־שען זיינע צייטגענאָסען; אין זיינע חלומות האָבען איהם פאָר־בייגעשוועבט גענאָסען, וועלכע ער האָט אין לעבען ניט בעגע־גענט.

די שווערע און פּיינפולע קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם אָנ־געהויבען צו מאַטערען אינם־צוויי־און־דרייסיגסטען יאָהר פון זיין לעבען, האָט איהם געטריבען צו איינזאַמקייט, האָט געטויט יע־

דע שפור פון פאלשער ראָמאַנטיק אין זיינע האקציען און בע־פרייט זיין גייסט פון יעדער פיעטעט. ער איז אוועקגעגאַנגען ווייט פון יעדען פעסימיזם, זאָגענדיג זיך שטאָלץ, אז דאָס, וואָס לעבט, האָט ניט קיין רעכט צו זיין פעסימיסטיש. דער קראַנק־הייט פערדאַנקט ער זיין פילאָסאָפיע. זיינע גדאַנקען האָבען זיך אוועקגעלאָזט אין פערבאָטענע שטעגען. ער האָט אָנגעהויבען צו פאָרשען, צו צווייפלען, איבערקעהרען אַלע אָנגענומענע ווערטען. דאָס ווערט בעטראַכט פאַר עפּעס פאָזיטיוועס, האָט ער זיך געטראַכט, אפשר פאַרקעהרט! דאָס איז גוט, זאָגען זיי. אפשר איז דאָס גאָר שלעכט? איז ניט גאָט אַן אונזין? נו — און דער טייפעל? צי נאַרען מיר זיך ניט אָדער אפשר זיינען מיר גענאַרטע פערנאַרער?

און ענדליך האָט פון דער שווערער, פיינליכער קראַנקהייט ארויסגעשפּראָצט אַ ליידענשאַפטליכער בעגעהר צו געזונדהייט, צו פרייד — דאָס איז די פרייד פון אַ גענעזענעם, וועלכער האָט זיך שוין מיאש געווען פון אַלעמען און ווידער דערזעהן ליכט, וואַרימקייט, די דרויסענדיגע וועלט; איצט שפּילט ער זיך, אַ גליקליכער, מיט לייכטע גדאַנקען, אַ טיפען האַריזאָנט, דער שאַ־פענדער לוסט, די וויזיאָנען פון אַ נייעם פריהמאָרגען, זיכער נעהמט זיך דער גענעזענער צו זיין שאַפענדער ארבייט.

3

די ענגלישע אוטיליטאַריסטישע מאָראַל איז ניט געווען צום האַרצען ניטשע׳ן. שוין עדואַרד פאָן האַרטמאַן האָט געפּרואווט בעווייזען, אז ס׳איז אונמעגליך אין דערזעלבער צייט שטרעבען צו קולטור און ערוואַרטען גליק, דאָס גליק, וועלכעס די ענגלישע אוטיליטאַריסטען האָבען פאַרגעשטעלט אלס דאָס העכסטע ציעל פון יעדער מאָראַל. ניטשע איז צוגעגאַנגען גאָר פון אַן אַנדערער זייט צו דער גרונד אידעע פון די אוטיליטאַריסטען — צו דער אידעע פון גליק. די מאָראַל פון גליק וויל פערשאַפען מענשען וואָס מעהר פרייד און וואָס וועניגער ליידען. איז דאָס מעג־ליך? צי זיינען ניט, פרעגט ניטשע, פרייד און ליידען אַזוי ענג פערבונדען, אז דער, וואָס וויל פרייד און גליק, מוז אויך פאַר

ליעב נעהמען צרות און פּיינען ? ביי נעטשע'ן זינגט קלערכען: „פּער'שכור'ט פון פרייד, צום טויט בעטריבט". ווער ווייס, אפשר ערוואכט די שכרות פון פרייד נור אינ'ם הארצען פון דעם צום טויט בעטריבטען ? די גריכישע סטאָאיקער האָבען אזוי געטראכט, און דעריבער האָבען זיי, ווילענדיג אויסמיידען ליידען, געפּאָדערט וואס ווייניגער פריידען פון לעבען. אויך אין אונזערע טעג גילט דאָס, וואס האָט געגאָלטען אין אַלטערטום; אויך איצט מוז דער מענש, וואָס וויל זיין בעוואָרענט געגען גרויסע ליידען, אָבזאָגען זיך פון דער האָפנונג אויפ'ן גרויסען, אינטענסיוועז גליק.

ניטשע רעכענט זיך גאָר ניט דערמיט, וואס די געוועהנליכע צרות, די ערנידריגענדע קליינע אומגליקען, אזעלכע ווי הונגער, נויט, אונגעזונדע, אָנגעשטרענגטע ארבייט ברענגען נור ליידען און קיין טראָפּען גליק ניט. טו וואס בעדעכטיגט זיי ? צוגעגעבען, אז אלע מענשליכען פריידען און פערגניגען מוזען צו טייער בעצאָהלט ווערען, אבער עס זיינען דאָך פאראן אזוי פיעל שווערע, אומגעלומפּערטע ליידען, וואס ווערען ניט אויסגעקויפט מיט קיין פרייד.

בלייבענדיג טריי זיין אריסטאָקראטישער וועלט אָנשויאונג, פּאַלט ניטשע ליידענשאַפטליך אָן אויף דעם ענגלישען אוטיליטאריסט בענטאַם'ס טעזיס, אז דאָס ציעל פון מאָראַל איז זעהן, אז וואס מעהר מענשען זאָלען געניסען וואס מעהר גליק. בענטאַם וואָלט, פערשטעהט זיך, געוואָלט פערזיכערען יעדען איינעם מיט גליק, אבער אזוי ווי דאָס איז אונמעגליך, בענוגענט ער זיך מיט דעם גליק פון דער מעהרהייט מענשען. אָבער צו וואס זאָלען וואס מעהר מענשען זיין גליקליך ? ווער זיינען זיי — די מעהרערע, די מייסטע ? עס האָט אַ זין ווינשען גליק די בעסטע, די איידעלסטע, אָבער עס איז נאָך אַ גרויסע פראגע, וואס איז בעסער: צי אונגלייכהייט, וואס ענטוויקעלט קולטור אָדער אַ זאַט, צופריעדען, מיטעלמעסיג לעבען און גלייכהייט ?

ניטשע אַנאַליזירט די אַלטרואיסטישע מאָראַל. זיין מאָראַליש הייסט זיין אַלטרואיסטיש, אונעגאָאיסטיש, האָבען אין זין אַנדערע — זאָגט מען אונז. אָבער וואס הייסט גוט ? גוט —

אבער פאר וועמען? זיכער ניט פאר יענעם, וואס ברענגט זיך פאר אן אפפער, נור פאר'ן אנדערען, וואס האט נוצען פון דעם אפפער. דער, וואס לויבט די אלטרואיסטישע טוגענדען, לויבט עפעם אזוינס, וואס איז גוט פאר דער געזעלשאפט, אבער שעד־ליך פאר'ן איינצעלנעם מענשען. דער שכן דיינער, וואס וויל אזוי שטארק, אז דו זאלסט איהם ליעב האבען אהן אלע עגאאיס־טישע כונות, איז אליין גאר נישט אזוי שטארק פערליבט אין דיר. אין דער אלטרואיסטישער מאראל איז דא א טיפער ווי־דערשפרוך; זי פאדערט, אז דו זאלסט אבזאגען זיך פון דיין איך צוליב אן אנדערען איך, אבער עס איז אבסאלוט אונפער־שטענדליך, מיט וואס איז דער אנדערער איך בילכער און העכער פון דיינעם.

דאס וויכטיגסטע אין יעדער מאראל, לויט ניטשע'ן, איז דאס, וואס זי דיסציפלינירט דעם מענשען, האלט איהם אין א צוים, לעגט ארויף א צוואנג אויף איהם. אזוי ווי די דיכטערישע שפראך האט מעהר קראפט און פרייהייט טאקי א דאנק דעם צוואנג פון פארם, ריטם און פערז, און אלעם פרייע און ראפינירטע אין מו־זיק, טאנץ, פלאסטיק איז א רעזולטאט פון געזעצמעסיגקייטען, צו וועלכע די קונסט איז פערשקלאפט, אזוי קען אויך די מענשלי־כע נאטור זיך ענטוויקלען און וואקסען, נור זייענדיג אונטער א צוואנג. צוואנג, דיסציפלין איז ניט עפעס אונגעוועהנליכעס, אונ־נאטירליכעס, דאס איז די נאטירליכסטע ערשיינונג אין דער וועלט.

ניטשע איז איבערצייגט, אז דער מענש מוז אונטערארד־נען זיך, פאלגען, דינען א לענגערע צייט און אין דערזעלבער ריכ־טונג. דו מוזט אונטערארדנען זיך עמיצען אדער עפעס א לענ־גערע צייט, אדער דו וועסט אומקומען! — דאס איז, ווייזט אויס, דער מאראלישער אימפעראטיוו פון דער נאטור, וועלכער איז זי־כער ניט קאטעגאריש (ווי קאנט האט געמיינט) און ווענדט זיך אויך ניט צום איינצעלנעם מענשען (די נאטור ארט ניט דער איינ־צעלנער), נור געווענדט איז ער צו נאציאנען, קלאסען, עפאכען, ראסען — צו דער מענשהייט. יעדע מאראל, וואס ווענדט זיך צום איינצעלנעם, האבענדיג אין זין זיין גליק, זיינע אייגענע

אינטערעסען, איז ניט מעהר, ווי א קאָלעקציאָן פון רעצעפּטען און גוטע עצות, ווי צו האַלטען אין צוים די ליידענשאַפטען, וואס קענען ווערען שעדליך. די דאָזיגע כלומר'שט פּערזענליכע מאָראַל איז שוין דערפאַר אונזיניג, וואס זי ווענדעט זיך צו אַלע אָהן יעדען אונטערשיד, ניט רעכנענדיג זיך מיט'ן כאַראַקטער פון דעם איינצעלנעם, און פּעראַלגעמיינערט דאָס, וואס קען ניט און טאָר ניט פּעראַלגעמיינערט ווערען. קאַנט האָט אונז געוואָלט געבען א קריטעריום פון גוטען און שלעכטען, אבער זיין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו קען אונז ניט בעפרידיגען. ער זאָגט אונז: „טהו דאָס, וואס האָט געקענט ווערען א געזעץ פאר יעדען אַנדערען!" אבער מיר ווייסען, אז עס זיינען ניטאָ קיין אידענטישע האַנדלונגען. דאָס, וואס דו טהוסט, איז איינציג אין זיין אַרט, און ווען אַן אַנדערער טהון דאָס זעלבע, וועט דאָס שוין זיין ניט דאָס זעלבע, נור עפּעס אַנדערש. דעריבער איז אויך נאַטירליך, וואס אַלע מאָראַלישע געבאָטען און פארשריפטען האָבען צו טהון נור מיט'ן רויה־דרויסענדיגען, אָבער ניט מיט דעם אינערען, מיט דער זעעל.

נו — און די שטימע פון געוויסען ? פרעגען אַנדערע. די צרה איז, וואס מיר האָבען ניט איין געוויסען און הינטער אונזער מאָראַלישען געוויסען בעהאַלט זיך דאָס אינטעלעקטועלע געוויסען, וואס צונעהמט אויך דאָס מאָראַלישע געוויסען אויף פּיצלעך. דאָס אינטעלעקטועלע געוויסען אונזערס בעמערקט, אז דיין געוויסען וואַרצעלט אין דיינע אינסטינקטען, סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, דיינע ערפאַהרונגען אדער דעם צו־ווענעיג פון ערפאַהרונגען און זאָגט דיר רוהיג, אז ווען דו וואָלטסט געהאַט אַנדערע אינסטינקטען און ערפאַהרונגען, וואָלט דיין געוויסען אויסגעזעהן גאָר אַנדערש.

עס איז ריכטיג, אז אונזערע בעגריפען פון גוטען און שלעכטען, אונזערע מאָראַלישע אָבשאַצונגען זיינען מעכטיגע טרייבקרעפטען פון אונזערע האַנדלונגען, אבער דאָס הייסט ניט, אז מיר מוזען זיי נעהמען, ווי זיי שטעהען און געהען. מיר דאַרפען זיין איבערקלייבעריש, אויסקלייבען דאָס, וואס איז גוט פאר אונז

און אויף אייגענער פעראנטווארטליכקייט איבערבויען און אויס־בויען זיך א מאָראל.

די אלגעמיין־גילטיגע מאָראל, די מאָראל פאר אלע, וועלכע ווערט געפּרעדיגט פון אנדערע מאָראליסטען, שטויסט אָב דעם אינדיווידואליסטישען ניטשע. אזא מאָראל איז אינהאלטסלאָז, נישטיג. ער גיט די מאָראל פּרעדיגער א גוטע עצה: אנשטאט צו פּרואווען ערציהען די מענשהייט, זאָלען זיי טהון דאָס, וואס די פּעדאגאָגען פונ׳ם 17טען און 18טען יאָהר הונדערט האָבען געטהאָן, ד. ה. זאָלען זיי קאָנצענטרירען אלע זייערע קרעפטען אויף דער ערציהונג פון איינצעלנע מענשען. געוועהנליך, אבער, זיינען די דאזיגע אפּאָסטאָלען פון מאָראלישער ערציהונג אליין גאנץ וועניג און גאנץ שלעכט ערצויגענע מענשען און זעהר זעל־טען טרעפט, אז זייערע קינדער זאָלען דערהויבען זיך איבער מאָ־ראלישער מיטעלמעסיגקייט.

דער, וואס פיהלט, אז ער איז ניט ווי אנדערע, אז ער איז א פּערזענליכקייט, אז ער קען ניט פערגליכען און אויסגעגליכען ווערען מיט אנדערע, מוז ווערען זיין אייגענער געזעצגעבער. דאס וויכטיגסטע איז צו סטיליזירען דעם כאראקטער. סטיליזירען דעם אייגענעם כאראקטער הייסט איבערפורעמען, איבערגעשטאלטען איהם; דאָס הייסט, האָבענדיג דערקענט זיך, די גוטע און שלעכ־טע זייטען אין אייגענעם כאראקטער, שטרעבען צו בעפרייען זיך פון אלעמען, וואס איז ניט צום הארצען דיר און צוגעוואוינען זיך, ארייננעהמען, איינזאפּען אין זיך אלעם, וואס איז צום האר־צען דיר. א מענש דארף נעהמען זיך אין האנד, אָנטהון זיך א צוואנג, אונטעראָרדנען זיך, זיין נאטור, דעם פון זיך אליין גע־שמידטען געזעץ; נור טהוענדיג אזוי, קען דער מענש מיט דער צייט זיין צופרידען מיט זיך, האָבען פון זיך פרייד, ווערען א קוואל פון פרייד פאר אנדערע. דען די אלע אונצופרידענע און אומגליקליכע, די אלע, וואס האָבען קיין ערפאלג ניט, נעהמען שטענדיג נקמה פון אנדערע פאר זייערע אומגליקען. זיי ווערען צובייזערט, דעמאָראליזירט און פערגיפטעט פון זייער אונפעהיג־קייט און פון דער אָרעמקייט פון זייער לעבען; זיי דורשטען נאָך נקמה און קענען ניט פערצייהען די גליקליכערע, הארמאָנישע נאָ־

טורען. אזעלכע מענשען האלטען אין איין רעדען וועגען מאָראַל און טוגענד, זיי פּלאַפּלען וועגען ערענסטקייט און אונשולד, עהר־ליכקייט און גליק, אָבער אין זייערע פערטריקענטע און פערדאַר־בענע הערצער ברענט די אייביגע קנאה צו אלע, וואס האָבען א גליקליכע, הארמאָנישע זעעל און קענען זיך פרעהען מיט'ן לע־בען און זיינע מתנות.

טויזענדער יאהרען איז מאָראַל געווען אן אויסדרוק פון טראַ־דיציאָן און אָנגענומענע זיטע. יעדער איינער האָט זיך געבוי־גען פאר די אָנגענומענע, טראַדיציאָנעלע לעבענספאָרמען; א פרייער, אָריגינעלער מענש, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו ברעכען דעם יאָך פון טראַדיציאָן, איז געווען בעטראַכט פאר אן אוננאָרמאַלען מענשען, אן אויסוואורף, א פערזעהעניש. זעהר אָפט האָט דער פרייער מענש געקוקט אליין אויף זיך, ווי אויף א שרעק, א רעטעניש, זייענדיג היפּנאָטיזירט פון דער מאָראַל פונ'ם שטאַם. אונבעוואוסטזיניג האָבען אלע שטאַמגענאָסען גע־שאַפען די מאָראַל פונ'ם שטאַם; פון דער דאָזיגער מאָראַל האָבען געהאַלטען אלע, זי איז געווען א הייליגטום, א זעלבסטפערשטענד־ליכע זאך. יעדען טאָג האָבען זיך געמעהרט בעווייזען, אז מען טאָר ניט ברעכען דאָס אָנגענומענע געזעץ, דעם מנהג, ווייל יעדער אויפשטאַנד געגען דעם אָנגענומענעם, יעדע שולד און פערברע־כען ווערט בעשטראַפט און דער, וואס פיהרט זיך ניט עהרליך ווי אלע, מוז אָבשניידען שלעכט. אזוי ווי אין לעבען פיהרט זיך טאַקי, אז מייסטענס שניידען מיר אָב שלעכט, איז די פּרימיטיווע מענשען ניט שווער געווען איינצורעדען זיך, אז זייער מאָראַל, וואס איז געווען געמישט פון עלעמענ־זען פון א פאַנטאַסטישער וויסענשאַפט און א נאָך פאַנטאַסטישער פאָלקס־היילקונסט, איז טאַקי די ריכטיגע, די אמת'ע.

די זיטען און בעגריפען פון די פּרימיטיווע פעלקער זיינען געווען דער רעזולטאַט פון זייער לעבענס־ערפאַהרונג; דאָס, וואס זיי האָבען געהאַלטען פאר ניצליך אדער שעדליך, איז פערקער־פּערט געווארען אין זיטען און מאָראַלישע געבאָטען. אויפ'ן באָ־דען פון דער ווירקליכקייט, פון אינטערעסען און אינסטינקטען איז אויסגעוואקסען דאָס מאָראַלישע געפיהל, וואס האָט ניט גע־

וואלט וויסען פון קיין פערוואנדשאפט מיט דער אָרימער ווירקליכקייט. דאָס מאָראַלישע געפיהל האָט נעקוקט אויף זיך, ווי אויף אַן אוטאָנאָמע, אונאבהענגיגע מאכט. בעוואוסטזיניג האָט מען נעהאלטען עפּעס פאר מאָראַליש ניט דערפאר, וואס ס'איז פּראקטיש, ניצליך, נור דערפאר, וואס דאָס איז אָנגענומען פון הונדערטער יאָהרען. אלעס, וואס האָט נעהאַט אויף זיך דעם שיין פון טראדיציאָן, האָט נעוועקט דרך ארץ, פּיעטעט, שרעק.

פערגעסען דארף מען ניט, אז אינסטינקטען שטאַרבען ניט אָב אזוי שנעל. עס בייטען זיך די לעבענספארמען און בעגריפען פון מענשען, און אינסטינקטען שניידען זיך אלץ דורך א וועג אויף אַן אונערווארטעטען, פערפּלאָנטערטען שטיינער. דאָס קענען מיר זעהען אָן דער עוואָלוציאָן פון דעם גרויזאמקייטס־אינסטינקט. אין אַלטערטום, אין די צייטען, ווען די שטאַמען און פעלקער האָבען שטענדיג געפיהרט בלוטיגע מלחמות, איז קראַפט, טאַפּפערקייט, גרויזאמקייט געווען פערהערליכט. דער אידעאַלער מענש איז געווען דער מענש, וואס קען זיין גרויזאם און פערטראגען יענעמס גרויזאמקייטען. שוין פון די עלטסטע צייטען אָן האָט מען לכבוד נצחונות פון דעם שטאַם און אַנדערע אונגעווענליכע געשעהנישען, געבראכט מענשליכע אָפּפער, געפּייניגט שקלאפען, זייענדיג איבערצייגט, אז די געטער האָבען גרויס פערגניגען פון מענשליכע פּיינען. אין יענע צייטען איז דאָס פּייניגען געווען א געווענליכע ערשיינונג — און א לויבענסווערטע. מיט דער צייט, ווען די געזעלשאפט איז שוין איבערגעגאנגען צו ציוויליזאציאָן, האָבען זיך געענדערט די מאָראַלישע איבערצייגונגען, נור ניט דער אינסטינקט. איצט איז געווען פערהיילינט שוין ניט דאָס פּייניגען אנדערע, נור דאָס פּייניגען זיך אליין, זיין אייגענע לייב. מאָראַלישע נאַטורען האָבען איצט א געפיהל, אז אָבזאָגענדיג זיך פון תענוגים און פריידען, אָנטהוענדיג זיך ענוים און צרות, לייטערט מען דערמיט ניט נור דעם מענשליכען כאראקטער, נור מען טהוט גאָט'ס ווילען. שטאַרק אָנגעזעטיגט מיט גרויזאמקייט איז נאָך דאָס קריסטענטום, וואס פּרעדיגט אסקעטישקייט און שרעקט די זינדיגע נשמה מיט אייביגע גיהנם־פּיינען. פּרוואווט זיך נור פאָרשטעלען, וואס עס האָט גע־

דאַרפט איבערלעבען דער מיטעלאַלטערליכער קריסט, וועלכער האָט געהאַט דעם חשד, אז ער איז א זעהר זינדיגער מענש און וועט מוזען געהן אין גיהנם. ביסלעכווייז האָט די גרויזאמקייטס־מאָ־ראַל אָבגעטראָטען דעם אָרט דער מאָראַל פון רחמנות. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון מענשליכער מאָראַל. עס האָט זיך געדוכט, אז די נייע מאָראַל איז א ריינע, ערהאַבענע. ענדליך א טיף־אַלטרואיסטישע מאָראַל! שאָפּענהויער ווערט ניט מיד פערטיידיגענדיג און בעזינגענדיג די מאָראַל פון רחמנות. עפּעס העכערס קען ער זיך ניט פאָרשטעלען. אָבער האָט די דאָ־זיגע מאָראַל ווירקליך אזעלכע אַלטרואיסטישע וואָרצלען, איז זי אין דער ואמת'ען אזוי אונעגאָאיסטיש?

שוין עדואַרד פאָן האַרטמאַן האָט אין זיין טיפזיניגען ווערק „די פענאָמענאָלאָגיע פונ'ם זיטליכען בעוואוסטזיין" בעוויזען, אז עס איז אונמעגליך איינצושטימען מיט שאָפּענהויער'ן; דאָס רחמנות איז דער איינציגער מאָראַלישער סטימול; ער געהט נאָך ווייטער: לויט זיין מיינונג, איז רחמנות אפילו ניט די וויכטיג־סטע מאָראַל קראַפט.

ניטשע פאַלט אַן אויף דער מאָראַל פון רחמנות פון אַן אַנ־דער זייט: זי איז גאָר ניט אזוי הימליש־ריין, אזוי אונעגאָ־איסטיש, ווי עס דוכט זיך אונז. מיר האָבען מיטלייד מיט'ן אונגליקליכען, אָבער פאַר וואָס? דאָס, וואָס יענער איז אונ־גליקליך, איז אונז אונאַנגענעהם, שאָקירט אונז. מיר ווערען גע־ריהרט פונ'ם אונגליק. מיר האָבען מורא, אז אויב מיר וועלען איהם ניט קומען צו הילף, וועט אונז דאָס שאַדען; יענעמס אומ־גליק קען ווערען געפעהרליך טאַקי אונז אליין. מיר שעמען זיך צו זיין פייגלינגען. דערצו האָבען מיר הנאה, פערגלייכענדיג אונזער גליק מיט'ן שיקזאַל פונ'ם אומגליקליכען. אונז פרעהט, וואָס מיר זיינען שטאַרקער, קענען זיין די העלפער, די רעטער; דאָס, וואָס מיר העלפען דעם אומגליקליכען, פערשאַפט אונז פער־גניגען, און אמאָל איז דאָס א תרופה צו לאַנגווייליגע. ווען מיר זאָלען ווירקליך וועלען מיטהעלפען יעדען לײדענדען, ד. ה. ליידען צוזאמען מיט איהם, וואָלט דאָס געווען א נאַרישע שוואַכקייט פון אונזער זייט, אַן אומגליק אפילו, ווייל דאָס וואָלט נאָך פערגרע־

סערט דער וועלטס לײדען. א מענש, וואס וואלט אויף אן אמת גענומען האָבען רחמנות מיט אלע לײדענדע, וואלט ניט אויסגע־האלטען די צרות און געפאלען שנעל אן אפּפער פון זײן היפּער־ראפינירטען רחמנות־געפיהל.

די ווילדע פעלקער האלטען גאנץ ווענינ פון רחמנות, זײ האָבען אן עקעל צו א מענשען, וואס דערוועקט צו זיך מיטלייד, רחמנות האָבען אויף עמיצען הייסט בײ זײ פעראכטונג האָבען צום מענש. אן אמת פערגעניגען איז שטעהען דערבײ און צו־קוקען, ווי דער שונא לײדעט, ווערט געפּײניגט און לאָזט ניט ארויס קײן זיפץ, בלײבט שטאָלץ — דאָס איז שעהן, דאָס ענטציקט, אָבער וואס פאר א זין האָט צו האָבען רחמנות אויף א מענשען, וואָס שעמט זיך ניט בעטען רחמנות?

די מאָראל פון רחמנות האָט געפונען א שארפען אויסדרוק אין דעם ביבלישען געבאָט: האָב ליעב דײן נאָהענטסטען, ווי דיך אלײן! ניטשע אנאליזירט דעם בעגריף פונ׳ם נאָהענטסטען. שוין אונזער קירקעגאָר האָט העכער געשטעלט דאָס אָביעקטיווע ציעל פונ׳ם מאָראלישען פרינציפּ. ניטשע׳ן עמפּפערט דאָס, וואס מיר רעכענען זיך מיט די אונמיטעלבארע, נאָהענטסטע רעזול־טאטען, דאָס איז ניט מאָראליש. די ליעבע צום נאָהענטען איז עפּעס בעגרענצטעס, קלײנליכעס. ליעב האָבען דארף מען דאָס ווייטע, דאָס גרויסע, און ניט מאכען זיך דערפון, וואס אויפ׳ן וועג צום ווייטען, גרויסען קומט אונז אוים צוצוטרעטען עפּעס נאָ־הענטעס, די נאָהענטע. דאָס הייסט ניט, אז מיר דארפען יעדען פונק רחמנות אויסראָטען פון הארצען; מיר דארפען אָבער זיכער האלטען אין צוים אונזערע רחמנות־געפיהלען, פערווירקליכענדיג אונזערע אָביעקטיווע ציעלען.

זיכער איז ניט יעדער רחמנות אזוי אונעגאָאיסטיש און הייליג ווי מיר שטעלען זיך פאָר, און, פון דער אנדערער זייט, זײנען ניט אלע אזוי־גערופענע עגאָאיסטישע מאָטיווען און האנד־לונגען א פּראָדוקט פון שלעכטען געוויסען און נידריגען כאראק־טער, אָבער אונזער הערשענדע מאָראל הערט ניט אויף צו פער־הערליכען יעדע זעלבסט אויפאָפּפערונג און זעלבסט פערלײקנונג,

אזוי ווי אין דער אויפאפפערונג פון אייגענעם, פערזענליכען, עגאָ־איסטישען וואָלט שוין געלעגען עפּעס מאָראַלישעס.

די ענגלישע מאָראַליסטען, וואס האָבען שוין לאַנג א גרויסע ווירקונג אויפ׳ן אייראָפּעאישע געדאנק, ערקלערען די ענטשטע־הונג פון מאָראַל און מאָראַלישען אויף אזא אופן: אונעגאָאיס־טישע האנדלונגען זיינען בעטראכט געווארען אלס גוטע טאַקי פון יענע, וועמען זיי זיינען צונוץ געקומען. עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אז זיי זאָלען האלטען פאר גוט, דאָס, וואס איז גוט פאר זיי, וואס לוינט זיך זיי, אבער מיט דער צייט האָבען מענ־שען פערגעסען, ווער און פאר וואס האָט געלויבט דאָס גוטע, דאָס אונעגאָאיסטישע און עס איז אָנגענומען געווארען, אז דאָס גוטע איז גוט טאַקי אָן און פאר זיך אליין.

אזעלכע און עהנליכע אידעען האָט ענטוויקעלט דר. פּאול רע, אַן אָנהענגער פון די ענגלישע מאָראַליסטען, אין זיין ווערק „דער אורשפּרונג פון די מאָראַלישע עמפּפינדונגען״. ניטשע איז זיך מודה, אז רע׳ס אידעען האָבען געהאַט אויף איהם א ווירקונג. ניט זייענדיג צופרידען מיט די רעזולטאַטען פון פּ. רע׳ס פאָר־שונג, האָט ניטשע גענומען זיך זעלבסטשטענדיג פערטיפען אינ׳ם מאָראַלישען פּראָבלעם און איז געקומען צו זעהר אינטערעסאנטע און וויכטיגע רעזולטאַטען.

אין די בעציהונגען צווישען פּ. רע און פ. ניטשע זיינען פאר־האַן אינטערעסאנטע מאָמענטען. זייענדיג ניט צופריעדען מיט זיין ארבייט וועגען דעם אורשפּרונג פון מאָראַלישע עמפּפינדונ־גען, האָט פּ. רע אָנגעשריבען וועגען דעמזעלבען ענין א נייע אר־בייט („די ענטשטעהונג פונ׳ם געוויסען״), אין וועלכער ער זאגט זיך אָב פונ׳ם שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט אזוי אויפגערעגט ני־טשע׳ן און ברענגט א וועלט מיט ראיות פון פערשידענע אוטאָ־רען און פונ׳ם לעבען פוןווילדע און קולטיווירטע פעלקער, וואס בעשטעטיגען אייניגע, זעהר וויכטיגע היפּאָטעזען, וועלכע ניטשע האָט אנטקעגענגעשטעלט רע׳ס מיינונגען.

ניטשע און פּאול רע זיינען געווען פערזענליך בעקאנט. איך האָב זיי ביידע געקענט, אבער איך האָב ניט געהאט קיין מעגליכ־קייט זיך דורכצוריידען אדער דורכצושרייבען מיט זיי וועגען דעם,

ווי זיי זיינען געקומען צו זייערע אידעען. איך קען דעריבער ניט זאָגען, ווער פון זיי האָט געהאַט א ווירקונג אויפ'ן צווייטען. און פערשטענדליך איז מיר אויך, פאַר וואס דריקט ניטשע אויס אינ'ם יאהר 1887 זיין שאַרפע אונצופרידענהייט מיט רע'ס מיי־נונגען, ניט דערמאָנענדיג מיט א וואָרט, ווי נאָהענט פ. רע איז צוגעשטאַנען צו ניטשע'ס אייגענע אידעען אינ'ם ווערק „ענט־שטעהונג פון געוויסען", וועלכעס ער האָט ארויסגעגעבען מיט צוויי יאהר פריהער פאַר ניטשע'ן.

פּאול רע האָט בעוויזען מיט פערשידענע ראיות, אז אין אַל־טערטום האָבען די פעלקער געטיילט מענשען נור אין עדלע און אונעדלע, מעכטיגע און שוואַכע און פון קיין אנדערער מאָראַלי־שער קלאַסיפיקאַציאָן האָבען זיי ניט געוואוסט. דאָס וואָרט ג ו ט האָט אין די גאָר אַלטע צייטען סיי אין גריכענלאַנד, סיי אין אויסלאַנד, געהאַט די בעדייטונג: פון עדלער אָבשטאַמונג, מעכטיג, רייך. ניטשע בויט זיין גאַנצע מאָראַל אויף דעם דאָ־זיגען פילאָלאָגישען באַזיס. ער ארגומענטירט אזוי: דאָס וואָרט ג ו ט האָבען געשמידט ניט יענע מענשען, וועלכע מען האָט גע־טהון עפּעס גוטעס. אין די עלטסטע צייטען האָבען די אדעליגע, די מעכטיגע, די הויכגעשטעלטע, די גרויסמוטיגע געהאַלטען זיך, זייערע געדאַנקען און אַלעס, וואס זיי טהוען, פאַר גוט, ערשט־ראַנגיג, אין געגענזאַץ צו אַלעם נידריגען און נידריג־געשטעלטען. דער בעגריף פון עדלען, אריסטאָקראַטישען איז דער פונדאַמענ־טאַלער בעגריף, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דער בעגריף פון מאָראַליש־גוטען. די נידריגערע קלאַסען זיינען די שלעכטע, די געמיינע (ניט בעזע); אינ'ם וואָרט שלעכט, געמיין ליגט אין אָנ־הויב קיין שום ערנידריגענדער זין ניט. עס ווערט בלויז קאָנ־סטאַטירט א פאַקט; שלעכט הייסט אין אָנהויב איינפאַך, פון איינפאַכען פאָלק. דאָס פאָלק פערשטעהט דאָס וואָרט אפילו אין גוטען זין: דאָס דייטשע וואָרט שלעכט האָט דאַמאַלס די זעלבע בעדייטונג, וואָס שליכט (איינפאַך).

די הערשענדע אידענטיפיצירען זיך מיט די מעכטיגע אדער די אמת'ע, די ניט־געפעלשטע, אזוי בעצייכענט זיך דער גריכי־שער אדעל, ווי מען לעזט דאָס ביי טעאָגניס'ן; ביי איהם האָ־

בען די ווערטער „גוט", „עדעל", „שעהן" שטענדיג דעם זין: אריסטאָקראַטיש. די אריסטאָקראַטישע מאָראַל געהט שטענדיג ארויס פון א טריאומפירענדער בעיאַהונג פון אייגענעם ווערט. ביי האָמער'ן זאגען די העלדען שטענדיג מ י ר, די עדלע, שעה־נע און מוטיגע — מיר, די גוטע, די אויסדערוועהלטע, די פון די געטער גליקליכע. דאָס זיינען אלץ שטאַרקע מענשען, וואס לע־בען פון קריג און ווערען ענטציקט פון אלעם קריגערישען, האָבען ליעב דעם קאמפף, טעטיגקייט און אָנשטרענגונג.

עס איז נאטירליך, אז די עדלע און מעכטיגע זאָלען קוקען מיט פעראכטונג אויף דעם המון, וועלכער ווערט געהאלטען אין צוים פון זיי: זיי זיינען דאָך די העכערע, די הערשער און יענע — די נידריגערע. אויסער פעראכטונג האָבען זיי אויך רחמנות אויף די אונטערדריקטע קאסטען, אויף דעם אָרימען לאַסטפיה, וואס שלעפט אזא שווערען, אונרחמנות'דיגען יאָך בענקענדיג נאָך אביסעל רוה. די נידריגערע קלאַסען האָבען אויך א גאַנץ פאַל־שע פאָרשטעלונג פון זייערע הערשער, די העכערע קלאַסען: זיי נעהמען נקמה פון זייערע אונטערדריקער, מאָלענדיג זיי אין ער־גערע און מיאוס'ערע פארבען, ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. די אונטערדריקטע האָבען זיך זייער מאָראַל, וואס פערהערליכט דאָס, וואס ווערט פעראכטעט פון דער הערשער־מאָראַל: לויט דער מאָראַל פון די אונטערדריקטע זיינען די גוטע — די אונ־גליקליכע; דוקא יענע, וואס ליידען שווער און לעבען אָרעם און שלעכט, דוקא די קראנקע, די מיאוס'ע, די ניט־געראָטענע זיינען די אמת גוטע, עדלע, גאָטספאָרכטיגע און זיי, די עדלע, די רייכע, זיינען די בעזע, די גרויזאמע, די אונערזעטליכע, די גאָטלאָזע, די צום אייביגען ליידען פעראורטיילטע. די הערדען־מאָראַל איז געווען דער אויסדרוק פון א שטאַלצען זעלבסט געפיהל, פון איי־ביגער בעיאַהונג, פון אפאָטעאָז פון לעבען. די שקלאַווענמאָראַל איז געווען די וועלטפערניינונג, די נעגאציאָן, אן אייביגער: דו זאָלסט ניט!

דער אריסטאָקראַטישער מאָראַל אָבשאַצונג גוט — שלעכט (שלעכט איז'ם זין פון עפּעס, וואס האָט קיין ווערט ניט) שטעלט די שקלאַפענמאָראַל אנטקעגען א נייע אנטיטעזע: גוט — בעז.

ווער זיינען עס די בעזע פונ׳ם שטאַנדפונקט פון דער מאָראַל פון די אונטערדריקטע? יענע, וואס זיינען די גוטע אין די אויגען פון דער העררען-מאָראַל.

אז איהר לעזט די איסלאַנדישע זאגען, וואָס פערהערליכען די וויקינגען און דערמאָנט זיך אָן די וועהגעשרייען פון די פעלקער, וואס האָבען געליטען פונ׳ם וויקינגען-יאָך און זייערע גרוילטאַטען, בעמערקט איהר, אז די דאָזיגע אריסטאָקראטישע הערשערנאַטורען, וואס האָבען געהאט אין זיך אזוי פיעל מאָראַלישעס, זיינען געוועזן פשוט׳ע חיות רעות אַנטקעגען זייערע שונאים. די דאָזיגע היידנישע מענשען פלעגען אָנפאַלען אונרחמנות׳דיג אויף די איינוואוינער פון די קריסטליכע בערגלענדער, ווי אָדלער בעזע אויף אונשולדיגע לעמלעך; זייערע מאָראַלישע פאָרשטעלונגען קען מען מיט רעכט פערגלייכען מיט אָדלער-זיטען. עס איז דעריבער ניטאָ וואס צו וואונדערען זיך, וואס די אָפּפער פון די שרעקליכע גרוילטאַטען האָבען זיך געזאמעלט ארום דעם ענטגעגענגעזעצטען מאָראַלישען אידעאַל, דעם אידעאל פון לעמלעך.

אין דעם דריטען קאַפּיטעל פון זיין „אוטיליטאַריסטישער מאָראַל" פּרואווט סטוּארט מיל צו בעווייזען, ווי אזוי דאָס גערעכטיגקייטס-געפיהל האָט זיך ענטוויקעלט פונ׳ם חיה׳שען שטרעבען צו נעהמען נקמה פאַר׳ן שאָדען, וואס דער שונא האָט געטהון. דער דייטשער פילאָסאָף דיורינג האָט אויך פערבונדען דעם פּענאַמען פון שטראָף מיט׳ן אינסטינקט פון נקמה. עדוארד פאָן הארטמאַן האָט אין זיין „פענאָמענאָלאָגיע" געוויזען, ווי דער דאָזיגער אינסטינקט פיהרט שטענדיג צו נייע ליידען, צו פרישע בעליידיגונגען און קען ניט בעטראַכט ווערען פאַר אַ מאָראַלישען פּרינציפּ.

ניטשע געהט צו אייגענאַרטיג צו דער דאָזיגער פראגע: ער פערבינדט די מאָראַל פון אונזער צייט ניט מיט דעם געפיהל פון נקמה אין א ברייטערען זין, נור מיט געוויסע פאָרמען, וואס דאָס געפיהל פון נקמה נעהמט אמאָל אָן: מיט כעס, קנאה, א קראַפטלאָזען צו-להכעיס-געפיהל. דאָס, וואס ער רופט אָן שקלאַפּענמאָראַל, איז די מאָראַל פון צובעזערטע, מאַכטלאָזע מענשען. די

דאָזיגע נידריגע מאָראַל האָט עס איבערגעשאַפען אַלע ווערטען, איבערגעפּורעמט אַלע אידעאַלען און געגעבען זיי נייע נעמען: אַזוי איז מאַכטלאָזיגקייט, וואָס בעוויזט ניט קיין ווידערשטאַנד, געקרוינט געוואָרען אַלס גוטסקייט; פון נידריגער פייגהייט איז געוואָרען דעמוטיגקייט; דאָס בויגען זיך פאַר דעם שטאַרקערען, וועלכער יאָגט אָן אַ שרעק, הייסט אונטעראָרדנונג; פון דער אונפעהיגקייט צו בעהויפּטען איינעמס פּערזענליכקייט איז געוואָרען אַן עקעל צו זעלבסטבעהויפּטונג, מחילה, ליעבע צום שונא. זיין אומגליקליך איז געוואָרען אַן אויסצייכנונג; נאָט שטראָפט דעם, וועמען ער האָט ליעב. דאָס אומגליק איז פון גאָט, דאָס פּרוּווט ער אונז אויס, וויל זעהן, צי וועלען מיר ביישטעהן דעם נסיון. אונזערע יסורים און צרות זיינען ניט אומזיסט, זיי וועלען אונז אין אַ בעסערער וועלט איינברענגען גליקזעליגקייט מיט פּראָצענט. און געשעהן איז, אַז די פלעבעיִשע, נידריגע בעשעפעניִשען, וואָס ווערען אויפגעפרעסען פון שנאה און קליינליכען כעס, האָבען אָנגעהויבען צו קוקען אויף זיך, ווי אויף די גוטע, די עהרליכע, די רעכטשאַפענע. אויב זיי האָבען פיינד זייערע שונאים, די אונטערדריקער, די אַדעליגער, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבען פיינד די מענשען, נור ווייל זיי קענען ניט פערטראָגען קיין אונגערעכטיגקייט, קיין עולה, קיין גאָטלאָזיגקייט. זיי בענקען שוין ניט נאָך דעם זיסען דופט פון פּערזענליכער נקמה, נור נאָכ'ן נצחון פון דער גערעכטער זאַך. יענע וועלט, אויף וועלכער זיי האָפען, איז זייער אמת'ע היימאַט, זייער קעניגרייך, גאָט'ס קעניגרייך; פון דער וועלט, פון אַלע, וואָס טריאומפירען איצט אויף דער ערד, האַלטען זיי ניט.

אויב ניטשע האָט געוואָלט מיט זיין כאַראַקטעריסטיק דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם היסטאָרישען קריסטענטום, מוזען מיר זאָגען, אַז דאָס האָט זיך איהם קוים איינגעגעבען. דאָס, וואָס ער בעשרייבט, איז ניט קיין רעאַליסטיש געמעל; דאָס איז אַ פּאַמפלעט, אַ קאַריקאַטור פונ'ם קריסטענטום אינ'ם סטיל פון די אויפקלערער פונ'ם אכצענטען יאָהרהונדערט. אָבער זיין בייסענדע כאַראַקטעריסטיק איז ווי אָנגעמאָסטען אויף אַ בעשטימטען טיפּ; קיינער האָט נאָך מיט אַזאַ קראַפט און ליידענשאַפט

ניט אראָבגעריסען די מאַסקען פון מאָראַלפּרעדיגער, וואס נאַרען די וועלט און אַפּט זיך אַליין.

4

ניטשע כאַראַקטעריזירט דעם מענשען, אלס א חיה, וואס קען צוזאָגען און האַלטען וואָרט; דעם מענשען מאַכט גרויס דאָס, וואָס ער קען עפּעס צו זאָגען, נעהמען אויף זיך עפּעס א פֿעראַנט־וואָרטליכקייט. דער מענש, וואס קען זיין האר איבער זיך, מוז מיט דער צייט אויך דערהויבען זיך איבער דעם ארומיגען, איבער אַלע בעשעפענישען, וואס האָבען ניט אזא פעסטען, עקשנות'די־גען ווילען.

דאָס בעוואוסטזיין פון אזא פעראַנטוואָרטליכקייט איז דעם מענשענס געוויסען, וואס דערמאָנט איהם אָהן פּאָרם, אָן זיינע פליכטען. דאָס געוויסען האָט א לאַנגע פערגאַנגענהייט — ס'אַ־רא בלוטיגע, שרעקליכע פערגאַנגענהייט! גאָר ניט לייכט איז געווען דעם פרימיטיווען מענשען צו האַלטען וואָרט, בוינגען זיך פאר א געזעץ. טויזענדער יאהרען איז דער מענש געווען איינ־געפּרעסט צווישען די שווערע מיהלשטיינער פון אָנגענומענער מאָראַל און וועה דעם מענשען, וואס האָט אָבגעטראָטען פון דעם ריכטיגען וועג. די שרעקליכסטע שטראָפען האָבען געהאַנגען אי־בער'ן קאָפּ פונ'ם פערברעכער; וואס פאר א פיינען נור האָט מען ניט אָנגעטהאָן דעם אָרימען מענש: געריסען שטיקער פון לייב, מיט שטיינער פערשאָטען, געבראָכען דעם לייב אויפ'ן ראָד, דעם פייער איבערגעגעבען — ביז ס'איז ענדליך אריינגעקריצט גע־וואָרען אין דעם געדעכטניש פון דער אָרימער חיה — מענש, וואס האָט ליעב צו פערגעסען, אז ער מוז געדענקען, וואס ער האָט גע־נומען אויף זיך און טהון דעם ווילען פון דער געזעלשאַפט.

ניטשע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם, ווי עס ענטשטעהט דאָס געפיהל פון שולדיגקייט. לויט זיין מיינונג, איז דאָס ניט מעהר, ווי דאָס געפיהל פון איינעם, וואס האָט געליהען און מוז בעצאָהלען, גענומען עפּעס און מוז אָבגעבען. מאָראַלישע שולד פערבינדט ניטשע מיט פערשולדיגטקייט, מיט דער בעציה־הונג, וואס ענטשטעהט צווישען דעם לייהער און יענעם, וואס האָט

איהם אַנטליהען — א בעציהונג, וואס איז אזוי אלט, ווי די עלט־סטע, פּרימיטיוווסטע פאָרמען פון מענשליכע בעציהונגען, נעמ־ליך דאָס קויפען, פערקויפען אָדער דינגען זיך. דער, וואס לייהט, דאַרף דערוועקען פערטרויען צו זיך. האָט ער ניט בעצאָהלט, איז ער א פערברעכער, פיהלט זיך אליין, ווי א פערברעכער. כדי צו איבערצייגען, אז מען מעג איהם פערטרויען, גיט ער אלס משכּון עפּעס וויכטיגעס, טייערעס: זיין פרייהייט, זיין ווייב, זיין לייב. האָט ער ניט בעצאָהלט, מעג דער אַנטלייהער אָבשניידען אפילו א שטיק פלייש (שיילאָק; רוימישע צוועלף לוחות). די אונז איצט גאַנץ פערשטענדליכע לאָגיק פון אזא פּראָצעדור איז אזא: אזוי ווי דער אַנטלייהער האָט געהאַט היזק און צרות דערפון, וואס מען האָט איהם ניט בעצאָהלט זיין געלד, דאַרף מען געבען איהם א מעגליכקייט אָבצוזרעכענען זיך מיט'ן לייהער, קלייבען נחת פון זיינע ליידען און צרות. טויזענדער יאָהרען האָ־בען מענשען, ווי פּ. רע בעווייזט, געהאַט דאָס גרעסטע פערגני־גען פון צוזעהן יענעמס ליידען, נאָך א גרעסערען — פון פּייניגען יענעם מיט אייגענע הענד. יענער, וואס קען לאָזען פיהלען אַן אַנדערען זיין מאַכט, איז א גליקליכער. גוטסקייט, מילדקייט, רחמנות — די אַלע טוגענדען פון אונזער צייט, האָבען אין פריה־ערדיגע צייטען געהאַט א קליינע מאָראַלישע בעדייטונג; אויף זיי האָט מען מייסטענטיילס נעקוקט, ווי אויף סמנים פון שוואַכ־קייט.

די קאַטעגאָריען פון האַנדעל, דאָס קויפען און פערקויפען, ווי אויך אַלעס, וואס איז דערמיט פּסיכאָלאָגיש פערבונדען, — די אַלע פּראָצעסען, וואס זיינען עלטער פון יעדער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, — האָבען אין זיך די עלעמענטען פון גערעכטיג־קייט, דריקען אויס די אידעען פון קאָמפּענסאַציאָן, פליכט. פון דער שאַצונג אין האַנדעל צוּוואַקסט זיך די מאָראַלישע אָבשאַ־צונג: גאָר גיך איז דער מענש געוואָרען שטאָלץ דערמיט, וואָס ער קען שאַצען. איינער פון די עלטסטע פעראַלגעמיינונגען איז דאָס בעריהמטע ווערטעל: אַלעס האָט זיין פּרייז. דער געדאַנק, אז אַלעס קען פעריכט ווערען, אויב מען וועט בעצאָהלען, איז פון די עלטסטע און נאַאיווסטע געבאָטען פון גערעכטיגקייט.

די געזעלשאפט, וואס מעהר זי ענטוויקעלט זיך, טרעט אלץ שארפער און שטארקער אריין אין דיזעלבע בעציהונגען צו איהרע מיטגליעדער, וועלכע עס האט דער אנטלייהער צום לייהער. די געזעלשאפט פערטיידיגט אלע איהרע מיטגליעדער; זיי זיינען אונטער'ן שוץ פונ'ם געזעץ, אויב זיי זיינען נור גרייט צו היטען זייערע פערפליכטונגען צו דער געזעלשאפט. דער, וואס ברעכט זיין ווארט, דער פערברעכער, ווערט ארויסגעטריבען פון דער געזעלשאפט און געשטעלט אויסער'ן געזעץ.

שוין אנדערע דענקער האבען געלייקענט, אז די אידעע פון גערעכטיגקייט איז ענטשטאנען פון דעם מענשענ'ס בעדערפניש אין נקמה. ניטשע האט ניט קיין בעווייזען, אז ס'איז ניט אזוי; ער וויל אבער ניט גלויבען אין דעם צוזאמענהאנג צווישען גערעכטיגקייט און נקמה. מיט גרויסער ליידענשאפט רעדט ער וועגען דער איהם פערהאסטער אידעע, וועלכע איז אודאי דערפאר געווען אזוי שטארק ניט צום הארצען איהם, וואס זי איז געווען פערבונדען מיט דעם געדאנקענגאנג פון דער היינטיגער דעמאקראטישער וועלט.

ניטשע איז זיכער געווען גערעכט, ענטפלעקענדיג אין דעמאקראטישע גערעכטיגקייטס-טריבונען בעזע פלעבעיער, וואס זיינען פול מיט קליינער קנאה און מיאוס'ען כעס צו העכערע, פיינערע. עס איז אהן צווייפעל אויך, אז פערשידענע היינטיגע געלעהרטע פון בירגערליכער אדער קליינבירגערליכער אבשטאמונג האבען אידעאליזירט די פסיכיק פון די פערגאנגענע דורות, וואס זיינען צו לאנג געווען אונטערדריקט פון די הערשענדע און האבען דעריבער, נאטירליך, געפיהלט פיינדשאפט, קנאה און כעס צו די העכערע קלאסען.

אינטערעסאנט איז, אז ניטשע גיט זיך קיינמאל ניט אב מיט יענער פרימיטיווער געזעלשאפט, וואס וויים נאך ניט פון דער צוטיילונג אין הערשער און שקלאפען; איהם אינטערעסירט נור דער קאנפליקט צווישען דעם הערשענדען קלאס און דער שקלאפענקאסטע. ער איז זיכער ניט אויף דער זייט פון די פערשקלאפטע. ניטשע קען ניט פערצייהען די פראגרעסיווע דאקטרינערען פון אונזער צייט, וואס זיי זיינען מוחל אלץ די מא־

סען און קוקען מיט פיינדשאַפט אדער פעראַכט אויף די הער־שער־נאַטורען און הערשענדע. ניטשע פּראָוואוט זיך גאָר ניט צו זיין געריכט צו די אונטערדריקטע קלאַסען. דאָס אונפּילאָסאָ־פישע, דאָס טעמפּעראַמענטפולע אין ניטשע׳ן דריקט זיך שאַרף אויס אין זיין פּאַרטייאישקייט, וועלכע לאָזט זיך פיהלען אויף יע־דען שריט: צו די אונטערדריקטע קלאַסען האָט ער נור שנאה, נור פעראַכטונג; זייער שקלאַפענמאָראַל, וועלכע איז א פּראָ־דוקט פון זייער שוואַכקייט און שנאה, קען ער ניט פערטראַגען, דערפאַר אבער רוהט ער אויס אין דער אַטמאָספער פון פרייהייט, וואָהרהאַפטיגקייט, אויפריכטיגקייט, אין וועלכער די הערשענדע קלאַסען לעבען. ניטשע האָט א פיזישען פערגניגען פון זייער מאַכט געפיהל, פון זייער שטרעבען צו מאַכט; ער פערטיידיגט אדער ענטשולדיגט זייער טיראַנישקייט, זייערע פערברעכען אנט־קעגען די אונטערדריקטע קלאַסען. ער איז אויך איבערצייגט, אז די הערשענדע האָבען א וועניגער געפעלשטע פאָרשטעלונג וועגען די שקלאַפען, ווי יענע וועגען זייערע הערען.

ניטשע וויל ניט איינשטימען, אז די הערשענדע קענען זיין אומגערעכט, אז זיי קענען ווירקליך בעגעהן עפּעס א פערברעכען אנטקעגען די שקלאַפען, די אונטערדריקטע. עס איז ניטאָ קיין אבסאָלוטעס רעכט אָדער אן אבסאָלוטע אומגערעכטיגקייט. דאָס, וואס איינער שאַדט אן אנדערען, אונטערדריקט איהם, עקספּלו־אַטירט אָדער פערניכטעט איהם אפילו, איז ניט עפּעס אומגערעכ־טעס אן און פאַר זיך, קען ניט זיין עפּעס אומגערעכטעס, ווייל דאָס לעבען, לויט זיין אָרגאַנישען תמצית, איז ניט מעהר ווי צוואַנג, אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציאָן, פערניכטונג. א רעכטס־צושטאַנד איז א צופעליגקייט ד. ה. א בעגרענצונג פונ׳ם אמת׳ען לעבענסדורשט, פון דער לעבענספרייד, וועלכע ציעלט צו מאַכט.

ניטשע שטעלט אויף׳ן אָרט פון שאָפּענהויער׳ס **ווילען צום לעבען** און דאַרווין׳ס **קאַמפּף פאַר׳ן עק־זיסטענץ** דעם **ווילען צו מאַכט**. לויט זיין מיינונג, קעמפּפען מענשען איינער מיט׳ן אנדערען נור צוליעב מאַכט. מיט ביטערקייט רעדט ניטשע וועגען דעם, וואס פאַר אן אָרעם, נעבעכדיג, בעגרענצט לעבען די ענגלענדער האָבען געמוזט

האָבען אין זין, ווען זיי האָבען זיך געקענט פארשטעלען אזא
שטילען, מיטעלמעסיגען, אונדראמאטישען קאמפף פאר'ן עקזיס־
טענץ. ניטשע לאַכט אָב פון די ענגלענדער, וועלכע שטעלען זיך
פאָר, אז מענשען האָבען קיין העכערע השגות ניט, ווי דערהאַל־
טען דעם לייב ביים לעבען. דאָס איז פאַלש. דאָס לעבען איז
א מינימום. דאָס לעבען שטרעבט ניט נור צו דערהאַלטען זיך,
נור זיך בערייכערען, ענטוויקלען, אינטענסיפיצירען, וואס דאס
איז נור אן אנדער אויסדרוק פאר'ן ווילען צו מאַכט. אייגענטליך
איז צווישען דער אַלטער פאָרמול און ניטשע'ס ניטאָ קיין טיפער
אונטערשיד, ווייל נאָך אַלעמען זעצט יעדער קאמפף פאר עק־
זיסטענץ פאָרויס א צוזאמענשטויס פון קרעפטען און א קאמפף
פאר מאַכט. די רעכטסנאָרמען זיינען איינער פון די פאַקטאָרען
פונ'ם לעבענסקאמפף, וואס בעגרענצט איהם, אָבער ווען מיר
וואָלטען זיך פאָרגעשטעלט איהם אַלס העכסטען פרינציפּ פון לע־
בען, אלס מיטעל געגען יעדען קאמפף, וואָלט ער געוואָרען א לע־
בענס פיינדליכער פרינציפּ, וואס צושטערט יעדע מעגליכקייט פון
ענטוויקלונג. עפּעס עהנליכעס האָט לאַסאַל געהאַט אין זין, ער־
קלערענדיג, אז דער שטאַנדפּונקט פון גערעכטיגקייט איז א שלעכ־
טער שטאַנדפּונקט אינ'ם לעבען פון די נאַציאָנען. ניטשע האָט
אבער ליעב דעם קאמפף צוליעב'ן קאמפף אין געגענזאַץ צו די
היינטיגע הומאַניטאַרע שטרעבונגען. ניטשע מעסט א בעווע־
גונג מיט די אָפּפער, וואס זי פאָדערט: וואס מעהר אָפּפער זי
פרעסט אויף, אַלץ העכער שטעהט זי אין זיינע אויגען. אין אונ־
זער שטרעבען צו דערהאַלטען ביים לעבען מיליאָנען שוואַכע
און נוצלאָזע בעשעפענישען, וואָס וואָלטען אזוי זיכער אומגע־
קומען, זעהט ניט ניטשע קיין סמן פון אמת פּראָגרעסיוועז. ני־
טשע'ן וואָלט זיכער גאַנץ ווייניג געפרעהט, ווען עס זאָל זיך איינ־
געבען צו בעפרידיגען אַלע פערלאַנגען פון וואס מעהר אומגליקלי־
כע בעשעפענישען, וועלכע מיר רופען איצט מענשען. אמת וויכ־
טיג און פּראָגרעסיוו איז — און דערין זיינען איינפערשטאַנען אי
ניטשע, אי רענאַן, — אז עס זאָל ערצויגען ווערען א שטאַרקערע,
העכערע ראַסע, ווי יענע, וואָס רינגעלט אונז אַרום, אפילו ווען
דאָס זאָל פערבונדען זיין מיט אויפאָפּפערונג פון מאַסען מענשען

פון יענעם שניט, וועלכע מיר קענען איצט. ניטשע'ס וויזיא־נען פונ'ם איבערמענש, דער האר פון דער וועלט, וועלכע ער מאָלט אזוי ליידענשאפטליך, זיינען עהנליך צו רענאַן'ס אידעען וועגען דער ארגאניזאציאָן פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען. זיכער האָט רענאַן געהאַט א ווירקונג אויף ניטשע'ן. דאָס, וואס רענאַן האָט געשריבען אונטער דער ערשיטערענדער ווירקונג פון דער פאַריזער קאָמונע, און דערצו אין א דיאַלאָג־פאָרם, איבערגעבענדיג די מאָטיווען, וואס קענען ארויסגעזאָגט ווערען פאר און געגען דער זאך, האָט זיך אין ניטשע'ס קאָפּ אָבגעקריסטאַליזירט אין א דאָגמאַטישע איבערצייגונג. עס בעליידיגט אונז דעריבער דאָס, וואס ניטשע איז ניט גערעכט צו רענאַן'ען: ער קען איהם ניט פערגעבען, וואס ער האָט מיטלייד מיט'ן אָרימען פאָלק און פיעטעט צום עוואַנגעליום, אָבער ער דערצעהלט ניט, אז שוין רענאַן האָט גע'חלום'ט וועגען דעם איבערמענש.

רענאַן, ווי אויך טען, זיינען ארויסגעטראָטען געגען דער הער־שענדער אויפפאסונג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן. פאר רענאַן'ען איז די רעוואָלוציאָן געווען א נאַציאָנאַל אומגליק. טען האָט גענומען פאָרשען די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן, האָבענדיג א ווארעם געפיהל צו איהר, אָבער וואס ווייטער ער איז פערגאנגען אין זיין פאָרשונגס ארבייט, האָט ער אַלץ מעהר געביטען זיין מיינונג וועגען איהר. ניטשע האָט זיך זיינע איי־גענארטיגע מיינונגען וועגען דער זאך. עס איז נאַטירליך, אז היינטיגע שרייבער, וואָס זיינען די גייסטיגע יורשים פון דער רע־וואלוציאָן, זאָלען סימפּאַטיזירען מיט דער רעוואָלוציאָנערער צייט און איהרע העלדען. זיכער זיינען מיר ניט גערעכט צו זיי אויס שרעק פאר רעוואָלוציאָנען. אָבער די אַלע לויבזינגער פון רעוואָ־לוציאָן האָבען ניט געוואָלט פערשטעהן, אז די אמת'ע בעפרייער זיינען ניט די קאָנגלאָמעראַטען פון פעראייניגטע קליינינקע מענ־שען, נור די זעלטענע אמת גרויסע אויסנאַמסמענשען, ניט די קליינליך־ענגהערציגע, נור די מענשען מיט'ן גרויסען גייסט און ברייטען הארץ, וועלכע שאפען קולטור און פערפעסטיגען יעדע גערעכטיגקייט.

עס זיינען פאַרהאַן צוויי רעוואָלוציאָנערע טיפען: אַנדע־

רע ווערען צוגעצויגען פון ברוטוס'עס געשטאַלט, **אנדערע** — פון צעזאַר'ס. צעזאַר איז אַ גרויסע פּערזענליכקייט; ניט פרידריך דער גרויסער און ניט נאַפּאָלעאָן האָבען דערגרייכט זיין הויך. די דיכטער פון די פערציגער יאָהרען האָבען פערהערליכט ברוטוס'ן, אבער ניט צעזאַר'ן. אפילו שעקספּיר, וועלכער האָט גאַנץ ווייניג ליעב געהאַט דאָס פאָלק, האָט אינגאַנצען ניט בעמערקט זיין גרויסקייט; אויך שעקספּיר האָט געגעבען אַ קאַריקאַטור פון צעזאַר'ן און אויף זיין חשבון אויפגעהויבען ביז'ן הימעל ברוטוס'ן, ווי עס האָט געטהון נאָך פּלוטאַרך. דער גרויסער שעקספּיר האָט אויך ניט פערשטאַנען, אז צעזאַר האָט געשטעלט אין קאָן מעהר פון זיין פייגען מערדער. צעזאַר האָט גראַציע; דער פאַך זיינער איז עדעלקייט. זיין פערשטאַנד האָט די גרויסע איינפאַכקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע גרויסע גייסטער. ער האָט געהאַט אַלע אַטריבוטען פון אַ גרויסער אַרמע פיהרער, פון אַ הערשער פון העכסטען ראַנג; גאָר ווייניגע מענשען פון דער איטאַליענישער רענעסאַנס האָבען דערגרייכט זיין גענימאַליטעט. ווי אונבעדייטענד איז ברוטוס אין פערגלייך מיט צעזאַר'ן: ברוטוס איז אַ דאָקטרינער, זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך איז בעגרענצטקייט, וואס וויל אויפלעבען דאָס טויטע און פערגאַנגענע און נעהמט אַ צופעליגען נאָמען אָן פאַר אַ בת־קול, וואס פערקינדיגט גאָט'ס ווילען. זיין גייסט איז געווען אונפּרוכטבאַר, אַ סטיל האָט ער געהאַט אַ טרוקענעם און אָנגעצויגענעם. ער איז געווען אַ קאַרגער, שלעכטער מענש; פינף סענאַטאָרען פון סאַלאַמיס האָט ער געהייסען פערטוויילען צום הונגער טויט דערפאַר, וואס די שטאָדט סאַלאַמיס איז ניט געווען אימשטאַנד צו בעצאָהלען די קאָנטריבוציאָן, וועלכע ער האָט ארויפגעלעגט אויף איהר; אויף די פּראַווינצען, וועלכע ער האָט פערוואַלטעט, האָט ער געקוקט, ווי אויף אַן עראָבערט לאַנד, וועלכעס ס'איז אַ מצוה צו פערוויסטען. און דער דאָזיגער טרוקענער, אונפּרוכטבאַרער מענש איז דאָס געוואָרען אַ דאַנק דעם שטאָך פון שווערט, וועלכער האָט גאָר ניט געענדערט אינ'ם גאַנג פון די געשעהנישען און ניט אויסגעמידען דאָס, וואס ער האָט געוואָלט אויסמיידען, דער סימוואָל און געניוס פון פרייהייט! מענשען

פערשטעהען נאָך אלץ ניט, וואס דאָס הייסט איבערצוגעבען די גרעסטע מאַכט דער שטאַרקסטער, רייכסטער, איידעלסטער נאַטור.

ניטשע ערקלערט גערעכטיגקייט אלס פּראָדוקט פון אקטיווע עמאָציאָנען און ניט פון נקמה, וועלכע איז אַ נידריג געפיהל. עלטערע שרייבער האָבען פערבונדען שטראָף, דאָס שטראָף־סיסטעם מיט'ן מעכטיגען אינסטינקט, וואָס פאָדערט, אז דעם שלעכטען זאָל מען בעצאָהלען מדה כנגד מדה. סטוּאַרט מיל רעכענט, אז דאָס געפיהל פון גערעכטיגקייט האָט זיך געדאַרפט ענטוויקלען אלס רעזולטאַט פון די שטראָף־מיטלען, מיט וועלכע די געזעלשאַפט פערהאָגעלט יעדען איינעם, וועלכער וואָגט צו ברעכען איהרע נאָרמען. פּאָול רע געהט אויך אויף דעמזעלבען וועג: ניט דערפאַר בעשטראַפט די געזעלשאַפט, וואס זי האָט בעדערפניש אין גערעכטיגקייט; דאָס גערעכטיגקייטס־געפיהל וואַכט אויף אלס רעזולטאַט פון סיסטעמאַטישער בעשטראַפונג פון די אונגערעכטע, די פערברעכער. די ענגלישע פילאָסאָפען האָבען געוואָלט האָבען, אז דאָס שלעכטע געוויסען, וואס א מענש האָט, נעהמט זיך דערפון, וואס דאָס אנגענומען־בעזע ווערט בעשטראַפט און דעם פערברעכער ווערט אויף אזא אופן סוגגערירט אַ געפיהל פון שולד.

די אַלע סברות בעפרידיגען ניט ניטשע'ן. ער בעהויפּטעט, אז די שטראָף מאַכט נור דעם פערברעכער האַרטער, בעזער, אז די גערעכטליכע פּראָצעדור פערשטאַרקט נאָך אין איהם די איבערצייגונג, אז ער האָט גאָרניט געטהון עפּעס שלעכטס, פאַר וואס איהם זאָל קומען די שטראָף, ווייל טהוט דען ניט דאָס געריכט און די געזעלשאַפט דאָס אַלעס, וואָס ער האָט געטהון, ד. ה. האָט זי ניט געשפּיאָנירט, געהעצט, געפּייניגט, איהם אין איהר נעץ אריינגעשלעפּט? דער פערברעכער קוקט ניט אויף זיך, ווי אויף א „זינדיגען” פשוט דערפאַר, וואס די מענשהייט האָט אין משך פון טויזענדער יאָהרען ניט געהאַט דעם בעגריף אפילו פון זינד. דער פערברעכער איז בעטראַכט געוואָרען אלס שעדליכער מענש, אָבער ניט אַלס זינדיגער; אין איהם האָט מען געזעהן עפּעס פאַטאַלעס, דער פערברעכער אַליין האָט אויף זיך אזוי געקוקט. די שטראָף איז געוועזן אַ מאָמענט אין דעם פאַטאַלען גאַנג פון די

געשעהענישען, וועלכע האבען זיך געווענדט געגען דעם פערברע־כער; שטעלען זיך אנטקעגען דעם שיקזאל וואלט געווען נאריש. דער פערברעכער האט געטראגען זיין שטראף מיט דער זעלבער הכנעה, ווי די רוסישע מענשען פון היינטיגע צייטען.

ווי קומט דער מענש פארט צו געוויסענסביסען? ניטשע פרואווט דאס געהיימניס אזוי צו ערקלערען: דאס שלעכטע גע־וויסען איז א קרענקליכער גייסטיגער צושטאנד, וועלכען דער פרימיטיווער מענש האט איבערגעלעבט, געהענדיג איבער פון פריי־הייט צו ארגאניזירטען לעבען מיט זיינע נארמען און געבאטען. ס'ארא אונגעווענליכע רעוואלוציאן דאס איז געווען! אלע פרי־מיטיווע אינסטינקטען, ווי אונערשראקענקייט, מוט, בעזע, עגא־איסטישע קלוגשאפט, לוסט צו מאכט, גרויזאמקייט, אלעס, וואס די געזעלשאפט האט ביז איצט ניט נור געהאלטען פאר גוט און עהרליך, נור האט אויך מיט אלע מיטלען קולטיווירט, איז פלוצ־לונג ערקלערט געווארען אלס געפעהרליך און שפעטער אויך אלס אונמאראליש, פערברעכעריש. מענשען, וואס זיינען געווען גע־וואוינט צו מלחמות און אוואנטורען, האבען געמוזט אנהויבען לע־בען א רוהיגען, עהרליכען, שטילען לעבען. דאס בעסטע אינ'ם אמאליגען כאראקטער איז דעגראדירט, פערבאטען געווארען, ער־קלערט אלס נישטיג. א שרעקליכע דערשלאגענקייט, אן אונגע־וועגליכער אומעט האט זיך בעזעצט אין די דאזיגע צוטומעלטע, פון גלייכגעוויכט ארויסגעשפרונגענע זעלען. די אלע „בעזע“ אינסטינקטען, וואס האבען איצט ניט געקענט ווענדען זיך געגען די דרויסענדיגע שונאים, האבען זיך געווענדט געגען דעם „זינ־דיגען“ מענש אליין; ער האט גענומען ערפאלגען, אונטערדרי־קען, פערניכטען ז י ך א ל י י ן, איז געווארען גרויזאם צו זיך, האט זיך פערוואנדעלט אין אן אפפער פון זיינע אייגענע אינ־סטינקטען, האט אין זיך דערזעהן דעם שונא, דעם אומריינעם, דעם שולדיגען — אזוי איז ענטשטאנען דאס בעזע, שלעכטע גע־וויסען, וואס וועט שוין ניט לאזען צורוה דעם מענשענס זעעל.

ווען עס האט זיך געבילדעט דער שטאאט, — ניט א דאנק דעם געזעלשאפטליכען פערטראג, ווי רוסא און זיינע צייטגענא־סען האבען גערעכענט, — נור אלס רעזולטאט פון עראבערונג,

ווען די שטאַרקע, בעסטע־אָרגאַניזירטע נאַציאָנען זיינען אָנגע־פאַלען אויף די פרידליכע, לוויזאָרגאַניזירטע בעפעלקערונגען און זיי פעריאָכט, האָבען די פרייהייטס אינסטינקטען פון די אונ־טערדריקטע ניט געפונען קיין אויסדרוק פאר זיך אין דער דרוי־סענדיגער וועלט; דער ווילען צו מאכט האָט זיך געווענדט אנט־קעגען דעם פערשקלאַפטען מענש אַליין, אנטקעגען זיין אינערען וועזען. אויף דעם דאָזיגען באָדען זיינען אויסגעוואַקסען די אי־דעאַלען פון שעהנהייט, זעלבסט אויפאָפּפערונג, אונעגאָאיסטיש־קייט, זעלבסטענטזאָגונג. די פרייד פון אויפאָפּפערונג איז אין תוך ניט עפּעס אַנדערש, ווי גרויזאַמקייט, וועלכע איז געווענדט ניט אַנטקעגען דעם שונא, נור אַנטקעגען — זיך. דאָס בעזע געוויסען איז דער גוטער ווילען צו זעלבסט פערניינונג.

דאָס געפיהל פון שולדיגקייט און זינדיגקייט האָט געשעפּט קראַפט נאָך פון אַן אַנדער קוואַל. דער אהנען־קולט האָט געשראַ־קען מענשען טויזענדער יאהרען. זיי האָבען זיך געפיהלט שול־דיג אנטקעגען זייערע אהנען, די אַמאָליגע גענעראַ־ציאָנען. די מענשען האָבען אַלץ מורא געהאַט, אַז זיי זיינען ניט גענוג יוצא פאר זייערע אבות: האָבען זיי מיטגעגעבען עסענ־ווארג און אַנדערע זאַכען אין קבר אריין, געדינט זיי, בעוויזען עהרפורכט אויף פערשידענע וועגען — און דאָך געשראַקען זיך. וואָס מעהר עס צוואוואַקסט זיך דער שטאַם, אַלץ שטאַרקער ווערט דער שרעק פאר'ן אוראהן, וועלכער ווערט אָפּט פערוואַנדעלט אין אַ גאָטהייט. די פיהרונגען פון די אָבות זיינען הייליג, זייער צוואה מוז אָבגעהיט ווערען, זייערע געבאָטען — ניט געבראָכען ווערען. און היט מען די געבאָטען ניט, האָט מען געוויסענסביסען, איז מען אין איין שרעק.

דאָס געפיהל פון שולדיגקייט איז אַלץ געוואַקסען אין משך פון דורות, ביז די אָנערקענונג פונ'ם קריסטליכען גאָט פאר'ן גאָט פון וועלטאַל האָט ניט דערשפּירט ווייט און ברייט די שליטה פון דעם דאָזיגען געפיהל. שוואכער ווערט עס נור אין אונזערער צייט, אָבער די רעזולטאַטען פון טויזענד יעהריגער ענטוויקלונג לאָזען זיך פיהלען און וועלען ניט אזוי גיך פערשווינדען. אין גע־וויסע נאַטורען האָט דאָס בעוואוסטזיין פון זינד דערגרייכט אַן אונ־

געוועגליכע שארפקייט, זייער געווויסען מאנט, פרעסט זיך איין אין דער זעעל, ווי א קרעבס, ביז עס ווערט דעם ארימען מענשען קלאר, אז אייביג וועט ער ניט קענען אבצאהלען זיין שולד, אז זיינע זינד וועט ער קיינמאל ניט אויסקויפען און גרייטען מוז ער זיך צו אייביגע פיינען, עס פערשפרייט זיך די קריסטליכע פארשטעלונג, אז דאס מענשענגעשלעכט איז פערשאלטען געווארען א דאנק אדם'ס זינד, פון צופעליגע מענשליכע זינד ווערט די ערב־זינד, וואס זיצט אין פלייש און בלוט פון יעדען מענשען. די נאטור אליין וועלכע האט געבוירען דעם מענש, בעהאלט זיך דאס בעזע פרינציפ, די וועלט איז אין שטן'ס הענד — און דא עפענט זיך פאר דעם געפייניגטען קריסטליכען זעעל א פאראדאקסאלען וועג פון רעטונג, אין וועלכען די מענשהייט געפינט טרייסט שוין צייט טויזענדער יאהר: דער קריסטליכער מענש שטעלט זיך פאר, אז גאט אליין האט זיך געבראכט פאר אן אפפער, כדי אויסצולעזען די זינדיגע מענשהייט, אז ער האט בעצאהלט פאר איהרע זינד מיט זיין פלייש און בלוט.

א גרויסע איבערעהרעניש איז פארגעקומען; אלעס נאטירליכע איז געווארען אונגאטירליך; דאס בעדערפניש און גרויזאמקייט, וועלכעס דער מענש האט געהאט בירושה פון די אמאליגע צייטען, האט געזוכט בעפריעדיגונג אין זעלבסט־פייניגונג; אלע נאטירליכע מענשליכע און חיה'שע אינסטינקטען זיינען געווארען אויסגעטייטשט אלס מרידה אנטקעגען גאט, אלס זינד און פערברעכען. די אסקעטישע אידעאלאגיע האט טריאומפירט.

כדי אבער ריכטיג צו פערשטעהן ווי אזוי די אסקעטישע אידעאלען זיינען ענטשטאנען, דארפען מיר זיך פארשטעלען, ווי שווער עס האט זיך געלעבט די קאנטעמפלאטיווע נאטורען, די מענשען מיט עדלערע, גייסטיגע נאטורען, אין דער פרימיטיווער געזעלשאפט, אין א געזעלשאפט פון קריעגער און יעגער, וועלכע האבען מיט פעראכטונג געקוקט אויף די צוקראכענע, פער'חלום'טע, אונפערשטענדליכע נאטורען. דאס אונקריעגעריליכע אין די פאסיווע גייסטער האט געמוזט זיי מאכען פערדעכטיג אין די אויגען פון זייערע שטאמעסגענאסען. און דאך כדי צו קענען בעהאלטען זיך אין דער פרימיטיווער געזעלשאפט, האבען זיי געדארפט אימפאנירען איהר. און זיי האבען איהר אימפאנירט, צוטומעלט און צושראקען

זי, ווערענדיג אַליין שרעקליך, געשפענסטערהאַפט. זיי זיינען געוואָרען וואהרזאָגער, מכשפים, צויבערער, גלחים, זיי האָבען זיך אָנגעהויבען פיינען, קאַסטאַט דעם לייב און מיט זייערע גרויזאַמקייטען צו זיך, מיט זייערע קאַבאַליסטישע קונצען און הויות, האָבען זיי אָנגעיאָגט שרעק אויף דער אַרומיגער רויהער וועלט. אונטער די הערשאַפט פון די גייסטליכע איז אונזער ערד געוואָרען א יאָמערטהאָל, א אומריינע הימעל וואָס שלעפט זיך איבער די אונענדליכע רוימען מיט איהרע מיליאָנען אונצופריעדענע, פערקלאָגטע בעשעפענישען, וואָס האָבען אַן עקעל צום לעבען, אַ פעראַכטונג צו אַלעם ערדישען און אַזוי וועניג ליעבע איינער צום אַנדערען.

אינ׳ם אַסקעטיזם איז דאָ אַ ווידערשפרוך, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען. דער אַסקעט איז אַ מענש, וואָס טוט דאָס לעבען אין זיך. ווי קען געמאָהלט זיין אַ לעבענספאָרם, וואָס זאָל זיין געווענדט געגען לעבען אַליין! דער דאָזיגער ווידערשפרוך איז נור אַ דרויסענדיגער. דער אַסקעטישער אידעאַל איז דער אויסדריק פון אַ מאַטען לעבען, אַ פערגעהענדען, וואָס האָט אַ בעדערפניש אין היילונג און רוה. די אַסקעטישע לעבענספאָרם איז אַ אידעאַלע פאַר מידע, קראַפטלאָזע נאַטורען, וואָס וואָלטען לעבענדיג אינטענסיוו און אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, שנעל צוריבען געוואָרען. אין דער אַסקעטישער לעבענספיהרונג איז אַ גרויסער זין — דאָס גיט זיך דאָס לעבען אַן עצה, ווי צו דערהאַלטען זיך. זיין אַסקעטיש איז נאַטירליך פאַר אַ דעגענערירטען מענשען, אָבגעשוואַכטע לעבענס־אינסטינקטען, וואָס האָט אַן עקעל צום פולען ערדישען לעבען און אַ חשק צו זיין אַנדערשוואו, אַן אַנדערער.

דער אַסקעטישער גייסטליכער איז די פערקערפערונג פון דעם דאָזיגען פערלאַנג פון דעם דעגענערירטען זעעל און טאַקע דערפאַר האָט ער די קראַפט איינצופליסען לעבען אין די הערצער פון די אַלע פערצווייפעלטע, אומגליקליכע, דערשלאָגענע, אונזיכערע בעשעפענישען. דאָס, וואָס דער אַסקעטישער גייסטליכער איז אַליין אַ קראַנקער, גיט איהם די מעגליכקייט צו זיין דער וועגווייזער, דער הירט פון קראַנקע שעפעלעך ; פאַר איהם איז נאַטירליך אויפצוהויבען שוואַכקייט, קנאה, פאַריסערטום, פאַלשע מאָראַל אויף

דער הויך פון א טוגענד. וואָלט ער געווען א געזונטע נאטור, וואָלט ער פון אזא פונקציאָן זיך אָבגעקעהרט מיט עקעל; זייענדיג אָבער אליין קראנק, איז ער ווי בעשטימט פון א שיקזאל צו זיין א בארמ־הערציגער ברודער אין דעם גרויסען קראנקען־הויז פון זינדיגע — אין דער קירכע. ער איז שטענדיג ארומגערינגעלט מיט ליידענדע, וועלכע זיינען גענייגט צו בעשולדיגען אין זייערע ליידען אנדערע — און ניט זיך. דער אסקעט האָט אַן אנדער ערקלערונג פון ליי־דען: שולדיג ביזט דו אליין — זאָגט ער צום ליידענדען און אין אזא אופן גיט ער אַן אנדער ריכטונג פון'ם אומגליקליכען און מיל־דערט זיינע ליידען. דער גייסטליכער היילט די אלע קראנקע געמי־טער טרייסט זיי, סטימולירט זיי צום לעבען און פערשלעפערט זיי מיט'ן זיסען געטראנק פון האָפנונג און גלויבען.

די קריסטליכע נשמה איז געוואָרען מיעד, פערצווייפעלט. א שווערע מיעדקייט האָט זיך פערשפרייט איבער דער וועלט. וואָס טהוט מען? איז דער ענטפער געווען: לעבען וואָס ווענינגער אָנ־געשטרענגט, אָבשוואַכען דעם לעבענס־ריטם, ניט האָבען קיין פער־לאנגען, ניט זיין אקטיוו, פערשלאָפען די טעג, ווערען פעראידיאָ־טישט, ווי פאסקאל האָט עס שארף אויסגעדריקט. דער צוועק איז געווען ווערען הייליג, בעפרייען זיך פון בעוואוסטזיין. די מעכאני־שע, פערשלעפערענדע ארבייט איז געווען גאָט'ס געבענשטע מתנה. דער אסקעטישער מענש, וועלכער בעוועגט זיך צוליעב אָרימע לייט, לערנט זיי קוקען אויף דער שווערער ארבייט גאָר אנדערש: פון א קללה איז געוואָרען א ברכה. פאר וואָס ניט ליעב האָבען דעם נאָ־הענטען, טהאָן א מענשען א טובה — דאָס איז דאָך אזוי לייכט און דערפרעהט דאָס שווערע געמיט. דאָס בעסטע איז צו פערזאמלען די שעפעלעך, פעראייניגען די שוואכע אין איין גרויסע וועלט־געמיינ־דע: יעדער פון די מיליאָנען דערשלאָגענע ווערט שטארקער און מוטיגער, ווי נור ער בעהעפט זיך מיט די איבער דער וועלט צו־זעעטע ברידער אין גייסט. דאָס איז די פונקציאָן פון דער קירכע.

דער אסקעטישער מענש האָט געמאכט א גרויסע ענדעקונג: ער האָט ענדעקט זינד. דאָס געפיהל פון שולדיגקייט, וואָס יעדער מענש האָט, — זאָגט זיך דער אסקעט, — נעהמט זיך פון זיין זינדיגקייט; דו ליידסט — דאָס קומסטו אָב פאר דיינע זינד;

אַבקומען דאַרף מען אויף דער וועלט. נישט פערגלייך דעם אומ־גליקליכען, וואָס איז פערצוויבערט פון אַסקעטישען לעבענס־גאַנג, מיט אַ היהן, וואָס זיצט אין אַ קרייד געצייכענטען קרייז, מורא האָבענדיג ארויסצוגעהן פון איהם. הונדערטער יאָהרען שטעהט שוין די זעעל מיט דערשראָקענע אויגען, אַ צוגעשמידטע צו איהר שולד, צו איהר אומווירדיגקייט; עס ליידט די אָרימע זעעל פון שרעקליכע געוויסענבּיסען, די ריטער, דעם קאָריגען העמד, דעם צייהן־קריצעניש און געשריי נאָך פיין!

הונדערטער יאָהרען האָט אַלעס געדיענט דעם אַסקעטישען אידעאַל. אייגענטליך האָט ער נאָך אַלץ ניט ביז אַהער ניט געהאַט קיין ריכטיגע געגנער. די נייע לעבענספאָרם האָט ניט איהרע גרויסע פּראָבלעמען. דערמיט וואָס די וויסענשאַפט האַלט פון קופּערניקס צייטען אָן אין איין אַבלאַכען דעם גלויבען פון מענשען און זיין וועלט בעדייטונג, האָט זי ניט נור אַבגעשוואַכט, נאָר נאָך פערשטאַרקט די אַקסעטישע נייגונגען און אינסטינקטען פונ'ם קריסט־ליכען מענש. ליידען ליידט די אַסקעטישע וועלט אַנשויאונג נור פון איהרע אייגענע אָנהענגער, די היפּאָקריטישע, פאַלשע נשמות, וואָס דערוועקען אונ־צוטרויען צו זיך און זייערע אידעען.

דער אַסקעטישער אידעאַל האָט געהאַט אַ בעשטימטע פונק־ציאָן: די אונזיניגע ליידען זיינען געווען אַ קללה פאַר'ן מענש, אַ צרה, אַן אונזין; האָט דער אַסקעט געגעבען דער דאָזיגער צרה, דעם אָנשיקעניש פון אַ טיעפען זין — אַ זין, וואָס האָט געפיהרט צו טיעפע ליידען, אָבער געגעבען אויך קראַפט דעם שוואַכען מענש. ערשט איצט אין אונזער צייט וועבט זיך אַ נייע קאָנצעפּציאָן, וואָס זעהט אין ליידען אַ בעדינגונג פון יעדען לעבען, אַ בעדינגונג פון גליק און גליקזעליגקייט.

5

אָן אונגעוועהנליך ווערק האָט ניטשע אָנגעשריעבען; אָנגע־רופען האָט ער עס: „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ". דאָס ווערק בעשטעהט פון פיער טיילען, וואָס זיינען געשריעבען גע־וואָרען אין די יאָהרען 1883-85, יעדער טייל אין צעהן טעג, קאַ־פּיטעל נאָך קאַפּיטעל איז אויסגעשפּונען געוואָרען אין לאַנגע שפּאַ־

צירגענגגען אין אַ פער׳שכור׳טקייט פון אינספּיראַציאָן. ניטשע האָט אין אַ פּריוואַט־בריעף געשריבען, אַז שרייבענדיג „זאַראַטוסטראַ״ האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז „יעדען זאַץ שרייט איהם עמיצער אריין אין אויער״.

די צענטראַלע פיגור פון ווערק — „זאַראַטוסטראַ״ און איהר פאָרם זיינען גענומען פונ׳ם פערסישען אוועסטאַ. זאַראַטוסטראַ, איז דער מיסטישער גרינדער פון אַ רעליגיאָן, וועלכען מען רופט געוועהנליך זאָראָאַסטער. זיין רעליגיאָן איז דער אַפּאָטעאָז פון ריינקייט; ווי די וויזהייט פון איינעם, וואָס האָט געשמייכעלט אינ׳ם טאָג פון זיין געבורט; זיין וועזען איז ליכט און פלאַם. דער אָדלער און די שלאַנג — די שטאָלצעסטע און די קלוגסטע פון אַלע חיות — זיינען אַלטע פערסישע סימבאָלען.

„אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ״ איז ניטשע׳ס קאָראַן, אדער בעסער, די אוועסטאַ, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט בירושה דער מענשהייט — אַ טיעפזיניג און פּראָפעטיש ווערק, נעבעלהאַפט און אָבגעריסען פון דער ווירקליכקייט, טיעף און שכור מיט צוקונפט׳ס־האָפנונגען, אָנגעפילט ביז איבער׳ן ראַנד מיט דער פערזענליכקייט פון דעם אויטאָר, וועלכער איז איבערגעפילט מיט זיך אַליין.

אין אַן עהנליכען סימבאָליסטישען און אַלגאָריסטישען טאָן זיינען געשריבען מעצקעוויטש׳ס דאָס בוך פון די פּוילישע פּילגרימען, „סלאָוואַצקי׳ס מלאכים״, לאַמענע׳ס „די ווערטער פון אַ גלויביגען״, וועלכער איז איבעריגענס געוועזן אונטער דער ווירקונג פון מעצקעוויטש׳ן. דער אונטערשיעד איז נור דער, וואָס די אַלע זאַכען זיינען ביבליש אין שפּראַך און גייסט, „זאַראַטוסטראַ״ איז אָבער אַ ווערק פאַר פרייע גייסטער.

ניטשע האַלט, „אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ״, פאַר דאָס בעסטע פון זיינע ווערק: איך בין מיט איהם ניט איינפערשטאַנען. „אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ״ איז איינטאָניג: מיר ווערען בעצויבערט, אָבער דער צויבער פערגעהט. דער טאָן איז ארכאַאישאַלעגאָריש. אין „זאַראַטוסטראַ׳ן״ ווערען איבערגעגעבען ניטשע׳ס וויכטיגסטע אידעען אין אַ פּאָעטישער פאָרם. פונ׳ם ערשטען ביז׳ן לעצטען וואָרט איז „זאַראַטוסטראַ״ געשריעבען אין אַ פּולטאָניגען, קלאַנגיגען, מעכטיגען, טיעפען סטיל, וועלכער ווערט פון צייט צו

צייט צו דאָגמאַטיש, צו פּרעדיגעריש, אָבער איז שטענדיג אָנגעטרונקען מיט פרייד — נאָך מעהר, מיט זעלבסט-פער'שכור'טקייט, און רייך אין סובטיליטעטען און מוטיגע געדאַנקען — א זיכערער און אָפט גרויסער סטיל! אין דעם סטיל געפינט זיך קאַלטע בערג-לופט, א לייכטע, א עטערענהאַפט-ריינע, א קלאָרער הימעל פון אויבען, אונענדליכע וואַסערען צו פוס פון באַרג, און אַזורען-ווייטקייט. אויף די שפּיצען בארג שטעהט זאַראַטוסטראַ אליין, איינזאַמדיג און זיך די פרישע, ריינע לופט, אַליין מיט דער אויפגעהענדער זון, אַליין מיט די שטימען פון די גוטע שטערען אין דער נאַכט.

א גוט, טיעף ווערק! א ווערק, וואָס גלאַנצט מיט לעבענס-פרייד, צוטומעלט מיט זיינע רעטעניסען. דאָס איז א בוך פאַר די מוטיגע גייסטער, וואָס האָבען ניט מורא צו קריכען אויף די ווייטע, געפעהרליכע בערג-שפּיצען פון גייסט, און פאַר יענע וועניגע, וואָס האָבען איבערגעלעבט די גרויסע פעראַכטונג צום המון און די גרויסע ליעבע צום ווייטען, וואָס האָבען דערפאַר אַזוי ליידענשאַפטליך פיינט אַלעס איצטיגע און אונזעריגע, וואָס זעהען שוין מיט די אויגען פון גייסט א העכערע מענשהייט.

זאַראַטוסטראַ איז אַנטלאָפען צו זיך אין הייל אויס עקעל צום קליינעם גליק און קליינער טוגענד. ער האָט דערזעהן, אז די היינטיגע טוגענד און די צופריעדענקייט מאַכען דעם מענשען קליין און דעם מענשענס גוטסקייט איז ניט מעהר, ווי דער מיאוס'ער פערלאַנג, אז קיינער זאָל ניט טהאָן איהם קיין שלעכטס און טאַקי דאַריבער איילט ער זיך אַזוי צו טהאָן יענעם גוטס. פייגהייט ווערט געקרוינט אַלס טוגענד, די זעלבע גוטע טוגענדהאַפטע מענשען זיינען גרייט אייך צו טהאָן שאַדען, פערפאַלגען און'רחמנות'דיג, אויב זיי זיינען זיכער, אז איהר זייט שוואַך און זיי קענען אונבעשטראָפט אויסלאָזען זייער כעס צו אייך. דאָס איז דער מוט פון די פייגע, אָבער ווייל זאַראַטוסטראַ ארויסטרייבען פונ'ם מענשענס זעעל די דבוקים פון פייגהייט, הויבען אַלע אָן צו שרייען: זאַראַטוסטראַ האָט קיין גאָט אין הארצען ניט!

זאַראַטוסטראַ איז אַן איינזאַמער, ווייל אַלע זיינע פריינד האָבען איהם פערראַטען: אַמאָל זיינען זיי געוועזן יונג, אָבער זייערע

הערצער זיינען פערעלטערט, מיעד און אלט געוואָרען, און ניט אזוי אלט, ווי פויל און מיטעלמעסיג. „ארום ליכט און פרייהייט האָבען זיי געפלאַטערט, ווי פליעגען און יונגע דיכטער, און איצט זיינען זיי שטאַמלער און מיסטיפיקאַטאָרען געוואָרען, זיצענדיג אין זייערע פיער ווינקלען". זיי האָבען פערשטאַנען דעם גייסט פון זייער צייט, זיי האָבען אויסגעקליעבען זייער צייט. „איצט פליהען ארום א ל ע נאַכט־פויגעל. איצט איז געקומען די גוטע שעה פאַר אלע, וואָס האָבען מורא פאַר ליכט".

זאראטוסטרא האָט פיינד די גרויסע שטאָדט, וואָס איז א גיהנם פאַר'ן איינזאַמען, און ווערט אָבגעשיידטען. „אלע לאַסטען און בייזע תאוות זיינען אין דער גרויסער שטאָדט אין דער היים, אָבער אין איהר האָט זיך אויך בעזעצט די טוגענד! די פלינקע טוגענד מיט די פלייסיגע פינגער, הארטען זיץ־פלייש, קליינינקע שטערענדלעך אויף דער ברוסט און אויסגעטריקענטע טעכטער. און פער'גנב'ט האָט זיך אזוי פיעל פרומקייט און אויגענגלאַצעניש און נאָט־לעקעניש, דען אין דער הויך שיטען זיך שטערען, גנעזיגע שפייז און אין דער הויך ציהט זיך יענע ניט־בעשטערענטע ברוסט".

אָן עקעל האָט אויך זאראטוסטרא צום שטאַאט; ווי איבסען האָט ער פיינט דעם שטאַאט — און אפשר נאָך שטאַרקער. ניטשע קוקט אויפ'ן שטאַאט, ווי אויף א קאַלטען, אונעמפפינדליכען מאָנס־טער; ער לעבט אין זכות פון ליגען, אז ער איז פאָלק, דאָס פאָלק, אָבער דאָס איז ניט אמת. די שאַפענדע — און ניט די רעגיערענדע — גייסטער האָבען בעשאַפען דאָס פאָלק און געגעבען איהם א גלויבען און א ליעבע — אזוי האָבען זיי געדיענט דעם לעבען. דאָס פאָלק איז איינענאַרטיג, אָבער יעדער שטאַאט איז אומעטום דער־זעלבער. דער שטאַאט איז פאַר די פיעלע, אלצופילע. נור דאָרט, וואו עס הערט אויף שטאַאט, הויבט זיך אָן צו פיהלען דער מענש, דער ניט־איבעריגער מענש, יענער, וואָס איז א בריק צום איבער־מענש.

פון יעדען שטאַאט און שטאַאטליכען איז זאראטוסטרא אנט־לאָפען. ווייט־ווייט אין דער הויך, צו זיך אין הייל. אין פער־צייהונג, אין רחמנות איז געלעגען זיין גרעסטער געפאַהר, ער איז געוואָרען אָן אָפּפער פון די קליינע ליגענס פון רחמנות.

„אַ צוביסענער פון קאָפּ ביז פיס פון די גיפטיגע פליגען, אַן אויסגעהוילטער, ווי אַ שטיין, פון די קליינע טראָפענס פון זייער בעזקייט, בין איך געזעסען צווישען זיי, זאָגענדיג זיך: אַלעס נישטיגע איז ניט שולדיג אין זיין נישטיגקייט. ניט שולדיג זיינען זיי, די אַלע אזוי גערופענע גוטע: זיי בייסען זיך גאַנץ אונשולדיג, זאָגען ליגענס גאַנץ אונשולדיג, ווי קענען זיי זיין גערעכט צו מיר?"

„רחמנות, הייסט זאָגען ליגענס יענעם, וואָס זיצט מיט די גוטע. רחמנות פערפעסטעט די לופט, וועלכע עס אָטעמען איין די פרייע גייסטער, די נארישקייט פון די גוטע איז ניט צו דערטראָגען. זייערע שטייפע חכמים האָב איך ניט געוואָגט אָנצורופען מיט'ן ריכטיגען נאָמען; ניט שטייפע, נור חכמים האָב איך זיי אָנגערופען. זייערע קברנים האָב איך געטויפט אַלס פאָרשער — אזוי האָב איך אויסגעלערנט זיך צו רעדען פאָרזיכטיג. די קברנים לעגען זיך אַליין אין קבר אריין, פונ'ם אַלטווארג טראָגען זיך שעדליכע אויסדונסטונגען; אויף די בערג דאַרף מען לעבען, ניט צווישען זיי".

מיט צושפרייטע נאַזלעכער אָטעמט זאַראַטוסטרא אריין די פרייהייט פון די בערג, די לופט פון פרייהייט. צו איהם דערגעהן ניט די שלעכטע גערוכען, וואָס אַלעס מענשליכע אין טהאָל גיט ארויס פון זיך. אין דער הויך זיצט זאַראַטוסטרא מיט אַלטע צובראָכענע לוחות ארום איהם און נייע האַלב פערשריעבענע און ווארט אויף זיין שעה, אויף דער שעה, ווען דער לייב און די טייבעלעך, דאָס שטארקע און מיעדע, וועלען קומען איהם אָבגעבען עהרע. ער גיט מענשען נייע לוחות, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט אַזעלכע מאַקסימען:

„שוין ניט דיין נאָהענטסטען! מיין גרויסע ליעבע צו דעם ווייטסטען פאָדערט דאָס פון דיר. דיין נאָהענטסטען איז עפּעס, וואָס מוז איבערוואונדען ווערען."

„זאָג ניט: איך וועל זיין צו אַנדערע אזוי, ווי כ'וויל, אַז אַנדערע זאָלען זיין צו מיר. דאָס וואָס דו טהוסט, קען קיינער ניט טהאָן דיר. עס איז ניטאָ קיין קאָמפּענסאציאָן".

„ניט גלויב, אַז דו טאָרסט ניט צונעהמען פרעמדס. דאָס

רעכט, וואָס דו קענסט צונעהמען, זאָלסטו ניט ערלויבען יענעם שענקען דיר".

„היט זיך פאַר גוטע מענשען: זיי זאָגען קיינמאָל דעם אמת ניט. דאָס, וואָס זיי האַלטען פאַר שלעכט, איז גוט. אַלעס וואָס שרעקט זיי: דער גרויסער מוטה, דער פעסטער אונצוטרוי, דאָס גרויזאמע־ניין, דער עקעל צום מענש, דער ווילען צו זיין אָהן רחמנות, — דאָס אַלץ געבוירט ערשט דעם אמת".

יעדע פערגאַנגענהייט איז אינ'ם מענשענ'ס הענד — און יעדע צוקונפט. אַלעס איז מעגליך — און דער נאַרישער פּלעבס קען נאָך ווערען דער האַר פון דער צוקונפט און דערטרינקען יעדע צייט אין זיינע פלאַכע וואַסערען, אָדער א גרויסער טיראַן וועט אוזורפּירען אַלע רעכטע. עס מוז קומען א נייער אַדעל, וואָס זאָל אַרויפלעגען א צאַם אויף יעדען המון און יעדער טיראַניי און פער־שרייבען אויף די נייע לוחות דאָס וואָרט אַדעליג, ניט אַן אַדעל, וואָס האָט גוט בעצאָהלט פאַר'ן כבוד, און ניט יענער וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט נור מיט זיין ליעבע צום פאַטערלאַנד. זאַראַ־טוסטראַ לערנט עפּעס אַנדרש: פערטריעבענע דאַרפט איהר זיין פון אייערע פאָטערלענדער. ניט דאָס לאַנד פון אייערע פאָטערס זאָלט איהר ליעב האָבען, נור דאָס לאַנד פון אייערע קינדער. די ליעבע וועט אייך אַדלען — די ליעבע צום נייעם, אונענטדעקטען, וויטען לאַנד, צו די וויטע, שטילע וואַסערען. און אייערע קינדער דאַרפט איהר אויסקויפען פון דעם אומגליק, וואָס איהר זייט קינדער פון אייערע פאָטערס; יעדע פערגאַנגענהייט דאַרפט איהר אויס־לייזען.

זאַראַטוסטראַ איז מילד. אונז האָט מען געזאָגט: מאַן און ווייב זייט ניט אונטריי איינער צום אַנדערען! אָבער זאַראַטוסטראַ הייסט די עהרליכע מענשען צו זאָגען אזוי: לאָמיר זעהן, צו אונ־זער ליעבע האָט א בעשטאַנד און זאָגען, ווי לאַנג מיר בלייבען צו־זאַמען און ערשט נאָכדעם בעשטימען, צו וועלען מיר ווייטער זיין צוזאַמען. דאָס וואָס קען ניט אויסבויגען זיך, וועט צוברעכען ווע־רען... א פרוי איז צוגעגאַנגען אַמאָל צו זאַראַטוסטראַ'ן און האָט אזוי געזאָגט: „ס'איז אמת, אז איך האָב געבראָכען מיין טרייהייט

צום מאַן, אָבער שוין פריהער האָט מיין הייראַט און מיין פרייהייט צובראָכען מיך".

זאראטוסטרא קען זיין אונ'רחמנות'דיג. אונז האָט מען גע־לערנט: „שטוים ניט דעם וואָגען וואָס פאַלט", אָבער זאראטוסטרא זאָגט: „ווער עס פאַלט זאָל פאַלען, און דו גיב איהם דעם לעצטען שטויס. אַלעס היינטיגע פאַלט און צופאַלט. קיינער קען ניט איינהאַלטען דאָס צופאַלענע, אָבער זאראטוסטרא וויל נאָך זיין צו־שטערער".

זאראטוסטרא האָט ליעב די מוטיגע, אָבער ניט יענע, וואָס זיינען גרייט צו שלאָגען זיך מיט יעדען איינעם, וואָס פאַלט אָן אויף זיי. אָפט פאַדערט זיך מעהר מוט פארבייציוגעהן, פערשוויי־גען. זאראטוסטרא זאָגט ניט: „האָט ליעב אייער פיינד, נאָר ער זאָגט, פיהרט ניט קיין קאַמפף מיט פיינד, וועלכע איהר פער־אַכטעט".

„פאַרוואָס ביזטו אזוי הארט?" — פרעגען מענשען זאראַ־טוסטראַ'ן, ענטפערט ער: „די שאַפענדע זיינען הארט: זיי זי־נען גליקליך וואָס זיי קענען לעגען זייער האנד אויף קומענדיגע יאָהר הונדערטער".

גאָרניט רעגט אזוי שטארק אויף זאראטוסטרא'ן, ווי די פעַ־סימיסטישע גערעדערייען וועגען די נישטיגקייט און אונזיניגקייט פון לעבען. „דאָס זיינען אַלט־ווייבערישע רכילות, פלאַפלערייען פון פערווייבילטע מענשען." נור עקעל פיהלט ניטשע צו די פי־לאָזאָפען פון מרה שחורה, וואָס רעכענען מאַטעמאַטיש אויס, אז ס'איז פאַראַן מעהר טרויער און אומגליק אויף דער וועלט, ווי גליק און פרייד. זיי טענה'ן, אז יעדעס לעבען איז אַן אונזין, אָבער ניטשע גלויבט, אז ס'איז בעסער ליידען דאָס ערגסטע, ווי פערגעהן. אַ ליידענשאַפטליכע ליעבע צום לעבען איז אויסגעדריקט אינ'ם „הימן צום לעבען", וועלכען ניטשע'ס נאָהענטער פריינד, לו פאָן סאַלאָמע, האָט אָנגעשריעבען, און מיט וועלכען ער האָט זיך בע־נוצט אַלס טעקס פאַר זיינע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען.

„גלויב מיר", שטעהט אין דער הימן, „זעלטען האָט אַ פריינד אזוי ליעב זיין פריינד, ווי איך דיך, דו געהיימניספול לעבען! צו דו גיסט מיך פרייד צו לייד צו לאַסט אָדער פערגעהסט אין טרעה־

רען — איך האָב דיך ליעב מיט אַלע דיינע ליידען און פריידען, און וועסט דו מיר הייסען געהן, וועל איך זיך ארויסרייסען פון דיינע אָרעמס, ווי אַ פריינד פון דעם גוטען פריינד׳ס אָרעמס".

דער הימן ענדיגט זיך מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „און אויב דו קענסט שוין מעהר קיין גליק מיר געבען, קענסטו בעשענקען מיך מיט דיינע ליידען נאָך".

ווי שוואַך איז דעם גריכישען העלד׳ס אכיל׳ס אויסרוף, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַ לאַסט-טרעגער אויף דער ערד, איידער אַ קעניג אין דעם לאַנד פון שאָטענס, אַנטקעגען ניטשע׳ס ברוויזענדער לעבענס-לוסט, אַנטקעגען די דאָזיגע גליהענדע שורות, אין וועלכע ניטשע דערצעהלט אונז, אַז ער איז גרייט צו טרינקען פונ׳ם בעכער פון ליידען ביז׳ן דעק, אַבי ניט צו שיידען זיך מיט׳ן הערליכען לעבען.

דער דייטשער פילאָסאָף, הארטמאַן, איז איבערצייגט, אַז דער וועלט-פּראָצעס האָט אַן אָנהויב און מוז האָבען אַ סוף. ווי קען געמאָלט זיין אייביגקייט, טענה׳ט הארטמאַן, אַז דאָס, וואָס איז גע־וועזען, איז אַוועקגעגאַנגען און וועט ניט ווידערהאָלען זיך. אין שאַרפען געגענזאַץ צו דער טעאָריע, פּרעדיגט ניטשע, אַז אַלעס, וואָס איז געווען און געשעהט איצט, וועט זיך איבער׳חזר׳ן און צו־ריקקומען וועט אַלעס אויף זיין אָרט און מיר אַליין אויך, ווייל פון אייביגקייט פיהרט דער לעבענספּראָצעס אונז און די וועלט אין אייביגקייטען אריין. אויף דער דאָזיגער קאָנצעפּציאָן פיהלט זיך די ווירקונג פון דעם אידישען קהלת און דער פּיטאַגאָרישער פאָר־שטעלונג, אַז די געשיכטע בעוועגט זיך אין אַ קרייז. ניטשע׳ס היפּאָטעזע, וואָס האָט אַ פלאַכליכען מיסטישען בייגעשמאַק, קעהרט איבער מיט׳ן קאָפּ אַראָב הארטמאַן׳ס פילאָזאָפיע פון אייביגער צושטערונג. ניטשע איז ניט דער איינציגער, וואָס האָט די לעצטע צייטען ארויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען, כמעט אין דער זעלבער צייט האָבען עהנליכע אידעען ענטוויקעלט צוויי פראַנצויזישע דענקער, בלאַנקי און לעבאָן.

זאַראַטוסטראַ האָט ניט מורא פאַר׳ן טויט. אין די לעצטע מינוטען וועט ער זאָגען: „איך פערשווינד איצט, אין אַ מינוט וועל איך צו נאָרנישט ווערען דען די זעעל איז אַזוי שטערבליך, ווי

דער ליבּ, אָבער דער צוזאַמענהאַנג פון ערשיינונגען, אין וועלכע איך בין אריינגעפלאָכטען, וועט צוריקקומען און מיך ווידער און ווידער אין דער וועלט ברענגען״.

ענדענדיג דעם דריטען טייל פון זאַראַטוסטראַ זאָגט ניטשע „א צווייטען טאַנץ געזאַנג״ וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ניטשע'ס שפּראַך אין איהרע געהויבענסטע, פּאָעטישע מאָמענטען. זאַראַטוסטראַ שטעלט זיך דאָס לעבען פאָר ווי א פרוי, וואָס טאַנצט, קלאַפּענדיג מיט די קאַסטאַניעטען: זי רופט און ער לאָזט זיך אין טאַנץ מיט איהר, שרייענדיג ליידענשאַפטליך אויס זיין ליעבע צום לעבען און פיינדשאַפט צום לעבען:

„אין דיינע אויגען האָב איך ניט לאַנג אריינגעקוקט, א לעבען! איך האָב געזעהן, אין דיינע נאַכט-פינסטערע אויגען האָט זיך צו-בליהט גינגאָלד — דערזעהענדיג דאָס, איז מיין האַרץ פון פרייד געבליבען שטעהן.

„איך האָב געזעהן, ווי אויף די שאָטענדיגע וואַסערען האָט אויפגעגליהט א גאָלדיג שיפעל; זינקענדיג, טרינקענדיג זיך, טו-קענדיג און שווימענדיג ארויף האָט זיך איבער'ן וואַסער געטראָגען דאָס גאָלדענע שיפעל.

„אויף מיין טאַנצענדיגען, טאַנץ-ענטציקטען פוס האָסט דו געווענדעט דיין בליק, דעם שמייכלענדען, פרעגענדען, געהיימניס-פול-ציטערדיגען בליק דיינעם.

„נור צוויי מאָל האָסטו מיט דיין הענטעל א קלאַפּ געטהאָן צום טאַקט אין די קאַסטאַניעטען — און מיין פוס האָט זיך שוין צו-וויעגט אין דעם פער'שכור'טען, פער'שכור'ענדען טאַנץ.

„איך האָב מורא א קוק צו טהאָן אויף דיך אין דער נאָהענט-קייט, איך האָב דיך ליעב פון דער ווייט; זעהענדיג דיך פליהענ-דיג פאַרביי, ווער איך פערצוויבערט, אָבער דיין נאָהנטקייט פער-גליווערט מיינע גליעדער. איך לייד, אָבער וואָס פאַר א ליידען וואָלט איך ניט איבערגעליטען פריידיג צוליעב דיר?

„צוליעב דיר, וואָס דיין קעלט צושניידט דאָס בלוט, דיין פיינדשאַפט פערפיהרט, דיין שפּאָט רייצט!

„ווער קען דיך ניט פיינד האָבען, דו גרויסע פערפיהרעריז, וואָס בינדסט און צובינדסט, יאָגסט זיך נאָך און שלעפּסט אריין

אין דיינע נעצען אייביגע! ווער קען דיך ניט ליעב האָבען, אונ־שולדיגע, אונגעדולדיגע, ווינדיג־שנעלע, קינד־אויגיגע זינדערין."

דאָס לעבען און איהר געליעבטער, די טענצערין און טענצער פיהרען אזא דיאַלאָג:

„אָ, זאראטוסטרא, דו האָסט מיך ניט אזוי שטארק ליעב, ווי דו זאָגסט, דו ביזט מיר ניט גענוג טריי, פאראהן אַן אַלטע, שווערע גלאָק; זי ציטערט ביי נאכט אין דיין הייל אריין. ווען דו הערסט די גלאָק אין מיטען נאכט, אהנסט דו, אז באַלד וועסט דו מיך פערלאָזען".

דאָס ליעד פון דער אַלטער מיטנאכט־גלאָק ווערט פערטייטשט פון ניטשע'ן אינ'ם „ליעד פונ'ם לונאטיקער", וואס איז אין פערטען טייל פון „אזוי האָט געזאָגט זאראטוסטרא". דערמאָהנענדיג לויט דעם פאָרם אָן א מיטעלאַלטערליכען נאכט־וועכטער'ס ליעד פון איין זייט, און אָן דער הימן פון א מיסטיקער, פון דער אנדערער, גיבען די דאָזיגע שורות קורץ איבער דעם געהיימניספולען תוך פון ניטשע'ס נייער דאָקטאָרין:

„עס דערנעהנטערט זיך די מיטנאכט, און אזוי מיסטעריעז, אזוי הארציג, אזוי שרעקענהאפט, ווי די מיטנאכט־גלאָק רעדט צו זאראטוסטרא'ן, אזוי רעדט ער, זיך ווענדענדיג צו די העכערע מענשען: אין מיטען נאכט הערט מען פערשיעדענעס, וואָס קען ניט געהערט ווערען ביי־טאָג. די מיטנאכט זאָגט: אָ מ ע נ ש ג י ב א כ ט ו נ ג !

„וואָס איז געוואָרען מיט דער צייט? האָב איך זיך ניט אראָב־געלאָזט אין טיעפע ברונעמער? די וועלט שלאָפט, און ציטערנדיג פרעגט זי: ווער וועט זיין דער האר פון דער וועלט? ו ו אָ ס זאָגט די טיעפע נאכט?

„די גלאָק צורייסט זיך קלינגענדיג, דער וואָרעם פרעסט זיך איין אין דעם רונד פון בוים, דער וואָרעם אין הארצען נאָגט. אָ, די וועלט איז טיף!

„אָבער די אַלטע גלאָק איז ווי א קלינגענדיגער שפיל־אינסט־רומענט: אַלע ליידען האָבען איינגעגעבען זיך אין איהר הארץ, די ליידען פון די פאָטערס און די אהנען. און יעדער פרייד האָט אָב־געציטערט אין איהר, די פרייד פון פאָטערס און אהנען. עס טראָגט

זיך פון דער גלאָק דער אָטעם פון אייביגקייט, א ראָזיג־געבענשטער ווייִן־גאָלדענער, האָט ער פון אַלטער פרייד און דער רעפרען: טיף איז די וועלט, און טיפער נאָך, ווי ס'האָט דעם לאַנג געזוכט זיך.

„איך בין צו רייִן פאַר די רויִהע הענד פון'ם טאָג, די רייִנסטע וועלען זייִן די הערשער פון דער וועלט. די שטאַרקסטע, די ניט־דערקענטע, די מיטען־נאַכט זעעלען, וועלכע זייִנען העלער און טיע־פער פון יעדען טאָג. טיף איז די פּייִן, די פּייִן פון אונזער וועלט.

„אָבער פרייד איז טיעפער פון דער פּייִן. די פּייִן זאָגט: ווער צובראָכען, האַרץ, פּייִן זאָגט: פערשווינד.

„אָבער איהר, העכערע מענשען, מוזט יאָ זאָגען יעדער פּייִן, אויב איהר האָט געזאָגט יאָ עפּעס א פרייד. פערבונדען זייִנען פרייד און פּייִן איינער מיט דער אַנדערער, צוזאַמענגעפלאָכטען ניט צו שיידען זיך. און אַלעס וואָס פערגעהט, הויבט זיך ווידער אָן, ווייל אייביג איז אַלעס. יעדע פרייד וויל אייביגקייט, וויל טיעפע, טיעפע אייביגקייט!"

6

מיר האָבען א בעשטימטען איינדרוק פון ניטשע'ן: ער איז קריעגערישער מיסטיקער, דיכטער און דענקער, דער אייגענאַרטי־גער פייִנד פון יעדער מאָראַל, וואָס ווערט ניט מיעד פּרעדיגענדיג און לערנענדיג. ווען איהר געהט איבער צו ניטשע'ן, האָבענדיג נור וואָס געלעזען די ענגלישע פילאָזאָפען, דוכט זיך אייך, אז איהר זייט אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין אַן אַנדער וועלט. די ענגלי־שע פילאָזאָפען זייִנען רוהיגע גייסטער, מענשען מיט געדולד, וואָס האָבען ליעב צו זאַמלען און אויספאָרשען וואָס מעהר קליינע פאַק־טען און פון זיי רעדוצירען עפּעס א געזעץ, עפּעס א גענעראַליזאַ־ציאָן. די בעסטע פון זיי זייִנען אַריסטאָטעלישע גייסטער. זעלטען ווער פון זיי זאָל אייך בעצויבערען פּערזענליך אָדער מאַכען אויף אייך אַן איינדרוק פון א קאָמפּליצירטען פּערזענליכקייט. זיי וויר־קען אויף אייך מעהר דערמיט, וואָס זיי זייִנען אַליין, אלס פּערזענ־ליכקייטען. ניטשע האָט אָבער, ווי שאָפּענהויער, אין זיך עפּעס פון

א נביא, א וויזיאָנער, א קינסטלער. ער אליין איז אינטערעסאַנ־טער פון זיין ארבייט. ער איז א אונגעוועהנליכע פערזענליכקייט.

ווי ווענינ ניטשע האלט זיך ניט פאר דייטשיש, ציהט ער דאָך ווייטער דעם טראַדיציאָנעלען פאַדעם פון דער מיסטישער און אינסטואיטיווער ריכטונג אין דער דייטשער פילאָזאָפיע. ער האָט, ווי אלע דייטשע דענקער, א גרויסען עקעל צו יעדען אוטיליטאַריס־טישען שטאַנדפונקט. זיין ליידענשאַפטליכע אַפּאַריסטישע פאָרם איז זיכער אָריגינעל. זיינע אידעען דערמאָהנען אונז אָפט אָן די אידעען פון אַנדערע צייט־גענאָסען זיינע. אינטערעסאַנט איז, אז ניטשע גלויבט ניט, עס זאָל מעגליך זיין, אז ער זאָל האָבען עפּעס גענומען פון אַנדערע און שעהמט זיך ניט אָנצופאַלען מיט גרויסען כעס אויף איינעם, וואָס האָט געזאָגט עפּעס עהנליכעס צו זיינע אידעען.

ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, האָט רענאַן געקוקט אויף דער היינטיגער קולטור מיט די זעלבע אויגען, ווי ניטשע און האָט, ווי ער, געגלויבט, אז א צוקונפט האָט די אינטעלעקטועלע אַריסטאָקראַ־טיע, וואָס איז בעשטימט צו זיין די הערשערין פון דער וועלט; דאָך האָט ניטשע ניט געפונען פאַר נויטיג צו דערמאָהנען דעם גוטען רענאַנ'ס נאָמען אפילו מיט איין וואָרט. נעהמט ניטשע'ס בעצי־הונג צו עדוארד פאָן האַרטמאַנ'ן. האַרטמאַן האָט שוין פון לאַנג געפיהרט א קאַמפף מיט שאָפּענהויער'ס מאָראַל פון רחמנות. ער איז זיכער א טאַלאַנטפולער מענש, אַן אינטערעסאַנטער דענקער, וועלכער איז, אמת, שטאַרק איבערגעשעצט געוואָרען פון זיינע אָנהענגער. ניטשע מאַכט האַרטמאַנ'ען צו גאָר ניט, ערקלערט איהם פאַר א פשוט'ן שאַרלאַטאַן: „דאָס קען זיך נאָר ערלויבען א דייטשער פּראָפעסאָר, וואָס קען ניט זיין גערעכט און אונפּאַרטיי־איש צו מענשען". אמת, האַרטמאַן איז א שווערער מענש פון ניטשע'ן: ער איז זעלבסט־צופריעדען, פּאָמפּיעז, אמת־דייטשיש און, אין גענענזאַץ צו ניטשע'ן, אין גאַנצען ניט אָנגעריהרט פון פראַנצויזישען גייסט און זידליכען זונשיין. און דאָך זיינען צווי־שען ביידע פאַראַהן געוויסע אַנאַלאָגיען, וואָס לאָזען זיך ער־קלערען דערמיט, וואָס זיי ביידע זיינען ערצויגען געוואָרען אין דער־זעלבער דייטשישער סביבה.

עפּעס עהנליכעס איז שוין דאָ אין דער געזעלשאַפטליכען סטאַטוס פון ניטשע און האַרטמאַנ׳ען: ביידע זיינען, אַלס אַרטילעריסטען, דורכגעגאַנגען די זעלבע מיליטערישע שול. ביידע זיינען אויך געווען אונטער די קולטורעלע איינפלוסען — אָנגעהויבען מיט שאָפּענהויער׳ן און דערצו, גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר העגעל׳ן, פערזיינענדיג אויף אַזאַ אופן אין זייער האַרצען אַ ליעבע צו די צוויי פילאָזאָפישע אַנטאַגאָניסטען. אי ניטשע, אי שאָפּענהויער האָבען זיך דערווייטערט פון קריסטליכער רעליגיאָזיטעט און קריסטליכער מאָראַל; ביידע האָבען פעראַכטונג צו דעמאָקראַטישקייט און פאָלק. ניטשע קען ניט ליידען נאָך מעהר די סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע פּראָפּאָגאַנדע, ווי האַרטמאַן: האַרטמאַן איז רוהיגער, וויסענשאַפטליכער, אַקאַדעמישער, ניטשע פערגעסט זיך אויף אַזוי פיעל, אַז ער שיט פעך און שוועבעל אויף די „אַנאַרכיסטישע הינט”. אויסדריקענדיג אין דער זעלבער צייט אַן עקעל צום שטאַאַט, וועלכען די אַנאַרכיסטישע דאָקטרין לייקענט אָב. סיי האַרטמאַן, סיי ניטשע בעווייזען די אונמעגליכקייט פון גלייכהייט און פריעדען, ווייל דאָס לעבען איז אין תוך אונגלייכהייט און מלחמה. וואָס הייסט: זיין גוט, פרעגט ניטשע און ענטפערט: גוט איז צו זיין מוטיג און מילד. ניט די גוטע זאַך פערהייליגט די מלחמה, נור די גוטע מלחמה פערהייליגט יעדער זאַך. ניטשע בעשטעהט ניט ווייניגער פון האַרטמאַנ׳ען אויף די נויטיגקייטען פון קאַמפּף פאַר מאַכט און אויף דער גרויסער קולטורעלער בעדייטונג פון מלחמה.

אין די צוויי דענקער, וואָס זיינען אַזוי פערשידען איינער פונ׳ם אַנדערען, פון וועלכע איינער איז אַ מיסטישער נאַטור פילאָסאָף און דער אַנדערער — אַ מיסטישער אַמאָראַליסט, האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער אַלמעכטיגער מיליטאַריזם פון דער נייער דייטשער אימפּעריע. האַרטמאַן איז אָפט אויפ׳ן גרענעץ פונ׳ם נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישען; ניטשע איז אַ געגנער פונ׳ם דייטשען מיליטאַריזם און פון ביסמאַרק׳ן, יענעם גרויסען שטאַאַטסמאַן, וועלכער האָט „צוגעוואָרפען די דייטשען אַ נייעם באַבילאָנישען טורעם, אַ פערזעהניש לויט דער טעריטאָריע, וואָס עס נעהמט אַרום און דער מאַכט, וועלכע עס האָט.” און דאָך הויערט עפּעס פון ביסמאַרק׳ס גייסט איבער ניטשע׳ן, ווי אויך איבער

האַרטמאַן׳ען. ביידע האָבען אויך דיזעלבע בעציהונג צו מלחמה; האַרטמאַן וויל אין בלוט אויסלייטערען די וועלט, און ניטשע גלויבט, אַז מיר דאַרפען האָבען מלחמה, כדי מוט און טאַפּפער־קייט זאָלען ניט פערשווינדען פון דער וועלט.

אין זיין פעראַכטונג צו דער פרוי, אין זיין אָבשפּאָטען פון דער פרויען־עמאַנסיפּאַציאָן, בעגעגענט זיך ווידער ניטשע מיט האַרטמאַן׳ען, אָבער נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי ביי־דע ווידערהאָלען דאָס, וואָס שאָפּענהויער האָט געזאָגט. איבריגענס איז פאַרהאַן אַן אונטערשיד אין זייער ביידענס בעציהונגען צו דער פרוי: האַרטמאַן איז אַ מאָראַליזירענדער דאָקטריי־נער, זיינע ווערטער האָבען אין זיך עפּעס אונאַנגענעהם־פּעדאַנ־טישעס. ניטשע האָט שוין אַ פיינע אַהנונג פון דער געפאַהר, וואָס איז אין דער פרוי; אין זיינע בעליידיגענדע עפּיטעטען פיהלט זיך ערפאַהרונג. ניטשע האָט, ווייזט אויס, פרויען וועניג געקענט, אָבער יענע, וועלכע ער האָט געקענט, האָט ער געליעבט און אויך געהאַסט מיט׳ן גאַנצען האַרצען — און מעהר פון אַלע־מען פעראַכטעט. ניט איין מאָל רעדט ניטשע פון דער ניט־צו־געפאַסטקייט פון׳ם געניאַלען מענש צום פערהייראַטען לעבען. אין אַזעלכע ווערטער דערקענט מען לייכט עפּעס פּערזענליכעס. פערדעכטיג איז דאָס, וואָס ניטשע איז איבערצייגט, אַז דער דענ־קער מוז לעבען אבסאָלוט איינזאַם.

הערט מען זיך בעסער איין אינ׳ם טאָן פון ניטשע׳ס און האַרטמאַן׳ס פיליפּיקען געגען פרויען, דערהערט מען לייכט די שטימע פונ׳ם אַלטען, פּאַטריאַרכאַלישען דייטשלאַנד, וואו די פרויען האָבען, אין געגענזאַץ צו פראַנקרייך און ענגלאַנד, הונ־דערטער יאָהרען געלעבט אין די ענגע ראַהמען פון הויזליכען, שטרענג־פּריוואַטען לעבען. עס פיהלט זיך דאָך, אַז די דאָזיגע דייטשע שרייבער האָבען בענומען דעם טיפען ווידערשפּרוך און שטענדיגע קאַמפּף צווישען געשלעכטער, וועלכען סטואַרט מיל האָט ניט בעמערקט אָדער ניט פערשטאַנען. מיר מוזען אָבער זיך מודה זיין, אַז אונז איז ליעבער די אומגערעכטיגקייט צום מאַן און די פערפלאַכטע גערעכטיגקייט צו דער פרוי, וועלכע כאַ־ראַקטעריזירט דעם וואונדערבאַרען קאַמפּף, וועלכען סטואַרט מיל

פיהרט אין די אינטערעסען פון דער פּרויענעמאַנסיפּאַציאָן, ווי די רויהע אומגערעכטיגקייט פון ניטשע'ן, וועלכער הייסט אונז אומקעהרען זיך אין אונזערע בעציהונגען צו דער פרוי צום „גראַנ־דיעזען געזונדען מענשענפערשטאַנד פונ'ם אלטען אזיען".

אינטערעסאַנט איז אויך צו בעטראַכטען די בעציהונגען פון ניטשע'ן צו אַן אַנדער דייטשען פילאָסאָף — דורינג, וועלכער האָט פריהער פון ניטשע'ן געפיהרט אַ ביטערע מלחמה מיט די פּעסימיסטישע טעאָריען. דאָס האָט, ווייזט אויס, אזוי אויפגע־רעגט און פערביטערט ניטשע'ן, אז פּאָלעמיזירענדיג מיט איהם דערגעהט ער ענדליך אזוי ווייט, אז ער בעצייכענט איהם מיט פעראַכטונג אלס זיין אימיטאַציאָן, זיין אַפּען־געשטאַלט. עס איז נאַטירליך געווען צו ערוואַרטען, אז דורינג דער אַנטיסעמיט, דער תלמיד פון די ענגלישע פילאָסאָפען און דער פּאָזיטיוויסט קאַנט, דער פּרעדיגער פון נקמה, זאָל דערוועקען אין ניטשע'ן אַן עקעל צו זיך, אָבער עס איז שוין גאָר ניט צו פערשטעהן, פאַר וואָס ער אַנערקענט ניט דאָס גוטע און בעדייטענדע, וואָס דור־ינג האָט אויפגעטהון. עס איז פערשטענדליך, אז ניטשע האָט געדאַרפט קוקען ווי אויף זיין קאַריקאַטור אויף דורינג'ען, ווע־מענס שיקזאַל איז אזוי ענליך געווען צו זיין אייגענעם שיקזאַל: דער בלינדער, אומגליקליכער, פון דער אָפיציעלער וויסענשאַפט ניט אַנערקענטער דורינג, וועלכער האָט אויף אַ קול פּראָקלאַ־מירט זיין ליעבע צום לעבען, ניט קוקענדיג אויף די שווערע קלעפּ, וועלכע דאָס לעבען האָט איהם דערלאַנגט, מוז ווילענדיג, ניט ווילענדיג דערמאָנען יעדען אָן ניטשע'ן, אָבער בערעכטיגט דען דאָס ניטשע'ס בעליידיגענדע בעציהונג צום אומגליקליכען קאָ־לעגע־פילאָסאָף? מען מוז זיך מודה זיין, אז וויפיעל ניטשע שטרענגט זיך ניט אָן צו זיין דאָס, וואָס ער איז אין דער ווירק־ליכקייט, ד. ה. אַ פּוילישער אדעליגער, אַן אייראָפּעער, אַ וועלט־ליכער מענש, אַ קאָסמאָפּאָליטישער דענקער, דערשמעקען מיר אין איהם אָבער באַלד דעם רויהען, אונראַפינירטען דייטשען פּראָפעסאָר, ווי נור ער נעהמט זיך צו זיינע געגנער, די איינציגע געגנער, וועלכע ער האָט דאַמאַלס געהאַט צווישען די דייטשע פילאָסאָפען פון יענער צייט — האַרטמאַן'ען און דורינג'ען.

עס איז אונפערשטענדליך, ווי אזוי האָט דאָס געקענט זיין, אז דער דאָזיגער מענש, וועלכער האָט אזוי פיעל געלערענט פון די פראנצויזישע מאָראליסטען און פסיכאָלאָגען (לאראשפוקאָ, שאמפאָר און סטענדאל), זאָל אזוי וועניג האָבען אָנגענומען זיך מיט דער שטרענגקייט און איינגעהאַלטענקייט פון זייער פאָרם. ניטשע האָט קיינמאָל ניט געהאַלטען זיך אין די גרענעצען פון די פראנצויזישע ליטעראַרישע קאָנווענציאָנען, וועלכע ערלויבען ניט צו זיין סוביעקטיוו און רעדען וועגען זיך און אין איינענעם נאָמען. ער איז שטענדיג געווען סוביעקטיוו. ער האָט שטענדיג געשטרעבט צו דערגעהן צו זיך, צו זיין אינדיווידועל, ווערען אַן אינדיווידואַליטעט. כדי צו דערגעהן צו זיך, איז ניטשע אריינ־געקראָכען אין זיין איינזאַמקייט, ווי זאראטוסטרא אין זיין הייל. וואָס מעהר ער איז געזעסען אין דער הייל, אַלץ מעהר האָט ער זיך דערוווייטערט פון מענשען. ווען עס האָט זיך צובליהט אין זיין הארצען אַן אָריגינעלע געדאנקענוועלט, האָט ער פערלאָרען יעדע מאָס אין דער אָבשאַצונג פון זיין פערזענליכקייט. דאָס, וואס די דרויסענדיגע וועלט האָט איהם ניט געוואָלט קענען, האָט פערשטארקט דאָס בעוואוסטזיין פון זיין אינערען ווערט. ענד־ליך האָט די וועלט אָנגעהויבען צו בעמערקען דעם פילאָסאָף, דער ערשטער שימער פון אנערקענונג האָט שרעקליך צורייצט זיין איי־טעלקייט און פלוצלונג האָט זיך אָנגעצונדען אין דער טיפעניש פון דער איינזאמער, פעראיינזאַמטער זעעל די גרויסע אילוזיאָן, וואָס האָט איינגאַנצען פערבלענדט דעם דאָזיגען אונגעווענליכען, מעכטיגען גייסט.

קאָרעספּאָנדירענדיג מיט פ. ניטשע'ן...

(1897)

מעהר ווי צעהן יאָהר זיינען פערגאַנגען, זייט איך האָב דער ערשטער געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דעם דאַמאָלס נאָך גאַנץ אונבעקאַנטען פרידריך ניטשע'ן. מיין עסיי וועגען ניטשע'ן איז געווען די ערשטע גרעסערע אַר־בייט, וועלכע איז געשריבען געוואָרען בכלל אין איירעפּאַ וועגען דעם דאָזיגען מענשען. וואס איז אין משך פון די צעהן יאָהר געוואָרען וועלט בערירהמט און ווערט איצט בעטראַכט אלס איי־נער פון אונזערע בעדייטענדסטע צייטגענאָסען. דער דאָזיגער דאַ־מאָלס נאָך גאַנץ אונבעקאַנטער און זעלטען ווען ציטירטער דענ־קער איז איצט געוואָרען דער געקרוינטער פילאָסאָף פון כמעט גאַנץ איירעפּאַ, אבער דער גרויסער מענש, וועלכער האָט ענד־ליך דערגרייכט די בערימטקייט, נאָך וועלכער ער האָט אזוי ליי־דענשאַפטליך געבענקט, האָט ניט קיין אהנונג פון זיין גליק: א גייסטיג־קראַנקער, אן אָבגעשיידטער פון דער וועלט, געהט ער ארום איבער דער וועלט — א לעבעדיגער מת!

פון דייטשלאַנד, ניטשע'ס פאָטערלאַנד, וועלכעס האָט ניט אנערקענט איהם אזוי לאַנג, ווי ער איז נאָך געווען געזונד און שעפּפעריש, זיינען זיינע ווערק אריינגעדרונגען כמעט אין אַלע לענדער; אפילו אין פראַנקרייך, וואָס האַלט זיך ווייט פון פרעמ־דע, בעזונדערס דייטשע, איינפלוסען, ווערט זיין פערזענליכקייט און דאָקטרין געפּאַרשט און קאָמענטירט. ניטשע האָט שוין תלמידים, כמעט א שולע, וועלכע ציטירען און קאָמפּראָמיטירען איהם — אָדער ריכטיגער זיך — גאַנץ שטאַרק. ער האָט אויך פערשידענע געגנער: אַנדערע (ווי לודוויג שטיין) פּאָלעמיזירען ערנסט, וויסענשאַפטליך, ווען אויך ארויסגעהענדיג פון בעגרענצ־טע פּעדאַגאָגישע פּאָסטולאַטען; אַנדערע (ווי הערר מאַקס נאָר־דוי), אָרימלעך בעוואָפענט, טרעטען ארויס געגען איהם מיט דער חוצפה פון דער פּרעטענציעזער מיטעלמעסיגקייט.

אינטערעסאנטעם האָט דערצעהלט וועגען ניטשע'ן פעטער גאסט און זיין גוטע בעקאנטע לו פאָן סאלאָמע. א גרעסערע אר־ בייט האָט אָנגעשריבען אַנס ליכטענבערשע אין פראנצויזיש. ני־ טשע'ס שוועסטער עליזאבעט פערסטער האָט ניט נור ארויסגע־ געבען א פראכטפולע אויפלאגע פון זיינע געזאמעלטע ווערק, נור האָט אויך אָנגעשריבען זיין ביאָגראפיע אין צוויי בענדער, דער־ פיהרענדיג די לעבענסבעשרייבונג ביז'ן 1879 יאהר.

עס איז נאטירליך געווען צו ערווארטען, אז מיין עסיי זאל אָבגערוקט ווערען אינ'ם הינטערגרונד פון די פערשידענע־שפע־ טערדיגע ארבייטען וועגען ניטשע'ן. יענע שפעטערע אוטאָרען זיינען געווען אין א בעסערער לאגע פון מיר; דער ברייטער עולם איז שוין געווען בעקאנט מיט די אידעען, וואס ניטשע האָט ענט־ וויקעלט און האָט געהאט א מעגליכקייט צו פערטיפען זיך אין זיי, וועהרענד איך האָב געמוזט דערצעהלען נאָך, וואָס ניטשע וויל. מיין עסיי האָט געפיהרט צו א פאָלעמיק צווישען מיר און פראָפעסאָר העפדינג; ערשט דאמאלס האָב איך געהאט א גע־ לעגענהייט אונטערצושטרייכען מיינע מיינונגספערשידענהייטען מיט דעם דייטשען פילאָסאָף, אבער אזוי ווי מיינע פאָלעמישע ארטיק־ לען זיינען אין אנדערע שפראכען ניט איבערזעצט געווארען, האָט מען זיך אין אויסלאנד אוי. זיי ניט אומגעקוקט.

מיין ערשטער עסיי, וועלכער איז יאָ איבערזעצט געווארען אין אנדערע שפראכען, האָט ארויסגערופען א שטארקע פאָלעמיק; עס האָבען זיך א שאָט געטהון פון אלע זייטען בעשולדיגונגען גע־ גען מיר. א ג רמאניזירטער שוועדישער הערר, וועלכער האָט גע־ וואָלט זיין סאטיריש און שארף, האָט מיך געלויבט דערפאר, וואס אין דעם עסיי ברעך איך מיט מיין פערגאנגענהייט און זאג זיך ענטשלאָסען אב פון יענע ליבעראלע אידעען, פאר וועלכע איך האָב געקעמפפעט דאָס גאנצע לעבען. ווי מען זאָל ניט פערדאַ־ מען מיין טעטיגקייט, מוז מען אנערקענען, אז איך האָב צוויי מאָל אין מיין לעבען פערטיידיגט דייטשע אידעען; אין מיין יוגענד זיינען דאָס געווען העגעל'ס אידעען, אין די עלטערע יאהרען — ניטשע'ס.

א שרייערישער שארלאטאן, וואס זיצט אין פאריז, הערר נאָר־

דוי פערגינט זיך צו זאָגען, אַז ווען דענישע עלטערען וואָלטען גע־וואוסט, וואס איך פּרעדיג אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, וואָלטען זיי מיך געטויט אינמיטען גאס, — אַזוי אונגעלומפּערט העצט אַ מענש, מאַכענדיג זיך ניט־וויסענדיג דערפון, אַז איך האָב געהאַלטען עפענטליכע פּאָרטראַגען וועגען ניטשע׳ן, און יע־דער איינער האָט געקענט קומען און הערען, און דערצו זיינען די פּאָרטרעגע שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרען אין די צייטונ־גען. נאָרדוי זאָגט אויך, אַז איך, דער אַמאָליגער אָנהענגער פון סטואַרט מיל׳ן, האָב מיט לוּבגעזאַנגען ניטשע׳ן געגעבען אַ פּאַטש אין פּנים מיין פערגאַנגענהייט. די דאָזיגע חכמה איז דערנאָך איבערגעקייט געוואָרען פון אַ ווינער דאַמע, וועלכע שרייבט פון טאָג צו טאָג וועגען סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור אין דייטשע צייטונגען, ניט האָבענדיג קיין בעגריף וועגען אונזער לעבען און פערהעלטניסען. ענדליך זיינען די אַלע טפּשות׳ען איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען פאַר אַ יאָהרען פון אַלפרעד איפּסען, וואָס שרייבט ווע־גען דענישער ליטעראַטור אינ׳ם „לאָנדאָנער אַטענעאום” אין אַ ספּעציפישען טאָן, וועלכער איז גאָר ווייט פון אונפּאַרטייאישקייט.

איך ערלויב מיר דעריבער צו זאָגען נאָך איינמאָל דאָס, וואס איך האָב געשריבען נאָך אינ׳ם יאהר 1890, נעמליך, אַז מיינע מיינונגען האָבען זיך אַבסאָלוט ניט געענדערט אונטער דער וויר־קונג פון ניטשע׳ן. ווען איך האָב זיך בעקענט מיט זיינע אידעען, בין איך שוין געווען אין יענע יאָהרען, ווען אַ מענש בייט ניט אַזוי לייכט זיין וועלטאַנשויאונג, איבריגענס האָב איך שוין מיט צעהן יאהר פריהער ערקלערט מיינע דענישע קריטיקער, אַז נעה־מענדיג אין האַנד אַ פילאָסאָפיש ווערק, פרעג איך ניט פריהער פון אַלעמען, צי דאָס, וואס דער אויטאָר זאָגט, איז ריכטיג אָדער פאַלש, נור פריהער פון אַלעמען זוך איך אינ׳ם ווערק דעם מענ־שען, וואס איז בעהאַלטען אין איהם. איך פרעג זיך: האָט דער דאָזיגער מענש עפּעס אַ בעדייטונג? איז ער אינטערעסאַנט? איז ער אינטערעסאַנט, לעז איך איהם ווייטער. אין דער העכערער אי־דעען־וועלט האָט ניט קיין זין די פראַגע וועגען דער ריכטיגקייט אָדער פאַלשקייט פון אַ אידעע. שוין אין די ערשטע צייל̈ען פון מיין עסיי האָב איך געזאָגט, אַז ניטשע׳ן דאַרף מען פאָרשען און

בעקעמפפען. איך האָב זיך געפרעהט מיט איהם, ווי מיט יעדער שטאַרקער און בעדייטענדער פערזענליכקייט. מיט דריי יאָהר שפעטער האָב איך געענטפערט אַ געעהרטען שווייצאַרישען פראָפעסאָר, וועלכער איז אָנגעפאַלען אויף מיר צוליעב מיין מיינונג וועגען ניטשע'ן, וועלכען ער האַלט פאַר אַ רעאַקציאָנער און ציניקער, און זיין דאָקטרין פאַר אַ גרויסער געפאַהר: „רייפערע מענשען נעהמען זיך ניט לעזען ניטשע'ן מיט דער אבזיכט באַלד איבערצונעהמען זיינע געדאַנקען און נאָך וועניגער פאַלט זיי איין צו פראָפּאַגאַנדירען זיי. מיר זיינען ניט קיין קינדער, וואס זוכען אַ לעהרער, נור סקעפטיקער, וועלכע זוכען מענשען און פרעהען זיך, ווען מיר בעגעגנען אַ מענשען — אַ ניט גאַנץ אָפטע ערשיינונג!”

מיר דוכט זיך, אַז אַזוי רעדט ניט קיין אָנהענגער, און עס איז אבסאָלוט איבריג געווען צו בעשולדיגען מיך אין רענעגאַטענטום. מיר איז אונאַנגענעהם, וואס איך בין געצוואונגען צו פערענטפערען זיך און פערטיידיגען זיך פערזענליך געגען די אומגעלומפערטע בעשולדיגונגען, וואס ווערען געוואָרפען אויף מיר פון יאהר צו יאהר אין דער אייראָפעאישער פרעסע, אָבער אַז דו הערסט קיינמאָל ניט קיין פערשטענדיג וואָרט וועגען זיך, מוזט דו ווערען אויפגערעגט און פרואווען זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען זיך.

מיינע פערזענליכע בעציהונגען צו ניטשע'ן האָבען זיך אָנגעהויבען אַזוי: ער האָט מיר געשיקט זיין ווערק „אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט”, כ'האָב עס דורכגעלעזען; דאָס ווערק האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקען איינדרוק, אָבער דער איינדרוק איז ניט געווען קיין בעשטימטער און קלאָרער. איך האָב איהם דעריבער ניט געענטפערט: איך בעקום יעדען טאָג פעק מיט נייע זאַכען און האָב ניט קיין מעגליכקייט צו דאַנקען יעדען אויטאָר. אַ יאהר שפעטער האָב איך ערהאַלטען פון ניטשע'ן זיין „גענעאַלאָגיע פון מאָראַל”, וואָס איז געווען קלאָרער געשריבען פון „אויף יענער זייט” און האָט געגעבען אַ נייע בעלויכטונג אַלע מיינע אידעען וועגען דעם אויטאָר. איך האָב אָנגעשריבען ניטשע'ן אַ פּאָר צייל‌ען, דאַנקענדיג איהם. אַזוי האָבען מיר אָנגעהויבען צו קאָרעספּאָנדירען, שרייבענדיג זיך דורך אין משך פון דרייצעהן חדשים, ביז

די טראַגישע קראַנקהייט האָט געמאַכט אַ סוף צו אונזער קאָרעס־פּאָנדענץ. די בריף, וואָס ניטשע האָט געשריבען מיר אין'ם לעצ־טען יאָהר פון זיין בעוואוסטזיניגען לעבען, האָבען זיכער אַ גרוי־סען פילאָזאָפישען און ביאָגראַפישען אינטערעס. כדי זיי בעסער צו פערשטעהן, גיב איך אויך מיינע בריף צו ניטשע'ן.

---

1. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, נאָוועמבער 26, 1887.

נעעהרטער הערר:

פאַראיאָהרען האָב איך בעקומען פון אייער פערלעגער „אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט"; די טעג איז מיר אָנגעקומען אייער „גענעאַלאָגיע פון מאָראַל". איך האָב אויך אייער „מענש־ליכעס אַלצומענשליכעס". איך האָב נור וואָס געהאַט געגעבען איינבינדען די צוויי בענדער אייערע, ווי ס'איז אָנגעקומען אייערע לעצטע ארבייט. דערווייל האָב איך נאָך ניט געהאַט די מעג־ליכקייט צו פערגלייכען זי מיט די פריהערדיגע. איך קלייב זיך דורכצולעזען אויפמערקזאַם אַלעס, וואָס איהר האָט אָנגעשריבען.

איצט וויל איך אייך נור אויסדריקען מיין טיפען דאנק פאַר די זאכען אייערע, וועלכע איהר האָט מיר געשיקט. עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר, וואָס איהר קענט מיך, און קענט מיך אויף אַזאַ אופן, אַז איהר ווילט מיך האָבען פאַר אייערען אַ לע־זער.

אַ נייער, איינגאַרטיגער גייסט וועהט מיר אַנטקעגען פון אייער ווערק. איך פערשטעהע נאָך ניט אַלעס, וואָס איך האָב געלעזען, איך כאַפּ ניט שטענדיג אייער כונה, אָבער פערשידענס אין אייערע ווערק איז אין איינקלאַנג מיט מיינע אייגענע אידעען און סימפּאַטיע, נעמליך די איבערשעצונג פון די אַסקעטישע אי־דעאַלען און דער טיפער עקעל צו דער דעמאָקראַטישער מיטעל־מעסיגקייט, — דאָס, וואָס איך וואָלט אָנגערופען אייער אַריס־טאָקראַטישער ראַדיקאַליזם. אייער פעראַכטונג צו דער מאָראַל פון רחמנות איז מיר נאָך ניט אינגאַנצען פערשטענדליך. עס זיינען פאַרהאַן אין אייערע ווערק בעמערקונגען וועגען פרויען, מיט וועלכע איך בין ניט איינפערשטאַנען. איהר זייט ניט ענ־

ליך צו מיר, אַן אַנדערער מענש, אויף אַזויפיל אַן אַנדערער, אַז מיר איז ניט לייכט צו פיהלען זיך היימיש אין אייער געגענוואַרט. ניט קוקענדיג אויף אייער קאָסמאָפּאָליטישקייט, זייט איהר זעהר דייטליך אין אייער מאַניר פון דענקען און שרייבען. איהר זייט איינער פון די עטליכע מענשען, מיט וועלכע מיר וואָלט זיך געוואָלט דורכשמועסען.

איך ווייס גאָר נישט וועגען אייך, מיט פערוואונדערונג קאָנסטאַטיר איך, אַז איהר זייט פּראָפעסאָר. איך גראַטוליר אייך יעדענפאַלס, וואָס אינטעלעקטועל זייט איהר אַזוי ווייניג פּראָפעסאָריש.

האָט איהר געלעזען עפּעס מיינס? מייסטענס שרייב איך דעניש און געה צו צו דער לעזונג פון בעשיידענע פּראָבלעמען. שוין לאַנג האָב איך ניט געשריבען קיין דייטש. די בעסטע לעזער האָב איך, דוכט זיך, אין די סלאַווישע לענדער. צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך געהאַלטען אין פראַנצויזיש פאָרטראַגען אין וואַרשוי, און דאָס יאָהר אין פּעטערסבורג און מאָסקוי. אַזוי פּרואוו איך זיך אַרויסרייסען פון די ענגע גרענעצען פון פאָטערלאַנד.

ניט קוקענדיג, וואָס איך בין שוין מעהר ניט קיין יונגער מענש, בין איך נאָך אַלץ שטענדיג גרייט צו לערנען עפּעס נייעס. איך האָב זיך ניט פערפאַנצערט געגען אייערע אידעען, ווי פרעמד זיי זאָלען מיר ניט זיין. איך בין אָפט נאַריש, אָבער קיינמאָל ניט בעגרענצט.

שרייבט מיר אַ פּאָר ציילען, אויב אייך איז דאָס ניט שווער.

אייער, ג. בראַנדעס.

---

2. ניטשע צו בראַנדעס׳ן.

ניצא, דעצעמבער 2, 1887.

געעהרטער הערר:

עטליכע לעזער, צו וועלכע דו האָסט אַכטונג און ווייטער קיינע לעזער ניט — דאָס איז אייגענטליך מיין פערלאַנג. וואָס ווייטער האָב איך אַלץ ווייניגער האָפנונג, אַז דער לעצטער טייל פון מיין פערלאַנג זאָל זיך פערווירקליכען; דערפאַר האָב איך אַ מזל צו די ווייניגע, צו די גוטע לעזער. די דאָזיגע ווייניגע און

גוטע לעזער האָב איך שטענדיג געהאַט. דער אַלטער העגעליאַנער ברונאָ באַוער און ריכאַרד וואַגנער זיינען געווען פון די לעזער, נאָך וועלכע איך בענק; זיי זיינען שוין ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע, אָבער צווישען די צייטגענאָסען, וואָס לעבען נאָך, לעזען מיך אַזעלכע מענשען, ווי מיין פריינד יאַקאָב בורקהאַרדט, האַנז פאָן ביולאָו, היפּאָליט טען און דער שווייצערישער דיכ־טער קעלער, וועלכע איהר מוזט קענען. איך האָב אַן אמת'ען פערגעניגען, וואָס אַזאַ גוטער אייראָפּעער און קולטור־מיסיאָנער, ווי איהר, וועט אין צוקונפט אריינגערעכענט ווערען צווישען זיי. איך דאַנק אייך פון טיפען הארצען פאַר דעם דאָזיגען בעווייז פון אייער סימפּאַטיע.

איך האָב מורא, אַז אייך וועט זיין שווער צוצובייסען מיך. איך בין מיט אייך איינפערשטאַנען, אַז אין פערשידענע הינזיכ־טען זיינען מיינע ווערק נאָך „אמת דייטש". איהר דאַרפט דאָס פיהלען נאָך שטאַרקער, ווייל איהר זייט פערדאָרבען פון אייערע געוואוינהייטען, איך מיין, פון אייער פרייער און גראַציעזער פראַנ־צויזישער מאַניר פון שרייבען. איהר דאַרפט וויסען, אַז זעהר פיעלע ווערטער, וואָס איך געברויך, האָבען אַ ספּעציפישע, ניט־אָנגענומענע בעדייטונג, אַנדערע אינהאַלטען האָבען זיך אינקרוס־טירט אין זיי און מיין גומען שמעקען זיי גאָר אַנדערש, ווי מיינע לעזער. אין מיינע ערפאַהרונגען פערנעהמען אַ בעדייטענדערען אָרט די זעלטענע, עקזאָטישערע, נואַנסירטערע, ווי די נאָרמאַלע, געוועהנליכע. אַלס אַלטער מוזיקער — און אין תוך בין איך אַ מוזיקער — האָב איך אַן אויער פאַר פערטעל טענער. ענדליך — און דאָס מוז אודאי מעהר פון אַלעמען מאַכען מיינע זאַכען אונפערשטענדליך — האָב איך אַ גרויסען אונצוטרוי צו יעדער דיאַלעקטיק, צו אַרגומענטירען און בעווייזען. דאָס, וואָס אַ מענש האַלט שוין פאַר אמת, אדער האָט נאָך ניט אָנערקענט אַלס אמת, הענגט אָב, דוכט זיך מיר, מייסטענטיילס פון זיין מוט, פון דער רעלאַטיווער שטאַרקייט פון זיין מוט (איך האָב זעלטען גענוג מוט אָנצונעמען פאַר אמת דאָס אַלץ, וואָס איך האַלט פאַר אמת).

דער אויסדרוק אַריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם, וועלכען איהר ווענדט אָן אויף מיר, איז זעהר אַ גוטער. ערלויבט מיר צו זאָ־

נען, אז דאָס איז דאָס שאַרפסטע, וואס איז ווען עס איז גע־זאָגט געוואָרען וועגען מיר.

ווייט־ווייט האָט מיך שוין דער דאָזיגער גערענקענגאַנג גע־פיהרט און ווי ווייט ער וועט מיך נאָך פיהרען — האָב איך כמעט מורא צו פרעגען זיך. עס זיינען דאָ וועגען, אויף וועלכע איהר געהט און קענט ניט אומקעהרען זיך. איך וועל געהן ווייטער, ווייל איך מוז.

כדי צו פערגרינגערען אייך דעם צוגאַנג צו מיין הייל, דאָס הייסט, מיין פילאָסאָפיע, האָב איך געבעטען מיינע לייפּציגער פערלעגער צו שיקען מיר מיינע פריהערדיגע ווערק **En Bloc.** איך ראָט אייך גאַנץ בעזונדערס צו לעזען די לעצטע הקדמות, וועלכע זיינען כמעט אַלע איבערגעדרוקט; די דאָזיגע הקדמות, ווען מען לעזט זיי אין א געוויסער אָרדנונג, קענען מיך אפשר בע־לייכטען פון א נייער זייט, פאַראויסגעזעצט, אז איך בין ניט פינסטערניש אליין (פינסטער אַ ן און פ אַ ר זיך). נאָך אַלעמען איז דאָס מעגליך.

זייט איהר מוזיקאַליש? נור וואס איז ערשינען מיין מו־זיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָן: דער הימן צום לעבען. דאָס דאַרף גע־בען די קומענדע גענעראַציאָנען א בעגריף פון מיין מוזיק; דער דאָזיגער הימן וועט ווען עס איז געזונגען ווערען צו עהרע פון מיין נאָמען, פאַראויסגעזעצט, אז מיין נאָמען וועט איבערלעבען מיך. איהר זעהט, וואס פאר א יענעוועלטיגע געדאַנקען איך האָב, אָבער א פילאָסאָפיע, ווי מיינע, איז געגליכען צו א קבר. זי רייסט אָרויס א מענשען פון דער געזעלשאַפט פון די לעבעדיגע. **Bene Vixit qui Bene Latiut** איז געוועזען אויפגעשריבען אויף דעקאַרט'ס קבר. א גוטע עפּיטאַפיע!

איך האָף זיך צו זעהן נאָך מיט אייך.

אייערער, פ. ניטשע.

נ. ב. דעם ווינטער בלייב איך אין ניצא. מיין זומער אדרעס איז: סילס־מאַריא, ענגאַדין, שווייץ. איך האָב זיך אָבגעזאָגט פון מיין פּראָפעסור אין דער באַזעלער אוניווערסיטעט; איך בין כמעט אינגאַנצען בלינד.

3. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, דעצעמבער 15, 1887.

נעעהרטער הערר:

די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע איהר פערענדיגט אייער בריעף, האָבען געמאַכט אויף מיר א זעהר שווערען איינדרוק. דאס זיינען די שורות, אין וועלכע איהר טיילט מיר מיט וועגען אייער אויגען שוואַכקייט. האָט איהר זיך געזעהן מיט גוטע אָקוליסטען, מיט די בעסטע? צוליב אַלע פריינד, וואָס אַכטען אייך, דאַרפט איהר זעהן ניט פערלאָזען די אויגען. דאָס, וואס איינער זעהט שלעכט, ווירקט שלעכט אויף דער פּסיכיק.

איך האָב געוואָלט אייך שוין לאַנג שרייבען און האָב אַלץ אָבגעלעגט, ווייל איך האָב געווארט אויף אייערע ביכער און כ'האָב געוואלט אייך דאנקען פאר אַלץ מיט אַמאָל. אזוי ווי די ביכער זיינען נאָך ניט אָנגעקומען, שרייב איך א פּאָר ווערטער היינט. דער איינבינדער האָט מיר שוין געבראַכט אייערע בענ־דער, און זייענדיג שטאַרק פערנומען מיט לעקציען, ליטעראַרי־שע און פּאָליטישע אַרבייטען, האָב איך זיך דאָך פערטיפט אין זיי, אויף וויפיעל דאָס איז מיר מעגליך געוועזן.

ד ע צ ע מ ב ע ר 17.

איך האָב גאָר נישט געגען דעם, וואָס איהר האַלט מיך פאר א „גוטען אייראָפּעער", אָבער וועניגער געפעלט מיר דאָס, וואָס איהר קוואַליפיצירט מיך אַלס קולטורמיסיאָנער. איך האָב פיינד יעדעם מיסיאָנערענטום; איך האָב ניט בעגעגענט אין מיין לע־בען אַנדערע, ווי מאָראַליזירענדע מיסיאָנערען. איבריגענס האַלט איך ניט שטאַרק פון דעם, וואס ווערט היינטיגע צייטען גערופען קולטור. אונזער קולטור אַלס גאַנצעס קען ניט דערוועקען קיין ענטוזיאַזמוס — און וואס איז א מיסיאָנער אָהן ענטוזיאַזמוס? מיט אַנדערע ווערטער, איך בין פעראייניזאַמטער, ווי איהר שטעלט זיך דאָס פאר. זאָגענדיג, אז איהר זייט נאָך דייטשיש אין אייער מאַניר, האָב איך געמיינט, אז איהר שרייבט מעהר פאר זיך, טראַכט שרייבענדיג מעהר וועגען זיך, ווי וועגען דעם פּובליקום. די ניט־דייטשע שרייבער זיינען געוואוינט צו אונטעראָרדנען זיך א

געוויסער דיסציפּלין פון סטיל; דאָס צווינגט זיי צו שרייבען קלאָרער, פּלאַסטישער, אָבער פלאַכער. זיי האָבען קיין טיפקייט ניט און מוזען בעהאַלטען דאָס בעסטע, דאָס אינטימסטע, דאָס אינדיווידועלע און אַנאָנימע אין זיי. צייטענווייז נעהמט מיך אָן א שרעק, ווען איך זעה, ווי וועניג פון מיין אינערען, אינטימען איך דריקט זיך אויס אין מיינע שריפטען.

איך בין ניט קיין קענער פון מוזיק; עפּעס פערשטעה איך אין סקולפּטור און מאָלעריי — זיי פערדאַנק איך מיינע טיפסטע קינסטלערישע איינדרוקען. מיין געהער איז ניט ענטוויקעלט; אין דער יוגענד האָב איך דערפון געהאַט גרויסע צרות. איך האָב געפּרוואווט שפּילען, אָבער דערפון איז גאָר נישט ארויסגעקומען. איך האָב שטאַרק הנאה פון גוטער מוזיק, אָבער דאָך בין איך א דרויסענדיגער, א ניט־איינגעווייהטער.

אין אייערע ווערק שטוים איך זיך אָן אויף פערשידענע זאַכען, וואס זיינען מיר צום הארצען: צ. ב. אייער ליעבע צו בייל'ן און היפּאָליט טען. טען'ען האָב איך שוין ניט געזעהן גאַנצע זי־בענצעהן יאָהר. וועגען זיין „פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן" האָב איך ניט ענטוזיאַסטישע מיינונג, ווי איהר: ער בעדויערט אָן ערד־ציטערניש, האַלט דרשות פאַר אָן ערד־ציטערניש.

איך האָב אויף אייער דאָקטרין אָנגעווענדט דעם אויסדרוק אריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם, ווייל דאָס וואָרט גיט איבער זעהר געטרוי מיינע אייגענע פּאָליטישע איבערצייגונגען. אַביסעל שאָקירט מיך די שאַרפקייט און ליידענשאַפטליכקייט פון אייערע פיליפּיקען געגען אַזעלכע ערשיינונגען, ווי די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדא. פירשט קראָפּאָטקין'ס אַנאַר־כיסטישע אידעען זיינען ניט קיין נארישקייט, ווי איהר דריקט זיך אויס. דער נאָמען שפּילט, פערשטעהט זיך, קיין ראָל ניט. אייער גלענצענדער גייסט טרעפט, דוכט זיך מיר, ניט דעם ריכ־טיגען פּונקט, ווען דער אמת איז ניט עפּעס שאַרפעס, נור אין א נואַנס. אייערע אידעען וועגען דער ענטשטעהונג פון מאָראַל אינ־טערעסירען מיך אויפ'ן העכסטען אַרט.

איהר טיילט, צו מיין פרייד און פערוואונדערונג, די אַנטי־פּאַטיע, וועלכע איך פיהל צו הערבערט ספּענסער'ן. ביי אונז

נילט ער אלס דער פילאָסאָפישער פאַפּסט. איבריגענס איז דאָס א גלייכע זאַך, וואס דער ענגלישער גייסט, וועלכער פליהט ניט זעהר הויך, מיידט אויס דאָס היפּאָטעטישע — האָבען דאָך די מעטאַפּיזישע היפּאָטעזען געמאכט א תל פון דער דייטשער פילאָ־לאָזאָפיע. איז ניט זעהר היפּאָטעטיש אייער אידעע, אז די פער־שידענהייט פון די מאָראַלישע קאָנצעפּציאָנען נעהמען זיך פון דער קאַסטען־פערשידענהייט?

איך בין בעקאַנט מיט פּאָול רע, אויף וועלכען איהר פאַלט אָן. איך האָב זיך בעגעגענט מיט איהם אין בערלין. ער איז א רוהיגער מענש, דזשענטעלמעניש לויט זיינע מאַנירען, אָבער צו טרוקען און בעגרענצט אינטעלעקטועל. ער האָט דאַמאָלס גע־לעבט — לויט זיינע אייגענע ווערטער — אלס ברודער און שוועס־טער מיט א גאַנץ יונגער און אינטעליגענטער רוסישער דאַמע, וועלכע האָט מיט א יאָהר צוויי צוריק אָנגעשריבען א בוך: „דער קאַמפּף פאַר גאָט", אָבער אין אמת'ן איז זי העבער פון דעם, וואס זי האָט געשריבען.

איך ערוואַרט די צוגעזאָגטע ביכער. איך האָף, אז אין צו־קונפט וועט איהר מיך אויך האָבען אין זין.

אייער ג. בראַנדעס.

---

4. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

ניצא, יאַנואַר 8, 1888.

. . . איך דאַרף ניט ערנערען דער אויסדרוק „קולטור־מיסיאָ־נער". וואָס קען מען בעסערעס טהון היינטיגע צייטען, ווי זיין א „מיסיאָנער", א פּרעדיגער פון אונצוטרוי צו קולטור? פער־שטעהן, אז אונזער אייראָפּעאישע קולטור איז א גרויס פּראָבלעם, אָבער יעדענפאַלס ניט קיין לעזונג — איז ניט אזא זעלבסטאַי־בערווינדונג און אינטראָספּעקציאָן א גוטער סמן פון קולטור?

איך וואונדער זיך, וואס איהר האָט נאָך ניט ערהאַלטען מיי־נע זאַכען. איך וועל שרייבען מיין לייפּציגער פערלעגער. ארום ווייינאַכטס־צייט פערלירען די פערלעגער זייערע קעפּ. דערוויייל ערלויב איך מיר איך אויפמערקזאם צו מאַכען אויף א געוואַג־

טע קוריאָזיטעט, און Ineditum וואָס איז דאָס פּערזענליכסטע, וואס
איך האָב ווען עס איז אַרויסגעזאָגט. דאָס איז דער פערטער
טייל פון „זאראטוסטרא'ן". הייסען אייגענטליך דאַרף עס:

זאראטוסטרא'ס נסיון.
א אינטערלודיע.

דאָס וועט אפשר זיין דער בעסטער ענטפער, וואס איך קען
אייך געבען אויף אייער פראגע וועגען מיין בעציהונג צו רחמנות.
אויסער דעם זיינען נאָך פאַרהאַן זעהר גוטע גרונדען, פאר וואס מען
קען בעסער פון אַלץ דערגעהן צו מיר, צו מיין בעהאַלטענעם איך
דורך דער דאָזיגער געהיימער טיר, פאַראויסגעזעצט, דאָס די שוועל
טרעט איבער א מענש מיט אזעלכע אויגען און אויערען, ווי איהר.

אייער עסיי וועגען זאָלא'ן האָט מיך ווידער אַרויפגעבראַכט
אויף דעם אונאַנגענעהמען געדאַנק, וועלכען עס דערוועקט אין
מיר אַלעם אייערס (צולעצט האָב איך געלעזען אן עסיי אייערען
אין „געטע־יאָהרבוך"), אז איהר האָט א נאַטירליכע נייגונג צו
יעדען אַרט פּסיכאָלאָגישער אָפּטיק. זיצענדיג איבער די שווער־
סטע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען פון דער היינטיגער זעעל, אָריענ־
טירט איהר זיך אין זיי אַזוי לייכט, איהר זייט אזוי היימיש אין
דער דאָזיגער ספערע, וואס איז אזוי פרעמד און פערשלאָסען פאר
אַ דייטשען געלעהרטען. האָט איהר אפשר א העכערע מיינונג
פון היינטיגען דייטשלאַנד? מיר דוכט זיך, אַז די דייטשען ווע־
רען פון יאהר צו יאהר מעהר אונגעלומפּערט און גראָדליניג
(אין געגענזאץ צו די פאַריזער, וואס In Rebus Psychologus
זיינען מייסטער אין נואַנס און מאָזאַאיק); אַלעס וואָס ליגט היג־
טער דער אויבערפלעך, ווערט פון זיי ניט בעמערקט. נעהמט,
צום ביישפּיעל, מיין „אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט" —
אין וואס פאר א שווערער און אונגעלומפּערטער לאַגע עס האָט
זיי געשטעלט: ניט איין פערשטענדיג וואָרט איז געזאָגט געוואָ־
רען וועגען דעם בוך, שוין ניט רעדענדיג וועגען א מענשליכען גע־
פיהל. איך גלויב ניט, אַז אפילו יענע לעזער, וואָס זיינען פריינד־
ליך געשטימט צו מיר, זאָלען האָבען דערשמעקט, אַז זיי האָבען
דאָ צו טהון מיט די לאָגישע רעזולטאַטען פון א בעשטימטער פּי־

לאָסאָפּישער עמפּפינדליכקייט — און ניט מיט א געמיש פון הונ־דערטער צוואָרפענע פּאַראַדאָקסען און העטעראָרדאָקסען. זיי האָבען ניט איבערגעלעבט עפּעס עהנליכעס; זיי געהען ניט צו צום בוך אפילו ניט מיט א טויזענדסטען טייל פון יענער ליידענ־שאַפט און יענער פּיין, וועלכע איהר דאַרפט ערפיהלען אין זיך, כדי עפּעס צו פערשטעהן. אַן אַמאָראַליסט — און דאָס זאָגט זיי גאָר נישט.

a Propos די גאַנקורען שרייבען אין אַן הקדמה, אַז זיי האָבען אויסגעטראַכט די פראַזע „מענשליכער דאָקומענט". מיר דוכט זיך, אַז טען איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך בע־נוצט מיט'ן אויסדרוק.

איהר זייט גערעכט: עס האָט ניט קיין זין צו האַלטען דרשות פאַר אַן ערד־ציטערניש, אָבער אַזאַ דאָן־קיכאָטעריי איז איינע פון די עהרענהאַפטעסטע זאַכען אויף דער וועלט.

מיט דער גרעסטער אַכטונג

איייערער, פ. ניטשע.

---

5. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, יאַנואַר 11, 1888.

געעהרטער הערר:

אייער פערלעגער האָט, ווי עס ווייזט אויס, פערגעסען צו שי־קען מיר אייערע זאַכען; היינט האָב איך ערהאַלטען אייער בריף, פאַר וועלכען איך דאַנק אייך. איך ערלויב מיר צו שיקען אייך מיינס א בוך אין דער קאָרעקטור (צום בעדויערען האָב איך ניט קיין אַנדער עקזאַמפּלאַר צו דער האַנד); דאָס איז א זאַמלונג פון עסיי'ען, וועלכע זיינען בעשטימט פאַר'ן עקספּאָרט, ד. ה. ניט פון מיינע בעסטע סחורות. זיי דאַטירען פון פערשידענע צייטען און זיינען געשריבען צו העפליך, צו דיפּיראַמביש, אין א צו אי־דעאַליסטישען טאָן; אין זיי איז כמעט קיינמאָל ניט אַרויסגע־זאָגט דאָס, וואָס איך טראַכט וועגען דער טעמע. דאָס בעסטע איז דער עסיי וועגען איבסען, אָבער די פּערזען זיינען זעהר שלעכט איבערזעצט.

עס איז פאַרהאַן אַ סקאַנדינאַווישער שרייבער, וועמעס ווערק וואָלטען אייך שטאַרק פעראינטערעסירט, ווען איהר זאָלט זיי קענען לעזען אין אַ איבערזעצונג: איך האָב אין זין סערען קירקעגאָר (1813-55), וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, איינער פון די טיפסטע פּסיכאָלאָגען אין דער וועלט. אַ קליין ביכעל, וואָס איך האָב געשריבען וועגען איהם, גיט ניט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג פון זיין געניאַלער פּערזענליכקייט, ווייל עס איז אַ פּאָלעמישער פּאַמפלעט, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו פּאַראַליזירען זיין ווירקונג. פּסיכאָלאָגיש איז דער עסיי, דוכט זיך, דאָס ראַפינירטעסטע, וואָס איך האָב געשריבען אַמאָל.

דער עסיי אין געטע'ס יאָהרבוך איז צום בעדויערען פערקירצט געוואָרען; ער איז פיעל בעסער אין דעניש.

אויב איהר פערשטעהט פּויליש, וועל איך אייך שיקען אַ קליין ביכעל מיינס, וועלכעס איז ערשינען נור אין פּויליש.

אין דער „ריוויסטאַ קאָנטעמפּאָראַנעאַ", וועלכע ערשיינט אין פלאָרענץ, איז אָבגעדרוקט מיינער אַן עסיי וועגען דער דענישער ליטעראַטור; לעזט עס ניט! עס איז געפּאַקט מיט די לעכערליכסטע גרייזען. איהר דאַרפט וויסען, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פון רוסישען. איך האָב געגעבען אַן ערלויבניש צו איבערזעצען עס אין אין רוסיש פון מיין פראַנצויזישען טעקסט, האָב אָבער ניט געקענט דורכקוקען די איבערזעצונג. איצט איז דאָס ערשינען אין איטאַליעניש, און צו די אַלע גרייזען פון דער רוסישער איבערזעצונג זיינען צוגעקומען נאָך נייע אבסורדיטעטען.

מיך פרעהט, וואָס איהר געפינט אין מיר עפּעס פאַר זיך. די לעצטע פיער יאָהר בין איך דער געהאַסטעסטער מענש אין סקאַנדינאַוויען. די צייטונגען העצען אָן דאָס פּובליקום סיסטעמאַטיש געגען מיר, בעזונדערס זייט איך האָב זיך צוקריגט מיט ביערנסאָן. ארויסגעטראָטען געגען מיר זיינען אויך די הויך־מאָראַלישע דייטשע צייטונגען. איהר האָט געמוזט אודאי הערען וועגען ביערנסאָן'ס נאַרישען טעאַטערשטיק „דער האַנדשוה" און זיין פּראָפּאַגאַנדאַ פון דער אידעע פון מענערישער געשלעכטליכער אונשולד. אַזאַ אבסורדיטעט איז נאָך ניט געהערט געוואָרען. אין שוועדען האָבען די פרויען גענומען פאָדערן „מאָראַלישע גלייכ־

היים". עס בילדען זיך ליגען פון מיידלעך, וועלכע גיבען זיך א נדר „צו הייראַטען נור געשלעכטליך-אונשולדיגע מענער". זיי וועלען אודאי פאָדערן פון מענער א גאַראַנטיע, ווי עס פּראַקטי־צירט זיך, ווען מען קויפט א זייגער. ווער וועט זיי אָבער גאַראַנ־טירען, אז אויך אין דער צוקונפט וועט דער מאַן זיין אונשולד היטען?

איך האָב ווידער און ווידער אמאָל געלעזען אייערע דריי בענ־דער, וועלכע איך האָב ביי זיך. עס זיינען פּאַרהאַן בריקען, וואס פיהרען פון מיין אינערער וועלט צו אייערער: צעזאַריזם, פיינד־שאַפט צו פּעדאַנטען און פּעדאַנטישקייט, א ליעבע צו בייל'ן און נאָך אנדערעס, אָבער דאָס מייסטע איז מיר דאָך פרעמד. מירביידע האָבען, ווייזט אויס, געהאַט גאָר פערשידענאַרטיגע ערפאַה־רונגען. איהר זייט אָהן צווייפעל דער סוגגעסטיווסטער פון אלע דייטשע שרייבער.

וואס איז געשעהן מיט אייער דייטשער ליטעראַטור? איך שטעל מיר פאָר, אז אלע אייערע טאַלענטפולע מענשען זיינען אוועק אינ'ם גענעראַל שטאַב אָדער פערנעהמען רעגירונגס-שטע־לען. אלע אייערע אינסטיטוציאָנען צייכנען זיך אויס מיט'ן אונ־ערטרעגליכסטען שאַבלאָן און איינפערמיגקייט און אפילו שרייבער ווערען דעמאָראַליזירט פון זייערע פערלעגער.

אייערער איך אכטענדער און דאַנקענדער

ג. בראַנדעס.

---

6. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

ניצא, פעברואַר 19, 1888.

איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר אייערע בעמערקונגען וועגען „מאָדערניטעט", ווייל גראָד דעם ווינטער דרעה איך זיך ארום דעם דאָזיגען פּראָבלעם, זיכער דער בעדייטענדסטער פון אלע, פלאַטער ארום איהם, ווי א פויגעל, מיט דער בעסטער אבזיכט צו קוקען אויף איהם פון אויבען אראָב און מיט אזא אונמאָדערן אויג, ווי מעגליך. איך בין זיך מודה, אז מיך מוז בעוואונדערען אייער טאָלעראַנץ, ווי אויך די איינגעהאַלטענקייט פון אייער סטיל. ווי

ערלויבט איהר דאָס דער דאָזיגער קליקע צוצוקומען צו אייך! אפילו א הייזע'ן.

איך רעכען, קומענדיג קיין דייטשלאַנד, נעהמען זיך צום פסיכאָלאָגישען פּראָבלעם קירקעגאָר און אין דערזעלבער צייט בע־נייען מיין בעקאַנטשאַפט מיט דער עלטסטער ליטעראַטור. זי וועט מיר צונוץ קומען אינ'ם בעסטען זין פון וואָרט. איך וויל, עס זאָל צושמאָלצען ווערען דער אייז פון מיין שטרענגקייט און אָראָגאַנץ.

מיין פערלעגער האָט מיר נעכטען טעלעגראַפירט, אז ער האָט אייך געשיקט די ביכער. איצט, מיין ליעבער הערר, וועט איהר מוזען מאַכען א גוטע מינע צום בעזען שפּיל, כ'מיין צו דער דאָ־זיגער ניטשע ליטעראַטור.

איך אליין גלויב, אז איך האָב געגעבען די היינטיגע דייט־שען די העכסטע, אַקטועלסטע און אונאבהענגיגסטע ווערק, וואָס זיי האָבען אמאָל געהאַט. אויך האָב איך א געפיהל, אז איך פער־זענליך בין א גרויס געשעהעניש אין דער איצטיגער קריטישער צייט פאַר אַלע מאָראַלישע ווערטען. אבער דאָס קען זיין אויך אן איינרעדעניש און — נאָך מעהר — א נאַרישקייט.

איינע אָדער צוויי ווייטערע בעמערקונגען: זיי בעציהען זיך אויף מיינע ערשטגעבאָרענע (די יאוּוענילייא און יאוּוענאַליא).

מיין פּאַמפלעט געגען שטראוס'ן, די בעזוויליגע שטיפעריי פון „א זעהר פרייען גייסט" אויף דעם חשבון פון איינעם, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר א פרייגייסט, האָט ארויסגערופען א שרעקליכען סקאַנדאַל; איך בין שוין דאַמאָלס געווען אַן אָר־דינערער פּראָפעסאָר, דעריבער ניט קוקענדיג אויף מיינע זיבען־און־צוואַנציג יאָהר אַן אוטאָריטעט אין א געוויסען זין און עפּעס אנערקענטעס. דעם אונפּאַרטייאישסטען בעריכט וועגען דער אַפער, אין וועלכער כמעט אַלע „בעריהמטהייטען" האָבען גענו־מען א טייל, שטעלענדיג זיך איין פאַר אָדער געגען מיר, גיט קאַרל הילעבראַנדט אינ'ם צווייטען באַנד פון זיינע „צייטען, פעל־קער און מענשען". סקאַנדאַליזירט אַלעמען האָט ניט דאָס, וואָס איך האָב געמאַכט חוזק פון דער פלאַפּלעריי פון דעם בעריהמטען קריטיקער, נור דאָס, וואָס איך האָב געכאַפּט דעם דייטשען גע־

שמאַק אויפ׳ן אָרט פון פערברעכען, געכאַפּט איהם אין קאָמפּראָמיטירענדער געשמאַקלאָזיגקייט. א פאַקט איז, אז די גאַנצע דייטשע געבילדעטע וועלט האָט, ניט קוקענדיג אויף איהרע רעליגיעזע און טעאָלאָגישע מיינונגס פערשידענהייטען, בעוואונדערט שטראוס׳עס „אַלטען און נייעם גלויבען” אלס מייסטערווערק פון גייסטיגער פרייהייט און ראַפינירטהייט פון געשמאַק (אַפילו פון סטיל!). מיין פּאַמפלעט איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאַר דער דייטשער קולטור (יענער קולטור, וועלכע האָט, ווי זיי האָבען זיך איינגערעדט, בעזיגט פראַנקרייך). דער עפּיטעט „קולטור פיליסטער”, וועלכען איך האָב א וואָרף געטהון דער דייטשער געבילדעטער וועלט אין פּנים, איז געבליבען ביז היינטיגען טאָג אין שפּראַך געברויך, אלס אָבקלאַנג פון דעם היציגען קאַמפּף פון יענער צייט.

מיינע צוויי אָבהאַנדלונגען וועגען שאָפּענהויער׳ן און ריכארד וואַגנער׳ן זיינען, ווי מיר דוכט זיך איצט, ניט מעהר ווי זעלבסט קאָנפעסיאָנען; עפּעס דערצעהל איך וועגען זיך, ערמוטיג זיך, זאָג זיך צו אין די דאָזיגע עסיי׳ען, וואָס גיבען ארויס מיך, אָבער ניט די צוויי מייסטער, וועלכע זיינען אין דערזעלבער צייט מיר שרעקליך נאָהענט אי אַנטאַגאָניסטיש צו מיר (איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיי פעראייניגט צוזאַמען: איצט הערשט דער פאָרורטייל, אז אלע וואַגנעריאַנער זיינען אָנהענגער פון שאָפּענהויער׳ן! אַנדערש איז דאָס געווען אין מיין יוגענד. דאַמאָלס האָבען גראָד די לעצטע העגעליאַנער געהאַלטען פון וואַגנער׳ן און אין די פופציגער יאָהרען איז דער לאָזונג געווען: „וואַגנער און העגעל”).

אין דער צייט, וואָס טיילט אָב מיינע „אונצייטגעמעסע געדאַנקען” און „דאָס מענשליכע־אַלצומענשליכע”, האָב איך איבערגעלעבט א קריזיס און אינגאַנצען געביטען די הויט. אי פּיזיש, אי גייסטיג. יאָהרען לאַנגע האָב איך געלעבט אויף דער שוועל פון טויט, אין דער נאָהענטסטער נאָהענטקייט פון טויט: דאָס איז געווען מיין גליק. איך האָב זיך פערגעסען, כ׳האָב זיך אליין איבערגעלעבט.... שפּעטער האָב איך ווידער אמאָל אָבגעטהון אזא קונץ.

נו, האָבען מיר איינער דעם אַנדערען מתנות גענעבען: צוויי וואַנדערער, וואס זיינען, מיר דוכט זיך, צופרידען, וואָס זיי האָבען זיך בעגעגענט.

איך פערבלייב אייערער

פ. ניטשע.

---

7. בראַנדעס צו ניטשע׳ן.

קאָפּענהאַגען, מערץ 7, 1888.

מיין געעהרטער הערר:

איך שטעל מיר פאָר, אז איהר האָט איצט אַ גוטען פריה־לינגס־וועטער, אַ.ז מיר זיינען פערגראָבען אין עקעלהאַפטע שנעען און שוין עטליכע טעג אָבגעריסען פון אייראָפּא. דערצו האָב איך נאָך געהאַט דעם אומגליק צו רעדען היינט אָבענד פאַר עטליכע הונדערט מפשים. אַלעס ארום מיר זעה איך איצט אין אַ גרויען, טרויעריגען ליכט, און כדי זיך אָביסעל צו דערוואַרימען, מוז איך אייך נעהמען שרייבען און דאַנקען פאַר אייערע מתנות און בריף.

זייענדיג צו פערנומען און ניט קענענדיג אייך שרייבען באַלד, האָב איך דערווייל אייך אַוועקגעשיקט מיין באַנד וועגען „די דייטשע ראָמאַנטיקער", וועלכען איך האָב געפונען אין מיין ביכער שראַנק. מיך וועט זעהר ערגערן, אויב איהר וועט טייטשען דאָס, וואס איך שיק אייך מיין בענדעל, אַנדערש, ווי אַ שטילען אויסהויך פון דאַנק. געשריבען האָב איך דעם באַנד אינ׳ם יאָהר 1873 און איבערגעקוקט אין 1886, אָבער מיין דייטשער פערלעגער האָט זיך ערלויבט זעהר פיעל ענדערונגען, אַזוי אַז, צום ביישפּיעל, די ערשטע צוויי זייטלעך זיינען גאָר ניט מיינע. פערשטעהט ער עפּעס ניט פון דעם, וואס איך שרייב, שרייבט ער עפּעס אַנדערש, פערענטפערענדיג זיך, אז דאָס, וואס איך האָב געשריבען, איז ניט אינ׳ם גייסט פון דער דייטשער שפּראַך. דער פערלעגער האָט צוגעזאָגט אָבצוקויפען דאָס רעכט צו בע־נוצען די אַלטע איבערזעצונגען פון מיין בוך, אָבער צוליעב זעהר נאַרישער עקאָנאָמיע האָט ער עס ניט געטהון, איצט האָבען די דייטשע געריכטס־אינסטאַנצען צוויי מאָל קאָנפיסקירט מיין אויס־

גאַבע, אַלס גע׳גנב׳עטע, ווייל איך האָב זיך בענוצט מיט פראַג־מענטען פון אַן אַלטער איבערזעצונג — און דער אמת׳ער גנב פערקויפט זיך זיינע זאַכען פריי. איך וועל זיך סוף כל סוף מוזען אָבזאָגען פון יעדער שייכות צו דער דייטשער ליטעראַטור.

איך האָב אייך געשיקט דאָס בענדעל וועגען „די דייטשע ראָמאַנטיקער", ווייל קיין אַנדערען האָב איך ניט געהאַט. דאָס ערשטע בענדעל וועגען די פראַנצויזישע עמיגראַנטען, דאָס פערטע וועגען די ענגלישע, און דער פינפטער וועגען די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער זיינען אַלע פיעל, פיעל בעסער; כ׳האָב זיי געשריבען מיט אמת׳ער ליעבע.

דער טיטעל פונ׳ם בוך „מאָדערנע גייסטער", איז אַ צופע־ליגער. איך האָב געשריבען אַרום צוואַנציג בענדער; האָב איך פּלוצלונג פערוואַלט אַרויסגעבען אַ באַנד זאַכען וועגען מענשען, וועלכע אַלע קענען לויט׳ן נאָמען; אַזוי איז ענטשטאַנען דער באַנד. אייניגע אָבהאַנדלונגען אינ׳ם באַנד האָבען מיר געקאָסט אַ וועלט מיט אַרבייט, צ. ב. יענע וועגען טעגנער׳ן, וואו עס ווערט דערצעהלט דער אמת וועגען דעם דיכטער צום ערשטען מאָל. איבסען וועט אייך זיכער פּראַאינטערעסירען אַלס פּערזענליכקייט. צום אומגליק שטעהט ער ניט אַלס מענש אויף דערזעלבער הויך, וואָס דער דיכטער. גייסטיג האָט ער פיעל צו פערדאַנקען קער־קעגאָר׳ן; ער איז נאָך שטאַרק אָנגעזאָפּט מיט טעאָלאָגיע. ביערנ־סאָן איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען פּשוט אַ וועלטליכער פּרעדיגער.

שוין מעהר ווי צוויי יאָהר, ווי איך האָב גאָר נישט אַרויס־געגעבען; איך האָב די גאַנצע צייט געפיהלט זיך זעהר שלעכט. די דאָזיגע צוויי יאָהר זיינען געוועזען די שווערסטע אין מיין לע־בען און איך גלויב ניט, אַז עס וועט בעסער ווערען. דאָך וויל איך זיך איצט נעהמען אַרויסגעבען דעם זעקסטען באַנד פון מיי־נע ווערק און נאָך אַ בוך דערצו. איבריגענס וועל איך קענען דאָס טהון ניט אַזוי שנעל.

איך האָב געמישט און געמישט אייערע נור וואָס אָנגעקו־מענע ביכער: ס׳אַרא פרייד!

אייערע יוגענדליכע ווערק האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר

מיר; זיי העלפען מיר צו פערשטעהן אייך. פון שטופע צו שטו־פע דערהויב איך זיך אלץ, מעהר צו אייך. מיט „זאראטוסטרא׳ן" האָב איך צו פריה אָנגעהויבען. איך וועל בעסער בעוועגען זיך פארזיכטיג, איידער שפּרייזען ליידענשאפטליך מיט׳ן קאָפּ אין וואסער אריין.

איך ווייס פון הילדעבראנד׳ס עסיי און האָב מיט יאָהרען צוריק געלעזען דאָס, וואס מען האָט געשריבען וועגען אייער אנ־טי־שטראוס פאמפלעט. דאָס ווארט קונסטפּיליסטער האָב איך גענומען ביי אייך; איך האָב גאָר ניט געהאט קיין אהנונג, אז עס איז אייער אויסדרוק. מיך שאָקירט ניט אייער קריטיק פון שטראוס׳ען, צו וועלכען איך האָב א געוויסען געפיהל פון פּיע־טעט. דער אַלטער זשענטעלמען איז שטענדיג געבליבען דער טיובינגנער סטודענט.

פון אייערע אנדערע ווערק האָב איך דערווייל דורכגעשטו־דירט „די מאָרגענרויט". מיר דוכט, איך פערשטעה עס גרינגד־ליך. אנדערע אידעען, וואס זיינען דארט אויסגעדריקט, זיינען מיר שוין פון לאנג טייער, אנדערע זיינען ניי פאר מיר אדער אויס־געדריקט אין א נייער פאָרם, און דאָך ניט פרעמד.

נאָך איין בעמערקונג, כדי דער בריף זאָל זיך ניט צוציהען צו שטארק. איך בין ענטציקט פונ׳ם אפאָריזם וועגען דער צו־פעליגקייט פון הייראט, אָבער פאר וואָס ניט גראָבען נאָך טי־פער? אין א אנדער אָרט רעדט איהר מיט א געוויסער אכטונג וועגען הייראט, וועלכע אידעאַליזירט און פערטיפט אן עמאָ־ציאָן. אינ׳ם ציטירטען אפאָריזם זענט איהר אבער ענערגישער און רוהיגער. פאר וואס ניט זאָגען ענדליך דעם גאַנצען אמת וועגען דעם ענין? איך גלויב, אז די הייראט, וועלכע איז אודאי געוועזען זעהר ניצליך, איינצוימענדיג די ברוטאַלע אינסטינקטען, טהוט איצט אָן מעהר צרות דער מענשהייט, ווי אפילו די קירכע אמאָל. די קירכע, הייראט, מאָנארכיע און איינענטום — דאָס זיינען, לויט מיין מיינונג, די פיער אַלטע עהרווירדיגע אינסטי־טוציאָנען, וועלכע די מענשען מוזען ראדיקאַל איבעראנדערשען, כדי צו קענען פרייער אָטעמען. פון זיי טויט הייראט מעהר פון אַלעמען די אינדיווידואליטעט, פאראַליזירט די פרייהייט און

איז א פערקערפערונג פון אן אונמעגליכען פּאַראַדאָקס. דאָס בעליידיגענדע אין דער זאַך איז דאָס, וואס די מענשהייט איז נאָך צו רויה זי זאָל זיך קענען בעגעהן אָהן הייראַט, די אַזוי־גערופענע ארכי־עמאַנסיפּירטע שרייבער רעדען נאָך אַלץ וועגען דער הייראַט מיט א פרומען און טוגענדהאַפטען בייקול, וואס רעגט מיך שרעקליך אויף. און זיי זיינען נאָך אַלעמען גערעכט, ווייל מען קען זיך ניט פאַרשטעלען, וואָס קען מען פאַרלעגען דעם המון אויפ'ן אָרט פון הייראַט? עס בלייבט נור איינס איבריג: לאַנגזאַם איבעראַנדערשען די אידעען פון דער געזעלשאַפט. וואס איז אייער מיינונג וועגען דער פראַגע?

איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען, וואס איז מיט אייערע אויגען, מיך האָט געפרעהט, וואס אייער האַנדשריפט איז אַזאַ קלאָרע און גוטע. אויסערליך מוזט איהר, גלויב איך, לעבען רוהיג אין ניצא. איך האָב שטענדיגע צוזאַמענשטויסען, וועלכע לאָזען ניט צורוה. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער האָט מען מיך איצט נאָך שטאַרקער פיינד, ווי מיט זיבענצעהן יאהר צוריק: דאָס איז ניט אנגענעהם און גיט דאָך בעפרידיגונג, ווייל עס בעווייזט, אז איך האָב נאָך ניט פערלאָרען מיין קראַפט און ניט געפאַלען אויף די קניה פאַר דער אַלמעכטיגער מיטעלמעסיגקייט.

אייערער אייך דאַנקבאַרער

ג. בראַנדעס.

---

8. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

ניצא, מערץ 27, 1888.

מיין געעהרטער הערר!

איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אייך דאַנקען פאַר אייער אינהאַלטסרייכען בריף, אבער איך בין געווען אַלץ ניט געזונד, און געמוזט זיך אָבזאָגען פון פיעלע גוטע זאַכען. דער צושטאַנד פון מיינע אויגען איז א דינאַמאָמעטער פון מיין אַלגעמיינעם געזונדהייט. אַזוי ווי איך פיהל מיך איצט אין אַלגעמיינעם בעסער, זיינען מיינע אויגען אויך אין א בעסערען צושטאַנד, אין א פיעל בעסערען, ווי איך האָב ווען עס איז געקענט ערוואַרטען — אויף

צו להכעים די פּראָפעציייהונגען פון די בעסטע דייטשע אָקוליס־טען. ווען די הערען גרעפע און די איבריגע וואלטען געהאט רעכט, וואָלט איך שוין לאַנג געווען א בלינדער. איצט טראָג איך ברילען נומ. 3 — שלעכט! — אָבער דאָך זעה איך נאָך! איך רעד וועגען דעם, וויל איהר זייט געווען אזוי פריינדליך צו פרעגען מיך און וויל די לעצטע פּאָר וואָכען זיינען מיינע אויגען געווען בעזונדערס שוואך און ענטצונדען.

איך האָב רחמנות אויף אייך — נאַרדמענשען. ווי ווינטריג און מעלאנכאָליש איז איצט ביי אייך! ווי האַלט איהר אויס דאָרט, ווערט ניט צובויגען? איך בעוואונדער כמעט יעדען מענשען, וואס פערלירט ניט זיין גלויבען אין זיך אליין אונטער אזא נעבעלדיגען הימעל, ניט רעדענדיג שוין פון זיין גלויבען אין מענשהייט, הייראט, אייגענטום, שטאַאט. אין פּעטערבורג וואלט איך זיכער געווען ניהיליסטיש געשטימט; אָבער זיצענדיג אין ניצא, גלויב איך אין זון. די ניצא׳ער זון איז זיכער א רעאַליטעט — די דאָזיגע גליהענדע זון קענט איהר ניט בעטראַכטען נור אלס א פּאָראורטייל. מיר האָבען דאָ צופיעל זון אויפ׳ן חשבון פון דעם איבריגען אייראפּא. מיט דער צינישקייט, וואס איז אזוי כאראַקטעריסטיש פאר איהם, הייסט איהר גאָט העלער און שטאַרקער שיינען איבער אונז לעדיגעהער, פילאָסאָפען, קריטיקער, ווי איבער די ווירדיגע מיליטערישע פאַטערלאַנדס־העלדען.

מיט׳ן ריכטיגען אינסטינקט פון א נאַרדמענשען האָט איהר דערפיהלט, אז איבערטראַגען די נאָרדישע קעלט קענט איהר נור, סטימולירענדיג זיך מיט קאַמפּף, אַגרעסיאָן, מלחמה, ווי ס׳איז געווען דער מנהג ביי די אַלטע וויקינגער. איך דערקען אין אייערע ווערק ערפאהרענע זעלנער, און צום קאַמפּף רייצט אייך ניט נור די מיטעלמעסיגקייט, נור אפשר נאָך מעהר די מעהר אונאַבהענגיגע אדער אינדיווידועלע פערטרעטער פון דעם נאָרדישען גייסט. וויפיעל פונ׳ם פּאַסטאָר איז נאָך אין אייך געבליבען, ווי טעאָלאָגיש איהר זייט נאָך אַלע! געננג שלעכט איז צו לעבען אונטער א נאָרדליכען הימעל, אָבער נאָך שווערער וואלט מיר געווען צו זיין געצוואונגען האָבען צו טהון מיט זאכען, וואס ארען מיך אבסאָלוט ניט.

נענונג געשריבען. אייערע „דייטשע ראָמאַנטיקער" האָבען דערוועקט אין מיר פערשידענע געדאַנקען: פאַקטיש האָט די דאָזיגע גאַנצע בעוועגונג געפונען איהר אַדעקוואַטען אויסדרוק אין דער מוזיק (שומאַן, מענדעלסאָן, וועבער, וואַגנער, בראַמס); די דייטשע ראָמאַנטישע דיכטונג איז געבליבען נור אַ צוזאָג. די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער זיינען געוועזען גליקליכער. איך בין צופיעל מוזיקער, איך זאָל ניט זיין ראָמאַנטיש. אָהן מוזיק וואָלט איך ניט איבערגעטראָגען דאָס לעבען.

מיט האַרציגע גרוסען און דאַנק בין איך

אייער פ. ניטשע.

---

9. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, אַפּריל 3, 1888.

נעעהרטער הערר:

איהר האָט אַמאָל נערעדט מיט פערדרוס וועגען דעם אונ־העפליכען בריפטרעגער, וואָס שטערט אייך אין אינמיטען אייער אַרבייט. דאָס איז געווען אַ גוטער וואונק, אַז איהר ווילט ניט געשטערט ווערען. איך בין ניט קיין צודרינגליכער מענש. איך מייד אויס מענשען, לעב כמעט איינזאַם און האָב, דעם אמת גע־זאָגט, פיינד צו שרייבען בריף, און צו שרייבען בכלל.

נעכטען האָבענדיג בעקומען אייער בריף און אַריינגעקוקט אין אייערען אַ בוך, האָב איך פּלוצלונג געזאָגט זיך, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס אין סקאַנדינאַוויען ווייסט מען גאָר נישט וועגען אייך; איך האָב טאַקי באַלד בעשלאָסען צו בעקענען מיט אייך די סקאַנדינאַוויער. פון דעם צייטונגס־אויסשניט, וואָס איך לעג אַריין, וועט איהר זעהן, אַז האָבענדיג נור וואָס פערענדיגט אַ רייהע לעקציעס וועגען רוסלאַנד, האָב איך געמאָלדען, אַז איך וועל האַלטען עטליכע פאָרטראַגען וועגען אייך. אין משך פון פיעלע יאָהרען קומט מיר אויס אַלע מיינע לעקציעס צו ווידערהאָלען עט־ליכע מאָל, ווייל אין אוניווערסיטעט קענען ניט אַריינגעהן אַלע, וואָס ווילען הערען; איצט איז דאָס ניט צו ערוואַרטען, ווייל איהר זייט אַבסאָלוט אונבעקאַנט דאָ, אָבער די אַלע, וואָס וועלען

קומען און בעקומען אן איינדרוק פון אייערע ווערק, זיינען ניט פון די ערגסטע קעפּ.

אזוי ווי איך וואָלט שטארק געוואָלט וויסען, ווי איהר זעהט אויס, בעט איך אייך מיר צו שיקען אייערע א פאָטאָגראפישע קארטע, איך שיק אייך מיינע. זייט אזוי גוט און שרייבט מיר אויך, ווען און וואו איהר זייט געבאָרען געווארען און אין וועלכע יאָהרען איהר האָט ארויסגעגעבען (אָדער בעסער געשריבען) אייערע ווערק, ווייל זיי זיינען ניט דאטירט. אויב די דאָזיגע דאטען זיינען ערגעץ געוועזן געדרוקט, איז נאָך בעסער: וועט איהר ניט דארפען שרייבען. איך בין א זעהר אונמעטאָדישער מענש, האָב קיינע ביאָגראפישע ווערטערביכער אָדער ענציקלאָפּעדיען, אין וועלכע אייער נאָמען האָט געקענט פיגורירען.

אייערע יוגענדליכע אָבהאנדלונגען — די אונצייטגעמעסע בעטראַכטונגען — זיינען געוועזן זעהר ניצליך מיר. ווי ענטוזיאסטיש, ווי יונג איהר זייט געוועזן! ווי אויפריכטיג און נאַאיוו! אין אייערע רייפערע ווערק איז מיר פיעלעס נאָך אלץ ניט פערשטענדליך. מיר דוכט זיך אָפט, אז איהר פעראַלגעמיינערט אינטימע, פערזענליכע ערפאהרונגען, אדער גיט א וואונק און ניט מעהר, ווי א וואונק, אזוי אז דער לעזער האָט א וואונדערבאר קעסטעל אָהן׳ם שליסעל צו איהם, אָבער דאָס מייסטע פערשטעה איך דאָך. איך בין ענטציקט פון אייער אָבהאנדלונג וועגען שאָפּענהויער׳ן. איך פערזענליך האָב וועניג פון איהם געלערענט, און דאָך האָב איך געהאט דאָס געפיהל, אז איהר דריקט אויס דאָס, וואס מיר וואלט זיך געוואָלט זאגען.

איינע אָדער צוויי קאָרעקטורען פון א פעדאנט: „פרעהליכע וויסענשאפט", ז. 116, די פון אייך ציטירטע ווערטער זיינען ניט שאמפאָר׳ס לעצטע ווערטער, איהר האָט זיי אין זיינע „כאראקטערען און אנעקדאָטען" אינ׳ם דיאלאָג צווישען מ. ד. און מ. ש., וואו עס ווערט געטייטשט די פראזע: וועניג מענשען און וועניג זאכען אינטערעסירען מיך, אָבער קיין זאך אינטערעסירט מיך אזוי וועניג, ווי איך אליין. דאָס ענדיגט זיך מיט די ווערטער: לעבט מען צווישען מענשען, מוז דאָס הארץ אדער צובראָכען אדער פערגליווערט ווערען.

אויף זייט 118 רעדט איהר וועגען דער הויכער מיינונג,
וואס שעקספּיר האָט וועגען צעזאר'ן. נאָך מיין מיינונג איז שעק־
ספּיר'ס צעזאר נעבעכ'דיג. הויכפּעראַט, האַ? איז ניט אַ אונ־
זין צו פּערהערליכען דעם מיזעראַבלען מענשען, וועלכער האָט זיך
אויסגעצייכענט נור דערמיט, וואס ער האָט אַריינגעשטאָכען אַ
מעסער אינ'ם עדלען הארץ פונ'ם גרויסען מענש?

„מענשליכעס אַלצומענשליכעס", 2, ז. 59, „אַ הייליגער לי־
גען". דאָס איז דער איינציגער הייליגער ליגען, וועלכער איז גע־
וואָרען בעריהמט. ניין, דעזדעמאָנאַ'ס לעצטע ווערטער זיינען
אפשר נאָך שעהנער און ניט ווייניגער בעריהמט; יעדענפאַלס האָט
מען זיי אפּט ציטירט אין דייטשלאַנד ווען יאַקאָבי האָט געשרי־
בען וועגען לעסינג'ען. בין איך ניט גערעכט?

איך שטעל זיך אָב אויף קליינינקייטען, כדי צו ווייזען אייך,
ווי אויפמערקזאם איך לעז אייך. עס פערשטעהט זיך, אז איך
וואָלט געוואָלט זיך מיט אייך דורכרעדען גאַר וועגען אַנדערע זאַ־
כען, אָבער אין אַ בריף איז דאָס ניט מעגליך.

אויב איהר פערשטעהט דעניש, וואָלט איך אייך מיט פערגני־
גען געשיקט אַ שעהן אַרויסגעגעבען ביכעל וועגען האָלבערג'ן,
וואס וועט אַרויס פון דרוק אין אַ וואָך אַרום. שרייבט מיר, צי
פערשטעהט איהר דעניש. אויב איהר לעזט שוועדיש, מאַך איך
אייך אויפמערקזאם אויף שוועדען'ס איינציגען געניאַלען מענשען,
אויגוסט סטרינדבערג. איהר שרייבט וועגען פרויען אין דעמזעל־
בען גייסט, וואס ער.

איך האָף, אז דער צושטאַנד פון אייערע אויגען פערבעסערט
זיך.

אייער ג. בראַנדעס.

---

10. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

טורין, איטאַליען, אַפּריל 10, 1888.

אָבער, מיין ליעבער בראַנדעס, וואס פאַר אַ סורפּריז פאַר
מיר? וואו האָט איהר גענומען דעם מוט צו רעדען עפענטליך
וועגען אַזא vir obscurissimus ווי איך?... מיינט איהר, אַז

עמיצער קען מיך אין מיין געליבטען פאטערלאנד? זיי קוקען אויף מיר, ווי אויף א פערזעהעניש, ווי אויף עפּעס, וואס קען ניט גענומען ווערען ערנסט. ווייזט אויס, זיי האבען א אהנונג, אז איך נעהם זיי ניט ערנסט. ווי וואלט איך זיי געקענט נעהמען ערנסט היינטיגע צייטען, ווען דער דייטשער גייסט איז געווארען גייסטלאז, אן אונזין, עפּעס אינערליך ווידערשפּרעכענעס!

מיין בעסטען דאנק פאר אייער פאטאגראפישע קארטע. צום בעדויערען האב איך מיינע ניט: מיין שוועסטער, וואס וואוינט מיט איהר מאן אין זיד־אמעריקא, האט מיט זיך גענומען די לעצטע פאטאגראפישע קארטע מיינע, וועלכע איך האב געהאט.

אין קורצען גיב איך אייך מיין לעבענסשרייבונג. די דאטען, וואס אינטערעסירען אייך, זיינען פאלגענדע:

„ד י ג ע ב ו ר ט פ ו ן ט ר א ג ע ד י ע" איז געשריבען געווארען זומערצייט אינ'ם יאהר 1870 און אינ'ם ווינטער 1871 (פערענדיגט אין לוגאנא, וואו איך האם געוואוינט צוזאמען מיט דער פאמיליע פון דעם פעלדמארשאל מאלטקע).

„ד י א ו נ צ י י ט ג ע מ ע ס ע ב ע ט ר א כ ט ו נ ג ע ן" האב איך געשריבען צווישען 1872 און דעם זומער 1875 (איך האב גערעכענט צו שרייבען דרייצעהן אבהאנדלונגען; צום גליק האט מיין געזונדהייט פלוצלונג געזאגט: ניין!).

דאס, וואס איהר זאגט וועגען „שאפּענהויער אלס ערציהער" איז מיר זעהר אנגענעהם געווען. דאס דאזיגע קליינע ווערק איז א פּרואוושטיין. דער, וואס דערהערט אין איהם ניט עפּעס פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ס, האט זיכער מיט מיר ניט וואס צו טהון. אין אמת'ען האב איך דארט שוין אנגעווארפען מיין לעבענסוועג, אויף וועלכען איך בין געגאנגען ביז איצט.

די אנדערע ווערק זיינען געשריבען געווארען:

„מ ע נ ש ל י כ ע ס א ל צ ו מ ע נ ש ל י כ ע ס" מיט די צוויי פארטזעצונגען — אין די זומערס 1876-79.

„ד י מ א ר ג ע נ ר ו י ט" — 1880.

„פ ר ע ה ל י כ ע ו ו י ס ע נ ש א פ ט" — יאנואר 1882.

„א ז ו י ה א ט ג ע ר ע ד ט ז א ר א ט ו ס ט ר א" —

1883-85. (יעדער טייל כמעט אין צעהן טעג געשריבען אין א צושטאַנד פון אינספיראַציאָן. אַלעס קאָנצעפּטירט אין דער צייט פון שפּאַצירגאַנג. אַן אבסאָלוטע זיכערקייט! אַזוי ווי יעדען זאַץ וואָלט עמיצער מיר אַריינגעשריען אין אויער אַריין בשעת'ן שרייבען דעם בוך אַ געפיהל פון גרעסטער פיזישער עלאַסטיצי־טעט און מאַכט).

„אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט" — זומער 1885 אין ענגאַדין און דעם קומענדיגען ווינטער אין ניצא.

„די גענעאַלאָגיע פון מאָראַל" — בעשלאָ־סען, אָנגעשריבען און צום דרוק פערפערטיגט צווישען 10טען און 31טען יולי, 1887.

אויסער דעם האָב איך אויך געשריבען פערשידענע פילאָ־לאָגישע זאַכען, וואס אינטערעסירען אייך, פערשטעהט זיך, ניט.

איצט עקספּערימענטיר איך מיט טורין: איך וועל בלייבען דאָ ביז'ן 5טען יוני און דערנאָך פאָהרען קיין ענגאַדין. דער־וויילע איז דאָס וועטער דאָ ווינטערדיג, רויה און אונאַנגענעהם. אבער טורין איז אַ וואונדערבאַרע שטאָדט, אַ רוהיגע און ווירקט זעהר גוט אויף מיר. די פיינסטע טראָטואַרען אין דער וועלט.

צום בעדויערען, קען איך ניט דעניש און ניט שוועדיש.

הארציגע גרוסען פון

אייער דאַנקאַברען פ. ניטשע.

מיין לעבענסבעשרייבונג.

איך בין געבוירען געוואָרען אָקטאָבער 15, 1844, אויפ'ן לוצענער שלאַכטפעלד. דער ערשטער נאָמען, וועלכער איז דער־גאַנגען צו מיין אויער, איז געווען גוסטאַוו אַדאָלף'ס נאָמען.

מיינע אָהנען זיינען געווען פּוילישע אַדעליגע (ניעצקי); דער פּוילישער טיפּ לאָזט זיך אין מיר פיהלען גאַנץ שטאַרק, ניט קוק־קענדיג אויף די גענעראַציאָנען דייטשע מוטערס. אין אויסלאַנד נעהמט מען מיך אָן פאַר אַ פּוילישען; היינטיגען ווינטער האָט מען מיך אין ניצא אַריינגעשריבען אַלס פּוילישען אין דעם רייס־טער פון די געסט. אויך האָט מען מיר דערצעהלט, אַז אַזאַ קאָפּ,

ווי מיינער, איז פארהאן אין די געמעלען פון דעם פוילישען מאָלער מאַטייקאַ.

מיין מוטער׳ס מוטער איז געווען אינ׳ם שילער־געטע קרייז אין וויימאַר. איהר ברודער איז געווען סופעראינטענדענט אין וויימאר נאָכ׳ן גרויסען הערדער׳ן.

איך האָב געהאט דאָס גליק צו לערנען זיך אין דער עהרווירדיגער פפאָרטאַ פון וועלכער עס זיינען ארויסגעגאנגען אזוי פיעל גרויסע מענשען, וואס האָבען זיך געמאכט א נאָמען אין דער דייטשער ליטעראַטור (קלאָפּשטאָק, פיכטע, שלעגעל, ראַנקע און אנדערע). מיר האָבען געהאט אין אונזער גימנאזיום לעהרער, וועלכע וואָלטען געווען א כבוד פאר יעדען אוניווערסיטעט. איך האָב שטודירט אין באָן, שפּעטער אין לייפּציג. דער אלטער ריטשל, וואס איז געווען דער גרעסטער דייטשער פילאָלאָג פון זיין צייט, האָט מיך באלד בעמערקט.

אינ׳ם צוויי־און־צוואנציגסטען יאָהר בין איך געווארען מיטארבייטער פונ׳ם „ליטעראַרישען צענטראַל בלאַט״. איך בין אויך געווען דער גרינדער פון דער לייפּציגער פילאָלאָגישער געזעלשאַפט, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז איצט. אינ׳ם יאָהר 1868 האָט מיר די באַזעלער אוניווערסיטעט פאָרגעשלאָגען די פּראָפעסור; איך האָב נאָך דאמאלס ניט געהאט דעם דאָקטאָר־טיטול, אָבער די לייפּציגער אוניווערסיטעט האָט מיר שפּעטער געגעבען דעם דאָקטאָר־טיטול — אויף א זעהר עהרענהאפטען וועג — אָהן יעדען עקזאַמען, ניט פאָדערענדיג פון מיר אפילו ניט קיין דיסערטאַציאָן.

צעהן יאָהר — פון 1869 ביז 1879 — בין איך געווען אין באַזעל; איך האָב געמוזט זיך אָבזאָגען פון דייטשער אונטערטאַנענשאַפט, ווייל אַניט וואָלט איך אָלס ארטילעריע־אָפיציר צו אָפט געמוזט זיך מעלדען צום דינסט און דאָס וואָלט מיך אָבגעריסען פון מיינע אקאדעמישע ארבייטען, און דאָך ביז היינט קען איך זיך נאָך גוט בעגעהן מיט א זעבעל, קאַנאָן און אפשר נאָך א דריטען וואפענגעצייג. אין באַזעלער אוניווערסיטעט איז אלעס געגאנגען גוט, ניט קוקענדיג אויף מיין יוגענד! עס פלעג

טרעפען, אז דער עקזאַמינירטער איז געווען עלטער פון עקזאַ־מינאַטאָר.

אין באַזעל האָב איך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו ווערען בעקאַנט — און גוט בעקאַנט — מיט יאַקאָב בורקהאַרדט, וועל־כער האָט געוועגליך געלעבט ווי א פּרוש און אָבגעגעבען זיך נור מיט זיינע אינטעלעקטועלע ארבייטען. נאָך א גרעסער גליק איז געווען פאַר מיר דאָס, וואָס, ווי נור איך בין געקומען קיין באַ־זעל, האָב איך זיך באַלד אינטים בעפריינדעט מיט ריכאַרד און קאָזימאַ וואַגנער, וואָס האָבען דאַמאַלס געלעבט אויף זייער טריב־שע'ער גוט נעבען לוצערן, ווי אויף א אינזעל, און זיי־נען געווען אָבגעשניטען פון אַלע זייערע פריהער־דיגע פערבינדונגען. עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען מיר זיך געטיילט מיט ליידען און פריידען, קליינע און גרויסע; אונזער פערטרויען האָט ניט געהאַט קיין גרענעצען, (אינ'ם זיבעטען באַנד פון וואַגנער'ס געזאַמעלטע ווערק דערמאָנט ער מיין „געבורט פון טראַגעדיע"). א דאַנק דער דאָזיגער פריינדשאַפט האָב איך זיך פערבונדען מיט א גרויסען קרייז פון מענשען (און ווייבער) — פּאַקטיש כמעט מיט אַלע בעדייטענדע מענשען, וואָס איהר קענט געפינען אין אייראָפּא צווישען פּעטערבורג און פּאַריז.

ארום 1876 האָט זיך פערערגערט מיין געזונדהייטסצו־שטאַנד. איך האָב דאַמאַלס פערבראַכט א ווינטער אין סאָרענ־טאָ מיט מיין אַלטען פריינד, באַראָנעסין מייזענבוג („מעמואַ־רען פון א אידעאַליסטין") און דעם סימפּאַטישען דר. פּאַול רע. מיר איז ניט בעסער געוואָרען. איך האָב געליטען פון שרעקלי־כע קאָפּשמערצען, וועלכע האָבען אויפגעפרעסען אַלע מיינע קרעפ־טען. אַזוי האָט זיך געצויגען א פּאָר יאָהר, ביז עס איז דער־גאַנגען דערצו, אז צוויי הונדערט טעג אין יאָהר בין איך געווען קראַנק. די קראַנקהייט האָט געמוזט זיין א לאָקאַלע; זי האָט ניט געהאַט קיין נעוראָפּאַטישען כאַראַקטער. איך האָב קיינמאָל ניט געליטען פון גייסטיגע קראַנקהייטען — אפילו ניט פון פיבער אָדער חלשות. מיין פּולס איז דאַמאַלס געווען אַזוי שוואַך, ווי ביי נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען. איך האָב זיך ספּעציאַ־ליזירט אין איבערטראָגען די שרעקליכסטע ליידען; האַלטענדיג

אין איין ברעכען עטליכע טעג, האָב איך דאָך ניט פערלאָרען אפילו אויף א מינוט מיין בעוואוסטזיין און קלאָרקייט פון פער־שטאַנד.

עס האָט זיך פערשפרייט א קלאַנג, אז איך בין געזעסען אין א משוגעים־הויז (און אז איך בין דאָרט געשטאָרבען). דאָס איז א גרויסער ליגען. קיינמאָל איז נאָך מיין גייסט ניט געווען אזוי רייף, ווי אין דער דאָזיגער שרעקליכער צייט; און עדות: „די מאָרגענרויט", וועלכע איך האָב געשריבען ווינטער צייט אין יאָהר 1881, זייענדיג איינער אליין, אָבגעריסען פון פריינד, דאָק־טוירים אָדער קרובים, און ליידענדיג די שרעקליכסטע, אונגלויב־ליכסטע שמערצען. דאָס דאָזיגע בוך איז פאר מיר א דינאַמאָ־מעטער: איך האָב עס אָנגעשריבען מיט א מינימום פון קראַפט און געזונדהייט.

פון 1882 ווערט מיר בעסער; איך ווער גענעזען, אָבער זעהר לאַנגזאם. דער קריזיס איז פארביי (מיין פאָטער איז געשטאָר־בען זעהר יונג, זייענדיג אלט כמעט אזוי פיעל, וויפיעל איך בין דאמאלס אלט געווען). איך מוז נאָך איצט זיין זעהר פארזיכ־טיג; איך מוז לעבען אין געוויסע קלימאַטיש־מעטעאָראלאָגישע בעדינגונגען, אדער איך לייד שטארק. איך בין געצוואונגען צו פערברענגען יעדען זומער אין ענגאדין און דעם ווינטער — אין ניצא. נאָך אלעמען, האָט מיר מיין קראנקהייט געבראכט דעם גרעסטען נוצען; עס האָט בעפרייט מיינע זעעלען־קרעפטען, צו־ריקגעגעבען מיר מיין מוט צו זיין איך. און אמת'ען בין איך, א דאנק מיינע אינסטינקטען, א מוטיגע חיה, א קריגערישע אפילו. דער לאַנגער, שווערער ווידערשטאַנד האָט אביסעל היפערטראָ־פירט מיין שטאָלץ. איהר פרעגט, צי בין איך פילאָסאָף?... וואָס איז דער אונטערשיד...

---

11. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, אפריל 29, 1888.

מיין ליעבער ניטשע:

איך האָב געהאַלטען מיינע פאָרטראַגען וועגען אייך. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל גערעדט, איז דער זאַל ניט געווען

פול, געקומען זיינען ארום 150 מענשען, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער און וואָס איהר זייט. אבער אין א צייטונג איז ערשינען א בעריכט וועגען דעם פּאָרטראג, און איך האָב געשריי־בען אן ארטיקעל וועגען אייך. דער אינטערעס צו אייך איז דער־וועקט געוואָרען. דאָס צווייטע מאָל איז שוין דער זאַל געווען געפּאַקט; מעהר פון 300 מענשען האָבען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער. איך האָב דאָך מורא צו פּרואווען ווידערהאָלען די פּאָרטראגען, ווי ס'איז מיין מנהג די לעצטע יאָהרען, ווייל די טעמע איז ניט קיין פּאָ־פּולערע. איך האָף, אז איהר וועט א דאנק די פּאָרטראגען קריי־גען א פּאָר צעהנדליג גוטע לעזער אין די סקאנדינאַווישע לענ־דער.

אייערע ביכער שטעהען איצט ביי מיר געבונדענע אין שראנק. איך וואָלט זעהר געוואָלט האָבען אלעס, וואס איהר האָט פּער־עפענטליכט. — ווען איהר האָט מיר אין אייער ערשטען בריף פּאָרגעלעגט אייערע א מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציאָן, האָב איך זיך אָבגעזאָגט פון דער מתנה, ווייל איך בין ניט קיין קענער פון מוזיק. איצט, דוכט מיר, האָב איך א רעכט צו בעטען ביי אייך די דאָזיגע קאָמפּאָזיציאָן, ווייל איך אינטערעסיר מיך מיט יע־דער ארבייט אייערער. איך וועל אייך זיין זעהר דאנקבאר, אויב איהר וועט זי מיר צושיקען.

איך רעכען, אז דער אלגעמיינער איינדרוק, וועלכען מיין פּאָרטראג האָט געמאכט אויפ'ן עולם, האָט גוט איבערגעגעבען א יונגער דיכטער, וועלכער האָט מיר געזאָגט: „דאָס אלעס אינ־טערעסירט מיך אזוי שטארק דערפאר, וואס עס האָט צו טהון ניט מיט בוך, נור מיט לעבען". אויב מען האָט עפּעס צו אייערע אידעען, איז דאָס דער עיקר דערפאר, וואס זיי זיינען צו „עק־זאָטיש".

עס איז ניט גוט פון אייער זייט, וואס איהר האָט ניט גע־שיקט מיר אייער פאָטאָגראפיש בילד; עס איז דאָך ניט שווער צו פּאָזירען א מינוט־צוויי פאר'ן פאָטאָגראף, און א מענשען קען מען בעסער, ווען מען האָט א בעגריף ווי ער זעהט אויס.

אייערער, ג. בראַנדעס.

12. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

טורין, מאי 4, 1888.

מיין טייערער הערר:

דאָס, וואס איהר האָט מיר מיטגעטיילט, האָט מיך שטאַרק דערפרעהט און — ערלויבט מיר מודה צו זיין זיך — פערוואונדערט נאָך מעהר. זייט זיכער, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען: איהר ווייסט דאָך, אז פּרושים פערגעסען ניט.

כ'רעכען, אז מיין פאָטאָגראַפיש בילד האָט איהר שוין ערהאַלטען. איך האָב ניט געוואָלט פאָטאָגראַפירען זיך (איך האָב זעהר פיינד צופעליגע פאָטאָגראַפיען), נור געזעהן איינצוזרעדען אייער נעם, וואס האָט מיין בילד, צו שיידען זיך מיט איהם. מעגליך, אז דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען. אויב ניט, וועל איך קורמענדיג קיין מינכען היינטיגען הערבסט אודאי, זיך לאָזען ווידער פאָטאָגראַפירען. דער הימן צום לעבען, וועט אייך געשיקט ווערען די טעג. גאָרנישט פרעהט אונז, פילאָזאָפען, אזוי שטאַרק, ווי דאָס, וואס מענשען האָבען א טעות און נעהמען אונז אָן פאַר אַרטיסטען. איבריגענס פערזיכערען מיך די בעסטע קענער, אז דער הימן איז קלאָר אין פאָרם, איז גוט צום זינגען און וועט עפעקטפול זיין. מאַטל, דער הויף־קאָנדוקטאָר אין קאַרלסרוהע (וועלכער האָט דיריגירט די ביירעט פייעראָבענדע, איהר מוזט איהם קענען) האָט מיר צוגעזאָגט, אז „דער הימן" וועט געשפּיעלט ווערען.

מיר שרייבט מען פון איטאַליען, אז דער שטאַנדפונקט, וועלכער ווערט ענטוויקעלט אין דער צווייטער אָבהאַנדלונג פון מיינע „אונצייטגעמעסע בעטראַכטונגען" ווערט דערמאָנט מיט גרויס דרך ארץ אין א איבערבליק פון דער דייטשער ליטעראַטור, וועלכען דער ווינער געלעהרטער דר. פאָן זאַקאַוער גיט אין'ם „היסטאָרישען אַרכיוו" פון פלאָרענץ. ער פערענדיגט זיין איבערבליק מיט פערשידענע בעמערקונגען וועגען מיר.

אזעלכע העלע וואכען, ווי כ'האָב געהאַט אין טורין, אזעלכע פילאָסאָפישע וואכען, האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט. כמעט יעדען טאָג זיינען מיינע קרעפטען אין משך פון א שעה־צוויי געוועזן אזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט און פּאָטענצירט, אז איך בין

געוועזן פעהיג צו בענעהמען מיין גאַנצע קאָנצעפּציאָן פון אָנהויב ביז'ן סוף; די גאַנצע פיעלפאַרביגקייט פון פּראָבלעמען ליגט אויס־געצווינגען צו מיינע פיס, געצייכענט מיט שאַרפע, קלאָרע ליניען, ווי אין רעליעף. דאָס פאָדערט אזוי פיעל קראַפט און אָנשטרענג־גונג, אז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַפט, אז איך וועל דאָס דער־לעבען. מיינע אידעען זיינען אַלע פערבונדען איינע מיט דער אַנדערער. מיט יאָהרען צוריק בין איך שוין געוועזן אויפ'ן רעכ־טען וועג. ביסלעכווייז געהט אויף דאָס ליכט פון דיין פילאָזאָ־פיע, טריט נאָך טריט געהסט דו, מוזט געהן אזוי לאַנגזאַם און זעהסט ניט דאָס דורכגעגאַנגענע, דאָס פערגאַנגענע, אבער מען מוז דאָס גאַנצע זעהן אין זיין גאַנצקייט, ווי איך האָב עס געזעהן, כדי דערין צו גלויבען.

איך פיהל מיך איצט דערלייכטערט, שטאַרק, אין אַזאַ גו־טער שטימונג — אויף די ערנסטעסטע זאַכען העננ איך אָן אַ קליינעם פּאַרס־עקעל. ווי קומט דאָס? זאָל איך דאַנקבאַר זיין די גוטע נאָרד ווינדען, די ווינדען, וועלכע בלאָזען ניט שטענדיג דוקא פון די אַלפּען? זיי קומען אמאָל אויך פון קאָפּענהאַגען.

מיט גרוס,

אייערער אייך דאַנקבאַרער און איבערגעבענער פ. ניטשע.

---

13. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

טורין, מאַי 13, 1888.

מיין ליעבער הערר:

איך וויל ניט אוועקפאָהרען פון טורין, ניט האָבענדיג דער־צעהלט אייך נאָכאַמאָל, וואס פאַר אַ גרויסען חלק איהר האָט געהאַט אין דעם ערשטען גוטען פריהלינג מיינעם. די געשיכ־טע פון מיינע פריהלינגען, יעדענפאַלס פאַר די לעצטע פופצעהן יאָהר, איז געווען אַ געשיכטע פון ליידען, שרעקען — אַ פאַטאַ־לער דעגענעראַציאָנס־פּראָצעס! איך האָב געביטען שטעדט און קלימאַטען, און עס האָט ניט געהאָלפען! דער איינדרוק איז גע־ווען, אז קיינע דיעטען, ענדערונגען פון קלימאַט, רפואות קענען אָבשוואַכען די שעדליכע ווירקונגען פון דער דאָזיגער צייט

פון יאהר אויף מיר. אָבער זעה, טורין! און די ערשטע גוטע נייעס, אייער גייעס, מיין ליעבער הערר, וועלכע האָט מיר בעוויזען, אז איך לעב.... דען איך בין אָפט געניינט צו פערגעסען, אז איך לעב. א צופאל, א פראגע האָט מיר די טעג דערמאָנט אָן דעם, אז איינע פון די וויכטיגסטע לעבענס אידעען איז זיכער אויסגעלאָשען אין מיר — די אידעע פון צוקונפט. קיין פערלאַנג, ניט דער קלענסטער שאָטען פון א פערלאנג! א הוילע פלאך! פאר וואס זאָלען ניט זיין גלייך צום היינטיגען טאָג די קומענדיגע טעג, די טעג פון עלטער, ווען איך וועל זיין אלט זיבציג יאהר? צי ניט דערפאר, וואס איך האָב צולאנג געלעבט אין דער נאָהענטקייט פון טויט, האָב איך פערלאָרען די פעהיגקייט צו זעהן ליכטיגע מעגליכקייטען? עס איז זיכער, איך טראכט איצט נור וועגען דעם היינטיגען און מאָרגענדיגען טאָג און ניט מעהר; איך בעשלים היינט, וואס איך האָב צו טהון מאָרגען — מאָרגען און ניט איבערמאָרגען: דאָס איז אפשר ניט ראַציאָנאל, ניט פראקטיש, אפשר אויך ניט קריסטליך — יעזוס האָט פערבאָטען צו האָבען אין זין אפילו דעם מאָרגענדיגען טאָג —, אָבער העכסט פילאָזאָפיש. איך האָב איצט מעהר אכטונג צו זיך, ווי פריהער. איך האָב זיך אויסגעלערענט ניט צו האָבען קיין פערלאנגען.

די לעצטע וואָך בין איך פערנומען מיט „איבערראשצען ווערטען" — איהר פערשטעהט די דאָזיגע רעטאָרישע פיגור! נאָך אלעמען איז דער אלכעמיקער דער ניצליכסטער מענש אין דער וועלט! דער אלכעמיקער, ד. ה. א מענש, וואס מאכט פון אלעס נידריגען און פעראכטעטען עפעס ווערטפולעס — אפילו גאָלד. ער אליין שענקט אמת'ע רייכקייטען, אנדערע געבען נור רעשט. דאָס פראָבלעם, מיט וועלכען איך פערנעהם זיך, איז זעהר אייגענארטיג: איך האָב זיך געפרעגט, וואס האָט די מעהרהייט ביז איצט מעהר פון אלעמען געהאסט, פעראכטעט, וואס האָט איהר געשראקען און אָבגעשטויסען — און פון דעם אלעמען און ניט פון עפעס אנדערש האָב איך אויסגעמינצט מיין גאָלד. מען זאָל מיך נאָר ניט בעשולדיגען אין פאלשמינצעריי! אדער ריכטיגער, פון אזא בעשולדיגונג וויל איך זיך ניט ארויסדרעהען.

האָט איהר ערהאַלטען מיין פאָטאָגראַפיש בילד? מיין מוטער איז געוועזן אַזוי גוט און האָט אייך געשיקט מיינע אַ פאָטאָגראַפיע. איך רעכען אויך, אַז דער לייפּציגער פערלעגער מיינער, פריטש, האָט אויך געטהון זיין פליכט און איהר מוזט שוין האָבען מיין „הימן".

איך בין זיך אייך מודה, אַז איך בין אַ נייגיריגער מענש. אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט די מעגליכקייט צוצולעגען אַן אויער צום לעבעל פון טיר פון אוניווערסיטעטס זאַל און הערען עפּעס וועגען מיר אַליין מיט אייגענע אויערען, וואָלט איך זעהר געוואָלט הערען דאָס פון אייך. שרייבט מיר אַ פּאָר ציילען וועגען אייער פּאָרטראַג. וויפיעל וועל איך אויסלעזען פון דריי ווערטער.

מיט הארציגען גרוס,

פּ. ניטשע.

---

14. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, מאַי 23, 1888.

מיין ליעבער הערר:

מיין בעסטען דאַנק פאַר'ן בריף, פאָטאָגראַפישע קאַרטע און נאָטען. אייער בריף און נאָטען האָבען מיר פערשאַפט אַן אמת'ען פערגינגען: דער פּאָרטרעט האָט געקענט זיין בעסער. אַ אינטערעסאַנטער פּראָפיל, די פּאָזע איז אַ כאַראַקטעריסטישע, אָבער צו וועניג אויסדריק! איהר מוזט אויסזעהן אַנדערש. פון די געהיימניסען פון דעם אוטאָר פון „זאַראַטוסטראַ" זעהט מען ניט קיין שפּורען אויפ'ן געזיכט.

ווען איך האָב פערענדיגט מיינע פּאָרטראַגען וועגען פר. ניטשע, האָט דאָס פּובליקום שטורמיש אַפּלאָדירט, עס איז געוועזן אַן אמת'ע אָוואַציאָן. דאָס איז געוועזן אייער אָוואַציאָן, אייער טריאומף, אייער פערדינסט, ווייל איך האָב ניט ענטוויקעלט מיינע אידעען, נור האָב געזעהן צו איבערגעבען אייערע טריי אין אַ קלאָרען, לאָגישען צוזאַמענהאַנג, אַזוי אַז אַ נאָרדיש פּובליקום זאָל דאָס פערשטעהן.

איך האָב זיך אָבגעשטעלט אין מיינע פּאָרטראַגען אויף די בע־

ציהונגען צווישען אייך און די צייטגענאָסען, געפּרואווט אריינ־פיהרען מיינע צוהערער אין דעם לאַבאָראַטאָריום פון אייער גע־דאנק; איך האָב געמאָלען אַ פּסיכאָלאָגישען פּאָרטרעט פון ני־טשע דעם אוטאָר, בעשטימט אונזערע מיינונגס־פערשידענהיי־טען און אַנגעוויזען, אין וואָס מיר שטימען איבערן. אָהן אי־בערטרייבונג קען איך זאָגען: אייער נאָמען איז איצט זעהר פּאָ־פּולער אין אלע קרייזען פון קאָפּענהאגען'ער אינטעליגענץ און איז זיכער בעקאנט אין גאנץ סקאנדינאוויען. איהר האָט מיר ניט וואס צו זיין דאנקבאַר. ס'איז געווען פאר מיר אַ פערגעניגען אריינצודרינגען אין דער וועלט פון אייערע געדאנקען, מיינע לעק־ציען זיינען ניט ווערט געדרוקט צו ווערען; איך האַלט ניט פיינע פּסיכאָלאָגיע פאר מיין ספּעציאַליטעט און וואַלט ניט געוואָלט דרוקען עפּעס וועגען אַ ענין, אין וועלכען איך בין ניט גענוג קאָמ־פּעטענט.

מיך פרעהט זעהר, וואס איהר פיהלט זיך שטארקער אי פי־זיש, אי גייסטיג. מיר האָבען געהאט אַ לאַנגען, שטרענגען ווינ־טער, און איצט איז ענדליך געקומען דער פריהלינג. מיר פרעהען זיך מיט די ערשטע גרינע בלעטלעך, געהאט אַן אויסשטעלונג פון סקאנדינאווישע קינסטלער אין קאָפּענהאגען. אין ניכען וועלען אלע בעדייטענדע פראַנצויזישע מאָלער און סקולפּטאָרען אויס־שטעלען זייערע ווערק, דאָך וואָלט איך געוואָלט אוועקפאָהרען ערגעץ, אבער איך מוז בלייבען.

אָבער דאָס איז ניט אינטערעסאנט.

איך האָב פערגעסען עפּעס וויכטיגעס אייך צו זאגען: אויב איהר זייט ניט בעקאַנט מיט די איסלאַנדישע סאגען, דארפט איהר זיך מיט זיי בעקענען און זיי אויספאָרשען. אין זיי וועט איהר געפינען אַ בעשטעטיגונג פון אייערע היפּאָטעזען און אידעען וועגען דער מאָראַל פון אַ הערשער־ראַסע.

אין אַ קליינינקייט האָט איהר, ווייזט אויס, זיך פערגרייזט. „גאטיק" האָט זיכער גאָר ניט צו טהון מיט „גוט" אָדער „גאָט". עס איז פערבונדען מיט'ן ווארט גיסען און הייסט: דער, וואס לאָזט ארוים דעם זאָמען, דער מאַן, דאָס ער־פערד.

פון דער אנדערער זייט האַלטען אונזערע היגע פילאָלאָגען

פון אייער סונגעסטיאָן, אז lonus איז פערבונדען מיט duonus.

איך האָף, אז מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט דערוויטערען איינער פון דעם אַנדערען.

אייער פערעהרער און בעוואונדערער,

ג. בראַנדעס.

---

15. ניטשע צו בראַנדעס'ן (אַ פּאָסטקאַרטע).

טורין, מאי 27, 1888.

וואס פאר א אוינען איהר האָט! איהר זייט גערעכט: דער ניטשע פון דער פאָטאָגראפישער קארטע איז נאָך ניט דער אוטאָר פון „זאראטוסטרא" — ער איז מיט אַ פּאָר יאהר יונגער פון איהם, נאָך ניט דערוואקסען צו איהם.

איך בין אייך זעהר דאנקבאר פאר אייער עטימאָלאָגיע פונ'ם ווארט גאָטיש, ס'איז גלענצענד!

א בריף פון מיר האָט איהר אודאי ערהאלטען היינט.

אייערער, נ.

---

16. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

סילס-מאריא, סעפּטעמבער 13, 1888.

מיין ליעבער הערר:

איך שרייב אייך ווידער מיט פערגעניגען, בענוצענדיג זיך מיט דער געלעגענהייט, וואס מיין נור וואס ערשינענעם ביכעל גיט מיר צו דערמאָנען אייך אָן מיר. עס איז א בעז, שטיפעריש ביכעל, וואס איז געשריבען מיט א זעהר גוטער כונה — א פּראָדוקט פון די גוטע טורינער טעג, ווייל איך מוז אייך זאָגען, אז זייט דאמאלס האָב איך געהאט שלעכטע טעג איבער גענוג; איך האָב אזוי פיעל פערלארען אין געזונדהייט, מוט און „ווילען צום לעבען", רעדענדיג מיט שאָפּענהויער'ס לשון, אז דאָס קליינע פּריוויליגעס-אידיל איז געווארען אינגאנצען אונגליקליך. צום גליק, איז מיר געבליבען א זכר פון יענער צייט: „דער פאל וואג-

נער. א מוזיקער׳ס פראבלעם״. בעזע צונגען װעלען זאגען: ניט פאל, נור געפאלענקייט פון װאגנער.

װיפיל איהר זאָלט זיך ניט האלטען פון דערװייטענס פון מוזיק (דער צודרינגליכסטער פון אלע מוזען) און װי גערעכט איהר זאָלט ניט זיין, מוזט איהר דאָך ארײנקוקען אין דעם דאָזיגען מענ־שענדאָקומענט — די קאָמפעסיאָן פון א מוזיקער. איהר, מיין טייערער הערר קאָסמאָפאָליט, זייט צו אייראָפעאיש אין אייער װעלט אנשויאונג, איהר זאָלט ניט דערהערען אינ׳ם ביכעל הונ־דערט מאָל מעהר פון מיינע אזוי־גערופענע קאָמפאטריאָטען, די „מוזיקאלישע״ דייטשען.

נאָך אלעמען, בין איך, װאָס אנבעלאנגט דער דאָזיגער פראַ־גע, א אייגענער מענש, א קענער פון זאכען און, צום גליק, גענוג מוזיקער לויט׳ן אינסטינקט, כ׳זאָל פערשטעהן אז צו דער דאָזיגער קארדינאלסטער פראגע פון װערט און װערטען קען מען צוגעהן נור װי א מוזיקער און לעזען זי מיט דער הילף פון מוזיק.

פאקטיש איז דער דאָזיגער פאמפלעט געשריבען כמעט אין פראנצויזיש: איך גלויב, אז איהם איז לייכטער צו איבערזע־צען אין פראנצויזיש, װי אין דייטש.

קענט איהר מיר געבען נאָך א פּאָר אדרעסען פון מענשען אין רוסלאנד און פראנקרייך, װאָס װאָלטען זיך פעראינטערעסירט מיט׳ן פאמפלעט?

אין א מאָנאט־צװיי װעל איך פארטיג װערען מיט עפּעס פי־לאָזאָפישען, געבענדיג די זאך א גאנץ אונשולדיגען נאָמען „די פרייע שטונדען פון א פּסיכאָלאָג״, זאָג איך דאָרט אנגענעהמע און גאנץ אונאנגענעהמע זאכען דער װעלט אין אלגעמיינעם — ארײנ־גערעכענט די דייטשען, דער דאָזיגער העכסט־אינטעליגענטער נאַ־ציאָן.

דאָס אלץ איז נור א צייטפערטרייב, אבער ניט די װיכטיגסטע ארבייט מיינע; װיכטיג איז „די איבערשעצונגען פון אלע װער־טען״. אייראפּא װעט דארפען ענטדעקען א ניי סיבירען, װאו־הין זי זאָל פערשיקען דעם אוטאָר פון די דאָזיגע עקספּערימענטען מיט װערטען.

איך האָף, אז װען איהר װעט ערהאלטען דאָס פרעהליכע

בריוועל, וועט איהר זיין, ווי שטענדיג, געשטימט מוטיג און ענט־
שלאָסען.

אייערער, דר. ניטשע.

אדרעסירט אייערע בריף ביז'ן מיט נאָוועמבער קיין טורין.

---

17. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, אָקטאָבער 6, 1888.

מיין טייערער הערר:

איך האָב ערהאַלטען אייער בריף און די טייערע מתנה, ווען איך בין געווען פערוואָרפען מיט ארבייט; דעריבער האָב איך אייך ניט באַלד געענטפערט. ווי נור איך האָב דערזעהן אייער האַנדשריפט, איז מיר געוואָרען גוט אויפ'ן הארצען.

עס איז טרויריג, וואס אייער זומער האָט זיך אייך ניט איינ־געגעבען. איך האָב געגלויבט, אז איהר זייט שוין אינגאַנצען אי־בערגעקומען אייערע פיזישע ליידען.

איך האָב געלעזען אייער פּאַמפלעט מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאַמקייט; ער איז מיר שטאַרק געפעלען. איך בין ניט אַזוי אונמוזיקאַליש, אז איך זאָל ניט פערשטעהן דעם תוך פון דער זאַך. איך בין נור ניט קענער, עקספּערט. מיט עטליכע טעג צוריק איידער איך האָב ערהאַלטען אייער ביכעל, האָב איך גע־הערט „קאַרמען". ס'אַראַ וואונדערבאַרע מוזיק! דאָך מוז איך זיך מודה זיין, זייענדיג אין געפאַהר ארויסצורופען אייער צאָרן, אז וואַגנער'ס „טריסטאַ און איזאָלדע" האָט געמאַכט אויף מיר א שטאַרקען איינדרוק. זייענדיג אַמאָל זעהר שלעכט געשטימט, בין איך געגאַנגען אין טעאַטער; געשפּילט האָט מען „טריסטאַן און איזאָלדע". איך האָב דורכגעפיהלט יעדען מאָטיוו און קלאַנג. מעגליך, אז די אָפּערא האָט אויף מיר דאַמאַלס געמאַכט אַזא טי־פען איינדרוק דערפאַר, וואָס איך בין דאַמאַלס געווען זעהר קראַנק.

קענט איהר ביזע'ס אלמנה? שיקט איהר דעם פּאַמפלעט; איהר וועט ער געפעלען. זי איז א בעצויבערנענדע, ליבענסוויר־דיגע דאַמע, מיט אַ נערוועזען טיק, וואָס פּאַסט איהר אָבער. א פייעריגער, אָריגינעלער און אויפריכטיגער טעמפּעראַמענט. זי

האָט ווידער אמאָל חתונה געהאט (איינעם א שטרויס, א פּאַריזער אדוואָקאט און א פּאַרטרעפּליכען מענש), איך רעכען, אז זי לעזט דייטש. איך קען קריגען איהר אדרעס, אויב איהר זייט ניט אין כעס אויף איהר, וואָס זי איז ניט געבליבען טריי איהר גאָט — עהנליכעס איז געשעהן דאָך שוין מיט דער יונגפרוי מארי, מאָצארט'ס אלמנה.

ביזע'ס קינד איז בעצויבערענד און וואונדערבאר שעהן. איך הויב שוין אָן בערעדען מענשען.

אן עקזאמפּלאר פון אייער בוך האָב איך גענעבען דעם גרעסטען פון אלע שוועדישע שרייבער, אוגוסט סטרינדבערג, וועלכען איך האָב אינגאנצען אריבערגעצויגען אויף אייער זייט. ער איז ווירקליך געניאל, נור אביסעל פעריקט, ווי מייסטע געניאלע (און ניט געניאלע) מענשען. דעם אנדערען עקזאמפּלאר וועל איך אויך פערטהון.

אין פּאַריז האָב איך איצט ווענינ בעקאנטע, אָבער יעדענפאלס קענט איהר שיקען אן עקזאמפּלאר פון אייער פּאמפלעט דער פירשטין אנא דמיטריעוונא טענישעוו (קיי איגליי, 20, פעטערבורג). די דאמע איז מיינע א פריינדין, זי האָט פערבינדונגען מיט די פּעטערבורגער מוזיקאלישע קרייזען און וועט זיי בעקענען מיט אייך. איך האָב איהר פריהער געראָטען פערשאפען זיך אייערע ווערק, אבער זיי זיינען אלע פערבאָטען אין רוסלאנד — אפילו „דאָס מענשליכע אלצומענשליכע".

עס וואָלט אָבער ניט שאָדען, אז איהר וועט שיקען אן עקזאמפּלאר דעם פירשט אוראָסאָוו (וועלכער ווערט דערמאָנט אין טורגענעוו'ס בריף). ער איז שטארק פערעינטערעסירט אין אלעם דייטשען, איז א זעהר טאלענטפולער מענש, אן אינטעלעקטואליסטישער פיינשמעקער. איך געדענק איצט ניט זיין אדרעס, אָבער איך וועל איהם אויסגעפינען.

מיך פרעהט, וואס ניט קוקענדיג אויף אלע פיזישע ליידען, ארבייט, איהר אינטענסיוו און ענערגיש. איך ערווארט די אלע זאכען, וועלכע איהר האָט מיר צוגעזאָגט.

איך וואָלט זעהר געוואלט איהר זאָלט מיך לעזען אין אָריגינאל, אָבער צום בעדויערען פערשטעהט איהר ניט דעניש. איך

האָב פיעל געשריבען היינטיגען זומער: עס ערשיינען באַלד צוויי גרויסע ארבייטען מיינע „איינדרוקען פון פוילען" און „איינדרוקען פון רוסלאַנד" (24 און 28 דרוק בויגען) און דערצו האָב איך איבערגעאַרבייט איינע פון מיינע עלטסטע זאכען, „עסטעטישע עטודען", וועלכע ערשיינט אין א נייער אויפלאגע. אַלעס קאָריגיר איך אליין. אין א וואָך־צוויי וועל איך האָבען פערענדיגט די ארבייט. האָב איך אַנדערע ארבייטען: וועל האַלטען פאָרטראַגען, אָנשרייבען עפּעס אין פראַנצויזיש און שפּעטער אין טיפען ווינטער פאָהרען קיין רוסלאַנד, כדי אביסעל אויפצולעבען דאָרט. אזוי רעכען איך צו פערברענגען מיין ווינטער. מיין רוסישער ווינטער זאָל זיך נאָר ניט אויסלאָזען אזוי שלעכט, ווי נאַפּאָלעאָן'ס.

איך האָף, אז איהר וועט אויך אין צוקונפט ניט פערגעסען אָן מיר.

אייערער, ג. בראַנדעס.

---

18. ניטשע צו בראַנדעס'ן.

טורין, אָקטאָבער 20, 1888.

מיין ליעבער הערר:

ווידער אמאָל איז מיר אייער בריף געווען, ווי א ליעבער ווינד פון נאָרד: איהר זייט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געזאָגט א גוט ווארט — און גלאט א ווארט וועגען מיין וואגנער פּאַמפלעט. קיינער שרייבט מיר ניט. איך האָב מיט מיין פּאַמפלעט טיף בעליידיגט אפילו מיינע נאָהענטסטע און טייערסטע, צווישען זיי מיין אַלטען פריינד באַראָן זיידליץ פון מונכען, וועלכער איז צום אונגליק דער פּאָרזיצענדער פון דער מונכענער וואגנער געזעלשאַפט; בעליידיגט האָט זיך אויך מיין נאָך עלטערער יוגענד פריינד יוסטיצראַט קסוג פון קעלן, דער פּאָרזיצענדער פון דער לאָקאַלער וואגנער געזעלשאַפט; מיין שוואָגער, דר. בערנהארד פערסטער, וואָס לעבט אין זיד־אמעריקא, דער בעריהמטער אנטיסעמיטישער שרייבער, איינער פון די איבערגעבענסטע מיטארבייטער פון דעם אָרגאַן פון די וואגנער־אָנהענגער, „ביירעטער

בלעטער" — און אויך מיין געעהרטער פריינד מאלווידא פאָן מייזענבורג, די פערפאַסערין פון „מעמוארען פון א אידעאַליס־טין", וועלכע האלט אין איין פערבייטען וואגנער'ן מיט מיקעל אנדשעלאָ....

פון דער אנדערער זייט האָט מען מיר געגעבען א וואונק, אז איך זאָל זיך היטען פון די ווייבערישע אַנהענגער פון וואגנער'ן. מען זאָגט, אז זיי זיינען פעהיג אויף אַלעס. אפשר וועט זיך ביי־רעט פערטיידיגען אזוי, ווי עס פאַסט פאר'ן קעניגליכען הויף, פשוט פערבאָטענדיג מיינע שריפטען, אלס „געפאהר פאר דער געזעל־שאפטליכער מאָראַל", ווייל דער קייזער אַליין איז אויך א צד. מיין אפאָריזם, „מיר אַלע זיינען בעקאנט מיט דער אונעסטעטישער קאָנ־צעפּציאָן פון דעם קריסטליכען יונקער", קען נאָך פערטייטשט ווע־רען אלס מאַיעסטעטס בעליידיגונג.

דאָס, וואס איהר דערמאָנט מיר ביזע'ס אלמנה, האָט מיך דערפרעהט; ביטע טיילט מיר מיט איהר אדרעס — און פירשט אורוסאָוו'ס אויך. כ'האָב געשיקט אַן עקזאמפּלאר אייער פריינד, דער פירשטין טעניששעוו. דאָס נייע בוך מיינס, וואס וועט אודאי ערשיינען גאנץ גיך (איצט הייסט עס: די געטערדעמערונג אדער ווי צו פילאָסאָפירען מיט'ן האמער), וואלט איך זעהר געוואָלט שיקען דעם שוועדישען שרייבער, וועלכען איהר ליובט אזוי שטארק, אָבער איך וויים נישט, וואו ער איז, דאָס דאָזיגע בוך גיט דעם תמצית פון מיין פילאָזאָפיע — ראדיקאַל ביז צו משוגעת.

וועגען דער ווירקונג פון „טריסטאן" וואלט איך געקענט דער־צעהלען וואונדערבארע געשיכטען. מען דארף איינגעהמען א גו־טע דאָזע מעלאנכאָליע, כדי צו האָבען הנאה פון די וואגנער־שפּיי־זען. דער רייכסגעריכטסראט דר. ווינער פון לייפּציג, האָט מיר ער־קלערט, אז א קארלסבאַד־קור איז אויך א גוטע זאַך.

אה, ווי פלייסיג איהר זייט! אזא טפש, ניט פערשטעהן דעניש! איך בין גרייט אייך צו גלויבען, אז אין רוסלאנד קען מען בעסער „אויפלעבען", ווי ערגעץ אנדערשוואו. יעדעס רו־סישע בוך, מעהר פון אַלץ דאָסטאָיעווסקי'ס (אין א פראנצויזישער

איבערזעצונג, אום גאָטעס ווילען, נור ניט אין א דייטשער) איז מיין גרעסטע טרייסט און אַן אמת'ע קוואַל פון ערלייכטערונג.
מיט הארציגען גרוס און פערשטענדליכער דאנקבארקייט,
אייער, ניטשע.

---

19. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאגען, נאָוועמבער 16, 1888.

מיין ליעבער הערר:

איך האָב אייך אַלץ ניט געשריבען, ווארטענדיג אויפ'ן פּאַריזער אַדרעס פון מאדאם ביזע. כ'האָב איהם נאָך אַלץ ניט ערהאַלטען. איך גיב אייך פירשט אורוסאָוו'ס אדרעס (פּעטערבורג, סערגעיעווסקאיא 79).

מיינע דריי ביכער זיינען איצט ערשינען. איך האָב אָנגעהויבען צו האַלטען מיינע פארטראגען.

עס איז אינטערעסאנט, אז אייניגעס פון דעם, וואס איהר שרייבט וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן אין אייער לעצטען בריף און אין אייער בוך, פאַלט צוזאמען מיט דעם איינדרוק, וואס איך האָב פון איהם. איך האָב אויך דערמאָנט אייער נאָמען אין מיין ווערק וועגען רוסלאנד, רעדענדיג וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן. ער איז א גרויסער דיכטער, אבער אן עקעלהאפטע בעשעפעניש, עמאָציאָנעל קריסטליך און אין דערזעלבער צייט סאדיסטיש. זיין גאנצע מאָראַל איז דאָס, וואס איהר רופט אָן שקלאַפענמאָראַל.

דער פעריקטער שוועדישער שרייבער, וועגען וועלכען איך האָב אייך געשריבען, איז אוגוסט סטרינדבערג. ער איז דאָ; זיין אַדרעס איז: האָלטע, נעבען קאָפּענהאגען. ער האָט אייך גאַנץ בעזונדערס ליעב, ווייל איהר האָט פיינד פרויען, ווי ער. דעריבער האַלט ער אייך פאַר א „מאָדערנעם" (די איראָניע פון שיקזאַל!)

לעזענדיג אין די צייטונגען וועגען מיינע לעקציען איבער אייך, האָט ער געזאָגט: א אינטערעסאנטע זאַך! פיעלעס פון דעם, וואָס דער ניטשע זאָגט, וואָלט איך געקענט אָנשרייבען. זיין דראַמא „פאָטער" איז ערשינען אין פראנצויזיש מיט זאָלאַ'ס אן הקדמה.
הויב איך אָן צו טראַכטען וועגען דייטשלאַנד, פיהל איך זיך

זעהר שלעכט. וואס טהוט זיך דאָרט! ווי טרויריג, אז דאָס גאַנ־צע לעבען וועט אונז, ווייזט אויס, ניט אויסקומען צו זיין דער־ביי, ווי עפּעס גוט — די קלענסטע גוטע זאך! — זאָל געשעהן דאָרט.

איך בעדויער, וואס אזא געלערנטער פילאָלאָג, ווי איהר, פערשטעהט ניט דעניש. איך טהו אלעס מעגליכע ניט צו דערלאָ־זען, אז מיינע ווערק וועגען רוסלאנד און פּוילען זאלען איבערזעצט ווערען אין רוסיש. איך האָב מורא, אז אין ענטגעגענגעזעצטען פאל וועט מען מיך ניט אריינלאָזען אין רוסלאנד אדער ניט לאָזען רעדען.

איך רעכען, אז דער בריף וועט אייך נאָך אָנטרעפען אין טור־רין אדער וועט אייך איבערגעשיקט ווערען. פערבלייב איך
אייערער, ג. בראנדעס.

---

20. ניטשע צו בראנדעס'ן.

טורין, קארלאָ, אלבערטאָ וועג, 6, 3.
נאָוועמבער 20, 1888.

מיין ליעבער הערר:

פערצייהט מיר, וואס איך ענטפער אייך באלד. אונגעוועהנלי־כע זאכען קומען איצט פאר אין מיין לעבען, זאכען, וואס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט. געוועזן איז דאָס אייער־נעכטען, היינט ווידער דאָסזעלבע. אָה, ווען איהר זאָלט וויסען, וואס איך האָב געהאט אָנגעשריבען גראד, ווען אייער בריף איז אָנגעקומען.

מיט א ציניזמקייט, וואס וועט בעריהמט ווערען אין די אַנאַ־לען פון מענשליכער געשיכטע, האָב איך בעשריבען זיך. דאָס בוך הייסט: Ecce Homo איז אן אונ'רחמנות'דיגער פּאַמפלעט אויף דעם געקרייציגטען, וואָס ענדיגט זיך מיט דונערען און בליצען געגען אלעם, וואס איז קריסטליך אדער אָנגעשטעקט מיט קריסטליכען, אזוי אז איהר ווערט פערבלענדט און בעטויבט. איך בין פאקטיש דער ערשטער פּסיכאָלאָג פון קריסטענטום. איך, דער אלטער ארטילעריסט, בענוץ זיך מיט אזעלכע שווערע קאַנאָנען, פון וועלכע קיין געגנער פון קריסטענטום האָט ביז איצט ניט גע־

האָט קיין אַהנונג. דאָס גאַנצע איז אַ הקדמה צו דער „איבערשאַ־צונג פון אַלע ווערטען”, וועלכע איך האָב שוין פאַרטיג אין קאָפּ. איך שווער אייך, אַז אין צוויי יאָהר אַרום וועט די גאַנצע וועלט אויפציטערען קאָנוואולסיוו פון דער גרויסער איבערקערעניש, ווייל איך בין דאָס פאַטום.

טרעפט, ווער האָט געכאַפּט מעהר פון אַלעמען אין Ecce Homo די הערבען דייטשען! איך האָב זיי געזאָגט שרעק־ליכע זאַכען. די דייטשען האָבען אויף זייער געוויסען אַ גרויס פערברעכען: ז י י האָבען צונישט געמאַכט די גרעסטע עפּאָכע אין דער מענשליכער געשיכטע, דעם רענאַסאַנס, און אין אַזאַ מאָ־מענט, ווען די קריסטליכע ווערטען, די דעקאַדאַנט-ווערטען זיינען אָבגעשוואַכט און איבערוואונדען געוואָרען פון די ענטגעגענגעזעצ־טע אינסטינקטען, די אינסטינקטען פון לעבען אינ'ם בעוואוסט־זיין פון דער גייסטליכקייט אַליין, פון איהרע העכסטע פערטרע־טער, יעדענפאַלס. אַנפאַלען דאַמאַלס אויף דער קירכע האָט גע־הייסען רעסטאַווירען דאָס קריסטענטום; דאָס האָט געטהון די דייטשע רעפאָרמאַציאָן (צעזאַר באָרדשיאַ אַלס פּאַפּסט — דאָס וואָלט געווען דער אמת'ער סימוואָל פון רענעסאַנס, דער היסטאָ־רישער זין איהרער).

איהר דאַרפט ניט זיין אין כעס אויף מיר, וואָס איך דער־מאָן אייך פלוצלונג אין אַ וויכטיגען אָרט אינ'ם בוך (איך האָב עס נור וואָס אויפגעשריבען), וואו איך רעד פון די בעציהונגען פון מיינע דייטשע פריינד צו מיר, וואָס האָבען פעראַטען מיך און מיין פילאָזאָפיע. פלוצלונג זייט איהר ערשינען, אַרומגערינגעלט מיט אַ הייליגען שיין.

איך בין איינפערשטאַנדען מיט דעם, וואָס איהר זאָגט וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן: איך האָב צו איהם, פון דער אַנדערער זייט, גרוי־סע אַכטונג, אַלס דעם בעדייטענדסטען פּסיכאָלאָג פון דער וועלט. איך בין איהם אונענדליך דאַנקבאַר, ווי ענטגעגענגעזעצט ער זאָל ניט זיין צו מיינע טיפסטע אינסטינקטען. אַזאַ בעציהונג האָב איך אויך צו פּאַסקאַל'ן, וועלכען איך האָב כמעט ליעב, ווייל ער האָט מיך געלערענט אַזוי פיעל, אונענדליך פיעל. ער איז דער איינצי־גער אמת-לאָגישער קריסט!

אייערנעכטען האָב איך געלעזען מיט פערגעניגען, פיהלענדיג זיך אבסאָלוט אין דער היים, „די פערהייראַטעטע” פון הערר אוגוסט סטרינדבערג. איך בעוואונדער איהם אויפריכטיג; איך וואָלט איהם נאָך מעהר בעוואונדערט, ווען איך זאָל ניט האָבען דאָס געפיהל, אז אין איהם בעוואונדער איך אביסעל זיך אליין.
איך וואוין נאָך אלץ אין טורין.

אייערער
ניטשע, וועלכער איז איצט א מאָנסטער.

וואוהין זאָל איך אייך שיקען „די געטערדעמרונג”? אויב איהר וועט בלייבען אין קאָפּענהאַגען נאָך צוויי וואָכען, איז איבריג אריינצושיקען אייער נייעם אדרעס.

---

21. בראַנדעס צו ניטשע'ן.

קאָפּענהאַגען, נאָוועמבער 23, 1888.

מיין געעהרטער הערר:

אייער בריף האָב איך בעקומען אינמיטען פון פיבערשער ארבייט; איך האלט פאָרטראַגען וועגען געטע'ן, ווידערהאָל יעדען פאָרטראַג צוויי מאָל, און דאָך וואַרטען הונדערטער מענשען דריי פערטעל שעה אין סקוועך, ביז זיי וועלען קענען אריינגעהן אין אוניווערסיטעט און דאָרט דאַרפען אויסשטעהן א גאַנצע שעה. עס איז זעהר אמוזאַנט צו רעדען וועגען דעם גרעסטען פון אלע גרויסע פאַר אזוי פיעל מענשען. — אין קאָפּענהאַגען וועל איך מוזען בלייבען ביז'ן סוף יאָהר.

פון רוסלאַנד שרייבט מען מיר אן אונאַנגענעהמע זאַך: דאָס דאָרטיגע העכסטע געריכט האָט בעשלאָסען, אז איינס פון מיינע שוין לאַנג ערשינענע ביכער, וואָס איז ניט לאַנג איבערזעצט געוואָרען אין רוסיש, זאָל עפענטליך פערברענט ווערען אלס „אונרעליגיעזע שריפט.”

איך האָב שוין פריהער מורא געהאַט, אז מען וועט מיך ניט אריינלאָזען אין רוסלאַנד צוליעב מיינע לעצטע צוויי ווערק וועגען פוילען און רוסלאַנד. איצט מוז איך אויסנוצען אלע מיינע איינפלוסרייכע פערבינדונגען צו בעקומען אן ערלויבניש צו האַל-

טען פאָרטראגען אין רוסלאנד היינטיגען ווינטער. נאָך א צרה איז, וואָס אלע כמעט בריף צו מיר, ווי אויך מיינע בריף צו פערשידענע פערזאָנען אין רוסלאנד ווערען קאָנפיסקירט. זייט דער קאטאסטראָפע אין באָרקי זיינען די רעגירונגס־בעאמטע אין רוסלאנד זעהר דערשראָקען און פאָרזיכטיג; אזוי איז געוועזען אויך בשעת די פריהערדיגע בעריהמטע אטענטאטען אויפ'ן רוסישען קיסר.

מיך פרעהט זעהר, וואָס איהר האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. איך פראָפאגאנדיר אייך מיט אלע מיינע קרעפטען. ערשט די וואָך האָב איך געזאָגט איבסען'ען ער זאָל אייך לעזען: איהר האָט עפעס געמיינזאמעס מיט איהם, עפעס א פערוואנדשאפט, אמת ניט קיין נאָהענטע. גרוים און שטארק איז דער דאָזיגער אייגענארטיגער מענש און גאָר ניט־ליבליך, אָבער איהם ווילט זיך אייך ליעב האָבען. סטרינדבערג וועט הנאה האָבען פון אייער אָבשאצונג פון זיין דראמא. איך בין ניט בעקאנט מיט דער פראנצויזישער איבערזעצונג, וועלכע איהר דערמאָנט, אָבער דאָ זאָגט מען, אז די בעסטע ערטער פון דער דראמא זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג, בעזונדערס די וויציגע פאָלעמיק מיט איבסען'ען. לעזט זיין דראמא: „דער פאָטער". דאָרט איז פאָרהאַן א גרויסע סצענע. איך בין זיכער, אז ער וועט מיט פערגניגען שיקען אייך דאָס ביכעל, אבער איך זעה איהם זעהר זעלטען. ער איז זעהר רעזערווירט צוליב א זעהר אונגליקליכער היירא͏ט. שטעלט זיך פאָר, ער האָט אַן אינטעלעקטועלען עקעל צו דער ווייב און קען ניט אָברייסען זיך פון איהר פיזיש. ער איז א כּאַנאַגאמישער פרויענפיינד!

מיך וואונדערט, וואָס איהר זייט נאָך אזוי פאָלעמיש געשטימט. אמאָל בין איך געוועזען א ליידענשאפטליכער פאָלעמיסט; איצט קען איך נור ענטוויקלען מיינע אידעען, אָבער ניט אויסטענה'ען, זיך מיט מיינע געגנער. אנשטאט צו פערטיידיגען זיך, שווייג איך בעסער. מיר ליגט אזוי ווענינ אין זין אָנצופאלען אויפ'ן קריסטענטום, ווי צו שרייבען א פאמפלעט געגען ווערוועלף, ד. ה. געגען דעם גלויבען אין ווערוועלף.

איך זעה, אז מיר פערשטעהען איינער דעם אנדערען. איך

האָב איך ליעב פ א ס ק א ל׳ן, אָבער נאָך זייענדיג א יונגער מענש, בין איך געווען ניט אויף זיין זייט, נור אויף דער זייט פון זיינע שונאים — די יעזואיטען. זיי, די וועלטליך־קלוגע, זיינען, פערשטעהט זיך, געווען גערעכט; ער האָט זיי ניט פערשטאַנען, אָדער זיי האָבען איהם יאָ פערשטאַנען. איז דאָס ניט א קלוגער, חצופה׳שער איינפאַל פון זייער זייט ארויסצוגעבען זיינע Provinciales וואס זיינען געווענדט, געגען זיי, מיט זייערע אייגענע בעמערקונגען? די בעסטע אויסגאבע פון דעם דאָזיגען אנטי־יעזואיטישען ווערק איז די יעזואיטישע.

און נעהמט איהר לוטער׳ן און דעם פאפסט — האָט איהר ווידער אמאָל דיזעלבע קאָליזיאָן. וויקטאָר הוגאָ האָט אין דער הקדמה צו „די הערבסט בלעטער" אָנגעשריבען פאָלגענדע פיינע אפאָריזמען: „מען רופט צונויף דעם וואָרמסער קירכענקאָנווענט, אָבער מאָלען מאָלט מען די סיקסטינער קאפעלע. עס לעבט לוטער, אבער עס לעבט אויך מיקעל אנדשעלאָ. און פארבייגעהענדיג מוזען מיר בעמערקען, אז לוטער איז איינער פון די אנטיקוויטעטען, וואָס צופאַלען אויף אונזערע אויגען, אָבער מיקעל אנדשעלאָ וועט לעבען."

קוקט זיך צו צו דאָסטאָיעווסקי׳ס געזיכט: א געזיכט פון א פויער פון איין זייט, און פון א פערברעכער פון דער אַנדערער. א פלאַכע נאָז, קליינע, דורכדרינגענדע אויגען מיט ברעמען, וואס ציטערען פון נערוועזיטעט, א הויכער, גוט־געבויטער שטערען און ענדליך דאָס מויל, דאָס אויסדרוקספולע מויל, וואָס דערצעהלט פון אונענדליכע פיינען, פון אָבגרונדטיפער מעלאַנכאָליע, פון אונגעזונדע אפעטיטען, אונענדליכען רחמנות און ליידענשאפטליכער קנאה. א געניאַלער עפּילעפּטיקער מיט׳ן אויסזעהן פון א גוטען, מילדען מענשען, וועלכער ווערט אין דערזעלבער צייט אויפגעפרעסען פון אַמביציאָן, קנאה און שנאה, וועלכע נעהמען זיך פון קליינקייט פון זעעל.

דאָסטאָיעווסקי׳ס העלדען זיינען ניט נור אָרימע און נעבעכדיגע בעשעפעניש׳ען, נור אויך איינפאַכע עמפפינדליכע נאַטורען, עדלע גאַסענפרויען מיט האַלוצינאַציאָנען, ענטוזיאַסטישע מארטירער, טאַלענטפולע עפּילעפּטיקער. אזוינע מענשען, ווי דאָסטאָ־

יעווסקי מאָלט, זיינען אודאי געווען די קריסטליכע אַפּאָסטאָלען און די ערשטע אָנהענגער פון קריסטענטום.

זיכער איז שווער זיך פארצושטעלען עפּעס, וואס זאָל זיין אין שאַרפערען געגענזאַץ צו דער רענעסאַנס.

איך וואָלט זעהר געוואלט ערהאלטען שוין אייער בוך.

מיט איבערגעבענקייט

אייערער, ג. בראַנדעס.

---

22. אַ ניט־מאַרקירטער בריף, אָהן אַדרעס, דאַטום. געשריבען מיט גרויסע בוכשטאַבען אויף אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס איז ליניערט מיט בלייַשטיפט, אַזאַ ווי קינדער נוצען. פּאָסט שטעמפּעל טורין, יאַנואר 4, 1889.

צו פריינד געאָרג.

ווי נור איהר האָט מיך ענטדעקט, איז ניט שווער געווען צו דערגעהן צו מיר. איצט איז שוין שווער צו בעפרייען זיך פון מיר.

דער געקרייציגטער.

אזוי ווי הערר מאַקס נאָרדוי האָט מיט אונגלויבליכער רויהקייט געפּרואווט צונישט מאַכען די לעבענסארבייט פון ניטשע'ן אַלס דאָס ווערק פון אַ פעריקטען מענשען, מאַך איך אויפמערקזאַם, אַז זיינע בריף צו מיר בעווייזען, ווי פאַלש נאָרדוי'ס בעהויפּטונג איז: אין אמת'ען פיהלען זיך נאָר אין דעם פאַרלעצטען בריף סמנים פון שטאַרקער עקזאַלטאַציאָן און נאָר אין לעצטען גיט זיך צו פיהלען די פעריקטקייט.

ערשט ענדע 1888 האָט דער דאָזיגער קלאָרער, מייסטערהאַפטער גייסט אָנגעהויבען צו צאַפּלען. ער, וואָס איז שטענדיג געווען אזוי בעשיידען און שטאָלץ, איז געוואָרען קרענקליך — אייטעל. די לייכטע און דעליקאַט־איראָנישע בעציהונג צו זיך, וואס פיהלט זיך אָפט אין זיינע בריף צו מיר, טרעט אָב אָן אַ זייט און אַלץ עפּטער דונערט ניטשע געגען דער גלייכגילטיגקייט פון דייטשען, וואס ווילען ניט פערשטעהן די בעדייטונג פון זיינע ווערק. דאָס, וואס ניטשע'ן בעליידיגט אזוי שטאַרק די גלייכגילטיגקייט פונ'ם לעבעס, ריימט זיך ניט מיט דער פאַרשטעלונג, וואס מיר

האָבען וועגען דעם אונגעוועגליכען מענשען, וועלכער האָט ערשט ניט לאנג געבענקט נאָך אַ פּאָר גוטע לעזער.

ניטשע איז שוין ניט מעהר בעשיידען; ער האָט די עקזאלטיר־טע פאָרשטעלונגען וועגען זיך און זיין ארבייט. אין זיין פאָרלעצ־טען בוך שרייבט ער: „איך האָב געגעבען די דייטשען דאָס טיפ־סטע בוך, וואס זיי פערמאָגען", און אין לעצטען בוך שטעהט: „איך האָב געגעבען דער מענשהייט דאָס טיפסטע בוך". אין דער־זעלבער צייט האָט ער זיך געמאָלט די פאַנטאַסטישסטע פערספּעק־טיוון; מעהר נאָך, ער האָט געזעהן שוין פערווירקליכט דאָס, וואס די צוקונפט האָט איהם געדארפט ברענגען. געהמט אַ קליי־ניגקייט: ער האָט ביי מיר געבעטען אדרעסען פון מענשען אין פעטערבורג און פאריז וואָס זאָלען איהם מאכען פּאָפּולער אין פראנקרייך און רוסלאנד. איך האָב איהם געגעבען עטליכע אד־רעסען; נאָך האָבען די אדרעסאַטען ניט בעקומען אפילו די פּאר זיי בעשטימטע עקזאמפּלארען פון זיינע ווערק, ווי ער שרייבט שוין אין אַ דייטשער צייטשריפט: „אזוי בעהאנדעלט דייטשלאנד מיך, דעם מענשען, וואס ווערט שטודירט אין פעטערבורג און פאריז".

אז ניטשע האָט שוין אָנגעהויבען צו פערלירען יעדעם געפיהל פון טאקט, קען מען זעהן פון אזא פאקט: לויט מיין עצה האָט ער געשיקט דער פירשטין טענישעוו אַן עקזאמפלאר פון זיין „פאל וואגנער". פלוצלונג בעקום איך פון דער דאמע אַ בריף, זי איז זעהר פערוואונדערט, זי פערשטעהט ניט, וואָס פאר אַ מאָדנעם מענשען איך האָב איהר רעקאָמענדירט. עס האָט זיך ארויסגעווי־זען, אז אויפ'ן פאקעט איז אלעם עקספּעדירער אָנגעגעבען געווארען אַ נ ט י כ ר י ס ט.

אַ צייט נאָך דעם, ווי איך האָב ערהאלטען דעם לעצטען ריהר־ענדען, צומישטען בריף פון ניטשע'ן, האָט מען מיר געוויזען אַן אנדער בריף, וועלכען ניטשע האָט אודאי אוועקגעשיקט דעמזעל־בען טאָג, אין וועלכען ער שרייבט, אז ער קלייבט זיך צוזאַמענרו־פען אלע מאָנארכען פון דער וועלט אין רוים, כדי צו האָבען אַ גע־לעגענהייט דאָרט צו דערשיסען דעם יונגען דייטשען קייזער. דער בריף איז געווען אונטערגעשריבען: ניטשע־צעזאר; זיין לעצ־

טען בריף צו מיר שרייבט ער אונטער: דער געקרייציגטער. עס איז קלאָר, אז אין די לעצטע אַנפאַלען פון מעגאַלאָמאַניא האָט דער דאָזיגער גרויסער גייסט געוואקעלט זיך צווישען די צוויי גרעסטע פערזענליכקייטען אין דער געשיכטע, וואס שטעהען איינע צו דער אנדערער אין אזא שאַרפען געגענזאַץ.

עס איז געוועזען שרעקליך טרויעריג צוצוזעהן ווי אין עטליכע וואָכען איז פערלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק פון ניטשע׳ס בעוואוסטזיין און פון א געניאַלען מענשען, וואס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, איז געוואָרען אַן אָרעם, הילפלאָז, נעבעכדיג בעשעפעניש!

נעקראלאָג.

(אוגוסט 1900.)

עס טרעפט אָפט, אז דער טויט פון א גרויסען מענש וועקט אין געדעכטניש א האלב־פערגעסענעם נאָמען; פּלוצלונג שווי־מען ארויס געשעהענישען, אומשטענדען, ווערטער, ארבייטען, וואָס האָבען דעם מענשען געמאכט בעריהמט. ניט קוקענדיג, וואס פרידריך ניטשע האָט אין שטילען משוגעת איבערגעלעבט זיך מיט עלף און א האלב יאהר, איז איצט, שרייבענדיג וועגען איהם, ניט נויטיג דערמאָנען אָן זיין ווערק אָדער שיקזאָל, ווייל אין די יאָה־רען, וואס ער האָט געצויגען די לאַסט פון לעבען, זייענדיג פערזונ־קען אין דער נאַכט פון משוגעת, איז זיין נאָמען געוואָרען אלץ בעריהמטער און בעריהמטער און זיינע ווערק האָבען זיך דורכ־געשלאָגען א וועג איבער דער גאנצער וועלט.

מיר, די עלטערע מענשען, וואָס האָבען בעגלייט ניטש'ען, אויף זיין לעבענסוועג און האָבען צוגעזעהן, ווי ער האָט ליידענ־שאַפטליך, פערביטערט און ערפּאָלגלאָז געקעמפּפט געגען דער גלייכגילטיגקייט פון דער וועלט, קענען ניט גענוג זיך אָבוואונ־דערען, וואָס דער אונבעקאַנטער אוטאָר איז געווארען א וועלטבע־ריהמטקייט. קיינער פון אונזערע צייטגענאָסען האָט ניט געהאַט אזא מזל. אין משך פון פינף־זעקס יאהר זיינען ניטשע'ס אידעען געווארען די הערשענדע אין די ליטעראַטורען כמעט פון גאַנץ איי־ראפּא; אָפט ווערען זיי שלעכט פערשטאַנען, אָפט ניט־ווילענ־דיג פאַרגעשטעלט אין א קאַריקאַטור־פאָרם, אָבער א ווירקונג האָט ניטשע זיכער א גרויסע אויף אונזער עפּאָכע.

טראַגיש איז געוועזען ניטשע'ס לעבען און צונישט געוואָרען זיינע בעסטע האָפנונגען; ליידענשאַפטליך האָט ער געדורשט נאָך אנערקענונג, אָבער ווען ער איז אנערקענט געוואָרען פון א וועלט, האָבען צו איהם שוין ניט געקענט דערגרייכען די קלאַנגען פון דער וועלט. ס'איז בעזע איראָניע פון שיקזאָל. דאָס געגאַרטע גליק

איז געקומען, אַ קלאַפּ געטהון אין זיין טיר, אָבער דער אומגליק־ליכער מענש האָט ניט געעפענט, ער איז געווען געפאַנגען פון ווי־זיאָנען. ווער האָט געקענט גלויבען, אַז ניטשע וועט איצט האָבען אַזאַ ווירקונג אויף אונז אַלע, אַז דער זוהן פון אַ נאָרד־דייטשען ג ־סטליכען, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ פּוילישען עדעלמאַן, און האָט שטאָלצירט דער־מיט, וואָס ער טראַכט אין פראַנצויזיש, און ניט אין דייטש, וועט בעאיינפלוסען שטאַרקער זיינע צייטגענאָסען, ווי אַלע אַנדערע שריי־בער פון אַלע אַנדערע לענדער?

ניטשע האָט געהאַט זיינע שוואַכקייטען, אָבער די קליינע שוואַכקייטען פון זיין כאַראַקטער זיינען צושוואומען געוואָרען אין דער גרויסקייט פון סטיל, וועלכען ער האָט געגעבען זיין לעבען און ווערק.

כדי צו פערשטעהן ניטשע׳ס שנעלען און אונגעוועהנליכען טרי־אומף, דאַרף מען פערשטעהן די פּסיכאָלאָגיע פון זיין צייט. ער האָט בעצויבערט זיין צייט, זייענדיג אין דערזעלבער צייט פיינד־ליך צו אַלע איהרע אינסטינקטען. זיין עפּאָכע איז געווען אַן אולטראַ־דעמאָקראַטישע; געפעלען איז ער אָבער זיינע צייטגענאָ־סען מיט זיין אַריסטאָקראַטישקייט. די עפּאָכע האָט זיך געטראָ־גען אויף די לויערנדע, שטורמישע וועלען פון רעליגיעזער רעאַק־ציאָן, ער האָט געזינגט מיט דער קראַפט פון זיין שאַרף אויסגעדריק־טער אונרעליגיאָזיטעט. די צייט קעמפּפט, וויל לעזען די שווער־סטע, די אוניווערסעלסטע פראַגען; ער, דער דענקער פון זיין צייט, האָט אַלע די פראַגען געלאָזט אָן אַ זייט, ניט אינטערעסירט זיך מיט זיי, בעטראַכט אַלס אונבעדייטענד. ער איז געווען דער פיינד פון דער הומאַניטאַרישער שטרעמונג פון דער צייט און פון איהר דאָקטרין פון גליק. ער איז אָנגעפאַלען אויף די פּעסימיס־טישע אידעען און האָט פעראַכטעט יעדען זעלבסטצופרידענעם אָפּ־טימיזם. ער האָט געהאַט אַ משונה׳דיג פערגניגען בעווייזענדיג, וויפיעל נידריגס און געמיינס קען זיך בעהאַלטען אין רחמנות, ליעבע צום נאָהענטען און דער כלומר׳שט אַלטרואיסטישקייט. ער האָט בעקעמפּפט די מאָראַל פון די דענקער פונ׳ם אַכצעהנטען יאָהר הונדערט מיט דערזעלבער קראַפט, מיט וועלכער זיי זיינען

אָנגעפאַלען אויף די דאָגמען פון די טעאָלאָגען. אַזוי ווי ער איז געוואָרען אַן אַטעאיסט פון צופיעל רעליגיאָזיטעט, אַזוי האָט ער אויך געלייקענט אין מאָראַל, זייענדיג טיף־מאָראַליש. די וואָל־טעריאַנער פון זיין צייט האָבען איהם ניט געקענט האַלטען פאַר זייערען א מענש, ווייל ער איז געווען א מיסטיקער; און די אַנאַר־כיסטען האָבען איהם געשטויסען פון זיך אַלס ענטוזיאַסטישען אָנ־הענגער פון די הערשענדע קלאַסען.

און דאָך איז ניטשע אויף א בעהאַלטענעם אופן געווען פער־בונדען מיט אַלעם, וואָס געהערט אין אונזער צייט. אַניט וואָלט די וועלט ניט אָדאָפּטירט ניטשע'ן, ווי זי האָט עס געטהון, און אויפגעהויבען שטאַרק האָט זי ניט נור איהם אַליין, נור יעדען איי־נעם, וואָס האָט געהאַט צו טהון מיט ניטשע'ן אָדער איז געווען אונטער זיין ווירקונג.

נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ניטשע מעהר פון אַלעמען בעוואונ־דערט אין שאָפּענהויער'ן און ריכאַרד וואַגנער'ן „די אונגעצוימטע ענערגיע", מיט וועלכער זיי האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען דער גאַנצער קולטור וועלט, וואָס האָט זיי ניט געוואָלט קענען; זיי האָבען געהאַט א מעכטיגען גלויבען אין זיך, אַזאַ גלויבען אין זיך האָט אויך ניטשע. דאָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער וועלט.

דאָס אַרטיסטישע אין ניטשע'ן האָט צוגעצויגען צו איהם יענע נאַטורען, וועלכע האָבען ניט געקענט פערשטעהן דעם אָפּאָ־ריסטישען דענקער. דער שאַרפזיניגער מענש, דער אינטעלעקטו־אַליסט ניטשע איז אין דערזעלבער צייט געווען אַן אמת'ער לי־ריקער. אינ'ם הערבסט 1888 האָט ער געשריבען: „מען וועט אַמאָל זאָגען, אַז איך און היינע זיינען די גרעסטע מייסטער פון דער דייטשער שפּראַך." א פרעמדער קען, פערשטעהט זיך, ניט זאָגען קיין מיינונג וועגען ניטשע'ס דייטש, אָבער אַלע קענער פון דייטש זיינען איצט איינפערשטאַנען, אַז ער איז דער גרעסטער דייטשער סטיליסט פון דער צייט.

ניטשע האָט אויך אימפּאָנירט זיינע צייטגענאָסען מיט זיין פּסיכאָלאָגישער טיפקייט און קאָמפּליצירטקייט. זיין גייסטיג לע־בען האָט טיפע אָבגרונדען און פערפּלאָנטערטע לאַבירינטען. ני־

טשע איז אינטראָספּעקטיוו, און מעהר ווי אינטראָספּעקטיוו! ער קוקט אריין אין זיין אייגענער זעעל, אָבער בענוגענט זיך דערמיט נים. ער האָט א ליידענשאַפטליכען חשק צו וויסען, צו פער־שטעהן אַנדערע, אַנדערעס. הייסע, פּראוהם׳דיגע בעגעהרען צו בענעהמען, צו ארומנעהמען די וועלט גליהען אין זיין הארצען. ניטשע איז נים אַלטרואיסטיש, גיכער איז ער עגאָאיסטיש. ער האָט אן „אַלבעגערענדען עגאָאיסטישען איך, וואָס וואָלט גע־וואָלט זעהן דאָס, וואָס אַנדערע זעהען, ווי מיט זיינע אייגענע אויגען און אַרומנעהמען עס, ווי מיט זיינע אייגענע הענד; ער איז גרייט צוריקרופען אַלעס פערגאַנגענע און נים פערלירען גאָר־נים אין דער וועלט, וואָס וואָלט געקענט געהערען איהם״. רעדענ־דיג וועגען זיך אַזוי, רופט ניטשע אוים: ס׳אַרא פערצעהרענדער פייער איז מיין בעגערליכקייט!

ניטשע איז געוועזן אין דערזעלבער צייט אי ליריש, אי קרי־טיש. די דאָזיגע אונגעוועהנליכע קאָמבינאַציאָן פון לירישען און קריטישען האָט געמוזט בעצויבערען די וועלט. זי לאָזט זיך פיה־לען אין זיינע בעציהונגען צו מענשען. מיט ענטוזיאזם האָט ער בעגריסט יעדע גרויסע פּערזענליכקייט, וועלכע ער פלעג בעגעג־נען אין לעבען; ער האָט כמעט פערגעטערט שאָפּענהויער׳ן, וואַג־נער׳ן. אונרחמנות׳דיג ווערט ער, ווי נור ער ענטדעקט עפּעס שלעכטעס, פאַלשעס, בעגרענצטעס אין זיין געליבטען העלד. זיין פיינדשאַפט ווייסט דאמאלס פון קיין גרענעצען נים; ער פאַלט אָן מיט שוים אויף די ליפּען אויף דעם נעכטיגען האלב־גאָט. דאָס בעליידיגט אונז; מיר זעהען, אז ניטשע איז אומגערעכט צו די מענשען, וועלכע ער האָט אמאָל ליעב געהאט. אָבער ווער וויים, צי פערשטאַרקט נים דער דאָזיגער שטריך אין ניטשע׳ס כאַראַקטער זיין ווירקונג?

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז שוין ניטשע מעהר פּראָפעט, ווי דענקער: ער פערהערליכט דעם איבערמענש, זאָגט פּאָרוים, אז ער קומט, אבער דערביי אַרגומענטירט ער נים, נור רעדט אינ׳ם נאָמען פון זיין אינערער איבערצייגונג, א אינערען אינסטינקט. ער איז זיכער, אז זיין אינסטינקט איז אַן אויסדריק

פון א לעבענספרינציפ, און די געגנער זיינע פערטרעטען א פרינ־ציפ, וועלכער איז פיינדליך צום לעבען.

ניטשע גלויבט, אז דער זין פון לעבען איז צו שאפען דעם גע־ניאלען מענשען, דער העכערער מענש פון אונזער צייט איז ווי א געפעס, אין וועלכען עס געהרט די צוקונפט פון דער ראסע. ניט איין געפעס ווערט צופלאצט אדער צובראכען אינ'ם פראצעס, אבער די מענשליכע ראסע געהט זיך אלץ איהר וועג. דער היינטיגער מענש, וועלכען מיר קענען, איז נור א בריק, אן איבערגאנג פון חיה צו איבערמענש. דאס, וואס אפען זיינען אנטקעגען דעם מענש, דאס וועט זיין דער היינטיגער מענש אין פערגלייך מיט'ן איבער־מענש. ביז איצט האט שטענדיג יעדע ראסע געשאפען עפעס העכערעס פון זיך ; אזוי וועט זיין אויך אין דער צוקונפט. ניטשע ציהט פון דארוויניסטישע אידעען א קאנקלוזיאן, וועלכע דארווין האט ניט געוואגט צו ציהען.

אין די לעצטע יאהרען זיינען ניטשע און טאלסטאי געווען צוויי ענטגעגענגעזעצטע פאלען פון לעבען. ניטשע'ס מאראל איז אן אריסטאקראטישע, טאלסטאי'ס — א פאלקסטימליכע, יענע איז אינדיווידואליסטיש, די אנדערע איז עוואנגעליש. ניטשע וויל די סאוועריניטעט פונ'ם איינצעלנעם, טאלסטאי פראקלאמירט די נויטיגקייט פון אפפער און אויפאפפערונג.

געווירקט אין דערזעלבער צייט האבען אויך ניטשע און איב־סען. זיי האבען פיעל געמיינזאמעס.ביידע זיינען געווען קריי־גערישע נאטורען, וועלכע האבען זיך געהאלטען איינגאנצען פון דערווייטענס פון פאליטישען און פראקטישען לעבען. אינטערע־סאנט איז, אז ביידע האבען אונטערגעשטראכען זייער יחוס. איב־סען האט מיר געשריבען, אז זיינע עלטערען סיי פון פאטער'ס, סיי פון מוטער'ס צד, האבען בעלאנגט צו די געאכטעטסטע פאמיליען אין דער נארוועגישער שטאדט סקיען און זיינען געווען אין קרוב'שאפט מיט די פיינסטע פאמיליען פון ארט. סקיען איז ניט קיין וועלט־שטאדט און די אריסטאקראטיע פון דעם דאזיגען שטעדטעל איז אין דער וועלט גאנץ ווענינ בעקאנט, און דאך האט איבסען שטאל־צירט מיט זיין יחוס. איבריגענס האט איבסען געוואלט אונטער־שטרייכען, אז דאס, וואס ער שרייבט נעגען די העכערע קלאסען

פון נאַרוועגיען, נעהמט זיך ניט פון דער קנאה פון א פּלעבעיער.

ניטשע האָט שטענדיג ליעב געהאַט צו דערצעהלען זיינע בעקאַנטע, אז ער שטאַמט פון אַן אדעליגער פּוילישער פאַמיליע. אויף די רעד האָבען זיינע פריינד געקוקט, ווי אויף אַן אַריסטאָ־קראַטישען קאַפּריז. קיין גענעאַלאָגישע בעווייזען האָט ניטשע ניט געהאַט; זיין פאַמיליע האָט שוין, לויט איהר אָרטאָגראַפיע, אויס־געגעבען איהר ניט־פּוילישען כאַראַקטער. די שפּעטערדיגע פאַק־טען האָבען בעוויזען, אז ניטשע איז געווען גערעכט. זיין פאַמיליע איז ניט ניטשע, נור ניצקי. א יונגענמאַן פון פּוילישער נאַציאָ־נאַליטעט, בערנהארד שאַרליט, האָט זיך איינגעגעבען צו בעווי־זען, אז ניטשע שטאַמט פון דער ניצקי פאַמיליע. צווישען די פאַמיליען־רעליקוויען האָט זיך פערוואַלגערט א זיגעל, וועלכער איז אַלט געווען עטליכע הונדערט יאָהר און אויף דעם זיגעל איז אויסגעקריצט געוואָרען דער וואַפען פון דער פאַמיליע. ב. שאַרליט איז איבערצייגט, אז ניטשע'ס הערשערמאָראַל און זיין גאַנצער אריסטאָקראַטישער קוק אויפ'ן לעבען איז אַן אויסדרוק פונ'ם שליאַכטיטש־גייסט, וועלכען ער האָט גע'ירשנ'ט פון זיינע פּוילישע אהנען.

ניטשע און איבסען האָבען אונאָבהענגיג איינער פונ'ם אַנ־דערען ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אז דער ציעל פון דער מענש־ליכער ענטוויקלונג איז די ערציהונג פון מאָראַלישע אריסטאָקראַ־טען. דאָס איז די ליבלינגס־אידעע פון איבסען'ס ראָזענער; שטאַרק האַלט פון איהר אויך דר. שטאָקמאַן. ניטשע קוקט אויפ'ן העכערען מענשען, ווי אויף א צייטווייליגע ערשיינונג. דער אי־דעאַל איז דער איבערמענש.

ניטשע און איבסען בעגעגנען זיך אָפּט אויפ'ן געביט פון פּסי־כאָלאָגיע. איבסען פערטיידיגט אין דער „ווילדער ענטע" די ניצ־ליכקייט פון פאַלשקייט אין לעבען; ניטשע איז איינפערשטאַנדען מיט אזא קוק, ער האָט אזוי שטאַרק ליעב געהאַט דאָס לעבען, אז אפילו דעם אמת האָט ער געשעצט נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער אמת דערהאַלט און טרייבט ווייטער דאָס לעבען. פאַלשקייט איז, לויט ניטשע'ן, נור דאַמאַלס א צושטערענדע קראַפט, ווען זי בעגרענעצט און פערענדיגט די ראַהמען פון לעבען:

זי איז בערעכטיגט, ווען זי פערשטארקט דאס לעבען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואס א דענקער, וועלכער האָט אזוי פיינד געהאַט יעזואיטישקייט, ווי ניטשע, זאָל דערגעהן צו אזא שטאַנדפונקט, וואס פיהרט צו יעזואיטישקייט.

איבסען און ניטשע זיינעןביידע געווען איינזאמע מענשען, און דאָך זיינען זיי ניט געווען גלייכגילטיג צו זייער אַרבייט. דער שטאַרקסטער מענש, זאָגט דר. שטאָקמאַן, איז יענער, וואָס שטעהט אינגאַנצען איינזאם. ווער איז פון זיי ביידע געווען דער איינזאמערער מענש — איבסען אָדער ניטשע? איבסען, וואָס איז געגאַנגען אליין זיין וועג, ניט האָבענדיג קיין פערבינדעטע, ווענדענדיג זיך צו די מאַסען — אָדער ניטשע, וואָס איז אַלס דענקער געווען אזוי פעראיינזאמט און אַלס מענש נאָך מעהר, וואָס איז ניט געווען בעקאנט דעם גרויסען עולם אָדער שלעכט פערשטאַנען און האָט זיך אויסגעקוקט די אויגען זוכענדיג פריינד, הערצלדען און געזינונגס-גענאָסען?

ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראגע איז שווער מיר, א מענשען, וועלכער איז געוואָרען א דאנק א קאַפּריז פון צופאַל א פערבינדעטער פון די צוויי גרויסע מענשען. נאָך שווערער איז מיר צו זאָגען, ווער פון די ביידע האָט געהאַט א טיעפערע ווירקונג אויף זיינע צייטגענאָסען און ווער פון זיי האָט א גרעסערע צוקונפט. אבער דאָס איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז, אז ניטשע איז א גרויסע און זעלטענע פערזענליכקייט און ווי נור איהר דערקענט איהם, מוזט איהר ווערען צוגעצויגען צו איהם שטאַרק און אָבגעשטויסען ווערען אין דערזעלבער צייט. א גרויסע פערזענליכקייט איז ניטשע, וואס ווערט אין יעדען פון אונז זיין פערזענליכקייט.

ניטשע׳ס אוטאָביאָגראַפיע.

(1909)

ענדליך האָט ניטשע׳ס שוועסטער, פרוי פערסטער־ניטשע, ער־לויבט דעם פערלאַג „אינזעל״ אין לייפּציג ארויסצוגעבען ניטשע׳ס אוטאָביאָגראַפישעס ווערק, וועלכעס זי האָט ניט געקענט ענט־שליסען זיך צו דרוקען גאַנצע צוואַנציג יאָהר, רעכנענדיג אַלץ, אַז די דייטשען זיינען ניט דערוואַקסען צו פערשטעהן דאָס ווערק, ווי עס דאַרף צו זיין. עס ווייזט אויס, אַז ניטשע׳ס שוועסטער האָט מורא געהאַט, דאָס איהר ברודער׳ס שנאה צום דייטשענטום און קריסטענטום, וואָס לאָזט זיך פיהלען אין די בלעטלעך פון דער אוטאָביאָגראַפיע, וועט ארויסרופען א שרעקליכען סקאַנדאַל.

צייטען האָבען זיך געביטען. איצט איז שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר׳ן פיליסטער. ניטשע איז אנערקענט אין גאַנץ דייטשלאַנד און האָט א גרויסע ווירקונג אויף גאַנץ אייראָפּא און אמעריקא. זיין אויטאָביאָגראַפיע וועט יעדער לעזען איצט מיט אמת׳ער ריהרונג און גרויסען אינטערעס.

Ecce Homo איז אַן אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ניטשע האָט געשריבען אין די לעצטע מאָנאַטען פון זיין בעוואוסטזיניגען לע־בען כמעט אויפ׳ן שוועל פון דער קאַטאַסטראָפע, צווישען אָקטאָ־בער 15 און נאָוועמבער 4, 1888; ער דערצעהלט וועגען זיך און זיין לעבען און גיט דערביי א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון יעדען ווערק זיינעם.

אויך אין זיין לעצטען ביכעל בעוועגט זיך ניטשע אַלץ אינ׳ם קרייז פון זיינע ליבלינגס־אידעען פון דעקאַדאַנס און לעבענסבע־יאָהרונג. די דאָזיגע אַלגעמיינע קאַטעגאָריע טראָגט ער איבער אויף זיך: ער אַליין איז אי דעקאַדענטיש, אי ניט־דעקאַדענטיש. ער שעהמט זיך ניט מודה צו זיין, אַז ער איז א קראַנקער, צובראָ־כענער מענש, אַן אָפּפער פון כראָנישע ליידען און עקשנות׳דיגער קראַנקהייט, א דעקאַדאַנטישער מענש, מיט איינעם וואָרט; אָבער

פון דער אנדערער זייט האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן דער קראַנקהייט, איז אין טיפסטען אינערען געבליבען ניט־גערירט פון איהר; דער קראַנקהייטס פראָצעס האָט פערקעהרט, נאָך פער־שטאַרקט זיין קראַפט און לעבענסענערגיע, אַזוי אַז ער, ניטשע, דער געגענזאַץ, דער טיפסטער געגענזאַץ פון אַ דעקאַדענט, ד. ה. אַ מענש, וואָס שטרעבט צו דערהויבען זיך צו אַ העכערער פאָרם פון לעבען. מיט שטאָלץ דערמאָנט ניטשע ווידער און ווידער אַמאָל, אַז גראָד די יאָהרען פון שוואַכסטער וויטאַליטעט זיינען געוועזען יענע יאָהרען, אין וועלכע ער האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען יעדע מעלאַנכאָליע און ווידער געפונען זיין פרייד אין לעבען, זיין ענטוזיאַזם פאַר'ן לעבען, ווייל ער האָט אַ זיכער געפיהל, אַז אַ קראַנקער, דעגענערירטער מענש האָט ניט קיין רעכט צו זיין פעסימיסטיש.

אָנהויבען הויבט ניטשע אָן זיין Ecce Homo מיט ביאָגראַפי־שע קליינינגקייטען: ער רעדט מיט ווארעמקייט און שטאָלץ ווע־גען זיין פאָטער. דער פאָטער איז געוועזען לעהרער פון די פיער אַלטענבורגער פרינצעסינען, איידער ער איז געוואָרען גלח. אויס אַכטונג צום קיסר פרידריך ווילהעלם דעם פערטען האָט ער זיין זוהן געגעבען דעם נאָמען פרידריך ווילהעלם. אַ שטאַרקען איינ־דרוק האָבען אויף ניטשע'ס פאָטער געמאַכט די רעוואָלוציאָנערע געשעהענישען פון 1848. דער פאָטער איז אויפ'ן זעקס־און־דריי־סיגסטען יאָהר געשטאָרבען; ניטשע'ן איז דאַמאָלס געוועזען ערשט פינף יאָהר. דער ערבליכקייט פון פאָטער'ס צד שרייבט ער צו זיין פעהיגקייט זיך צו פיהלען היימיש אין אַ וועלט פון הויכע און צאַרטע זאַכען. פערשטעהט זיך, אַז ניטשע פערגעסט ניט צו דערמאָנען ביי דער, ווי ביי אַנדערע געלעגענהייטען, אַז ער איז פון פוילישער אַבשטאַמונג.

ניטשע דערצעהלט, אַז ער איז געוועזען אַן אָנציהענדע פערזענ־ליכקייט: קיינער האָט ניט געקענט פיהלען אַ שנאה צו איהם. ער האָט געצווימט יעדען בער און אפילו קלאָונס האָט ער געצוואונ־גען צו פיהרען זיך אַנשטענדיג. ווי אונהאַרמאָניש דער אינסטרו־מענט מענש זאָל ניט זיין, קען ער נאָך אַלץ אַרויסצויבערען פון איהם אַן אונאַננעהמען טאָן. זייענדיג אַ לעהרער, האָט ער גע־

האָט אַזאַ ווירקונג אויף זיינע שילער, אַז די פּוילסטע זיינען גע־וואָרען פלייסיג. אַלעס בעזע, וואָס איז איהם געטהון געוואָרען, איז ניט געקומען פון שלעכטע כונות. די גוטענקע, רחמנות'דיגע מענשען האָבען איהם פּערוואונדעט טיפער, ווי די בעזוויליגע.

ניטשע שטרייכט אונטער, אַז ער האָט זיך קיינמאָל ניט גע־לאָזט פערפיהרען פון נקמה אדער כעס. ער איז אַזוי שאַרף ארויס־געטראָטען געגען קריסטענטום טאַקי דערפאַר, וואָס ער האָט גע־האַט אַן עקעל צו יעדער שנאה: איהם האָט אויפגערעגט, וואָס די קריסטליכע מאָראַל נעהמט נקמה פון די העכערע, פון די הער־שענדע. ער איז קריגעריש, אָבער ער איז פון יענע קריגער, וואָס גיבען אָב כבוד זייער געגנער און פיהרען ניט מלחמה מיט פּערזענ־ליכקייטען. ער האָט בעקעמפפט ניט איינצעלנע, נור טיפּען; ער האָט גאָר ניט געהאַט פּערזענליך צו שטראוס'ן, שטראוס איז פאַר איהם געווען נור דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פונ'ם קול־טור פיליסטער.

ניטשע דערצעהלט פון זיין אונגעוועהנליך עמפּפינדליכען און לעבעדיגען אינסטינקט פון ריינליכקייט; פון דער ערשטער בע־געגעניש מיט אַ מענשען ענטפּלעקט זיך איהם די אומריינקייט, וואָס ליגט אין יענעמס נאַטור. די אומריינע פּיהלען זיך שלעכט אין זיין אָנוועזענהייט; דאָס, וואָס זיי זעהען, אַז עמיצער כאַפּט זיי, מאַכט זיי ניט וואוילשמעקענדיג.

טיף־פּסיכאָלאָגיש איז די בעמערקונג, וואָס ניטשע מאַכט, אַז ס'איז געפעהרליך פאַר אַ מענשען צו לעבען אין דער אַטמאָספער פון עקעל צו אַלע מענשען. אַזאַ עקעל בעזעצט זיך פּלוצלונג אין אונזער הארץ און פּערדאַרבט אונזער גאַנץ גייסטיג לעבען. נור דער, וואָס האָט אַזאַ געפיהל, ווייס, וואָס דאָס איז; איהר קענט עס ניט איבערגעבען אַנדערע מענשען. ניטשע האָט געפיהלט, אַז איהם איז שעדליך צו זיין צווישען מענשען, צו וועלכע ער האָט קיין ליעבע ניט. האָט ער זיך בעזעצט אין די בערג און האָט גע־לעבט אין דער איינזאַמקייט ניט נור אויסער דער וועלט, נור אויך איבער דער וועלט און העכער פון איהר.

ניטשע איז זיך אַליין מודה, אַז ער האָט געפיהרט מלחמה מיט קאָלעקטיווע פּערזענליכקייטען, טיפּען און סימוואָלען; ער

דערמאָנט אָבער נישט, אז זיין מיזאנטראָפּישקייט, קריגסלוסט און בעזקייט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די טיפען און קאָלעקטיווי־טעטען. א פיזישען עקעל האָט ניטשע צו זיינע פּאָלקסגענאָסען; אַלעס, וואָס ער שרייבט וועגען דייטשען, אָטעמט מיט אַן עלעמענ־טאַרער שנאה. דאָס איז אַן עהנליכע ערשיינונג, ווי בייראָן׳ס אַנ־טיפּאַטיע צו ענגלענדער, סטענדאַל׳ס — צו פראַנצויזען און היי־נע׳ס — צו דייטשלאַנד. אָבער ניטשע׳ס שנאה איז שטאַרקער פון סטענדאַל׳ס אָדער היינע׳ס; זי האָט איהר אייגענעם פּאַטאָס; אין איהר פיהלט זיך אַ ספּעציפישע, ריין ניטשע׳שע פעראַכטונג.

ניט שטענדיג האָט ניטשע פיינד געהאַט דאָס דייטשע; אין די ערשטע ווערק זיינע מערקט זיך ניט די דאָזיגע שנאה. פאַר־קעהרט, אין „דער געבורט פון טראַגעדיע" איז ער פערליבט אין דייטשלאַנד, ווי היינע אין זיין ראָמאַנטיש־טעווטאָנישען פּעריאָד. זיין גייסטיגע ענטוויקלונג האָט איהם אָבער פערטראָגען ווייט־ווייט פון אַלעם דייטשען און אין׳ם אוטאָביאָגראַפישען Ecce Homo איז שוין דאָס וואָרט „דייטש" אין ניטשע׳ס מויל געוואָרען דאָס ערג־סטע שימפּפוואָרט. ניטשע האַלט נור פון פראַנצויזישער קול־טור; יעדע אַנדערע קולטור איז אַ מיספערשטענדניש. איהם ער־גערט שרעקליך, וואָס גראַד די פראַנצויזישע דענקער, פון וועלכע ער האַלט מעהר פון אַלעמען, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט׳ן דייטשען גייסט. אַזוי איז היפּאָליט טען, לויט זיין מיינונג, פער־דאָרבען געוואָרען פון העגעל׳ס ווירקונג. דאָס איז ריכטיג, אָבער ניט אינגאַנצען. העגעל האָט טאַקי געווירקט אויף טען׳ען אַזוי, אַז ער האָט פערלאָרען עפּעס פראַנצויזישעס, וואָס ער האָט פריהער געהאַט, אָבער ניטשע וויל ניט צוגעבען, אַז דאָס, וואָס טען האָט זיך בעקענט מיט העגעל׳ן, האָט פערברייטערט זיין אינטעלעקטו־עלען האָריזאָנט. ניטשע געהט אַזוי ווייט אין זיינע פעראַלגעמיינ־ערונגען, אַז ער שעמט זיך ניט צו זאָגען: וואוהין דייטשלאַנד האָט זיך נור אריינגעמישט, האָט זי פערדאָרבען קולטור.

ניטשע ערקלערט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט בעוואוסטזיניג גע־וואָלט פערוואַנדלען דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ פון די דייטשען, אַז היינריך היינע (און ניט געטע), איז דער גרעסטער ליריקער. פער־גלייכענדיג בייראָן׳ס „מאַנפרעד" מיט געטע׳ס „פאוסט", רעדט

ניטשע מיט פעראַכטונג וועגען יענע, וואָס וואַגען צו פערגלייכען „פאַוסט" מיט'ן גרויסען ווערק פון דעם ענגלישען דיכטער. ער איז געוואָרען אזוי אונקריטיש, אז ער שטעלט מאַנפרעד'ן העכער פון „פאַוסט'ן".

ניטשע איז אין זיינע טיפסטע אינסטינקטען אזוי ווייט פון אַלעם דייטשען, אז שוין די אנוועזענהייט אַליין פון א דייטש „שאַדט זיין פערדייהונג". דער דייטשער גייסט איז ניט מעהר, ווי אונפערדייהונג, ער קען קיינמאָל ניט פאַרטיג ווערען מיט עפּעס, בענעהמען עפּעס. אויב ער איז אמאָל געווען אזוי איבערגעבען צו וואַגנער'ן, אויב ער קוקט נאָך איצט אויף זיינע אינטימע בעציהונגען צו וואַגנער'ן, ווי אויפ'ן טיפסטען געשעהניש אין זיין לעבען, ערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אין וואַגנער'ן האָט ער געאַכטעט דעם אויסלענדער, דעם פרעמדען, א געגענזאַץ צו יעדער דייטשער טוגענד. אין זיין בוך „דער פאַל וואַגנער", האָט ניטשע שוין געגעבען צו פערשטעהן, אז ר. וואַגנער, דער הייליגער פונ'ם נייעם דייטשען נאַציאָנאַליזם, איז פון אידישער אָבשטאַמונג, ווייל זיין אמת'ער פאָטער איז, ווייזט אויס, געווען דער שטיף־פאָטער גייער. „איך וואָלט ניט געקענט איבערלעבען מיין יוגענד אָהן וואַגנער'ן", זאָגט ניטשע. „איך בין געווען פעראורטיילט צו דער געזעלשאַפט פון דייטשען און האָב געמוזט נעהמען א געגענגיפט. אזא געגענגיפט איז געווען וואַגנער."

„מיר, וואָס זיינען נאָך געווען קינדער אין די פופציגער יאָהרען, שרייבט ניטשע, האָבען געמוזט ווערען פעסימיסטיש און סקעפּטיש אין אונזערע בעציהונגען צו אַלע דייטשען. מיר קענען ניט זיין עפּעס אַנדערש, ווי רעוואָלוציאָנערען. וואַגנער איז געווען א רעוואָלוציאָנער: ער איז אַנטלאָפען פון די דייטשען. יעדער מענש, אויף וויפיעל ער איז אַרטיסט, האָט ניט קיין אַנדער היימאַט, ווי פּאַריז — די שטאָדט, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, ווי אונפערשטענדליך דאָס זאָל אונז ניט פאָרקומען". וואַגנער'ן דערכענט ניטשע צו צו די לעצטע מייסטער פון פראַנצויזישער ראָמאַנטיק, ווי דעלאַקרואַ, בערליאָז, באָדלער — אָבער ער דערמאָנט ניט, ווי שלעכט וואַגנער'ס ווערק זיינען אויפגענומען געוואָרען אין זיין געליעבטען פּאַריז אין נאַפּאָלעאָן דעם צווייטענס צייטען.

בכלל קוקט ניטשע אויף אלץ פון דעם פראנצויזישען שטאנד־פונקט — דעם אלטמאדישען, בעגרענצטען, פראנצויזישען שטאנד־פונקט. נעהמט וואס ער זאגט וועגען שעקספיער'ן; ווי עהנליך איז דאס צו וואלטער'ס קוק! אין זיין אוטאביאגראפיע ווידערהאלט ניטשע דאס, וואס ער האט שוין אמאל געזאגט, אז זיין ארטיסטי־שער געשמאק פאדערט פון איהם ער זאל זיך שטעלען אויף דער זייט פון מאליער, קארנעל, ראסין אנטקעגען אזא סטיכישען געניוס, ווי שעקספיער. ווידער אמאל חזר'ט ניטשע איבער וואס ער האט שוין אמאל געזאגט וועגען שעקספיער'ס צעזאר: „דאס העכסטע, וואס איך קען זאגען שעקספיר'ן צום שבח, איז דאס, וואס ער האט קאנצפירט אזא געשטאלט, ווי צעזאר'ס". עס שאדט ניט צו בעמערקען, אז אינ'ם Ecce Homo שטימט נישטע איין מיט דער פאל־שער, נארישער היפאטעזע, אז שעקספיר איז ניט דער אוטאר פון די דראמען, וואס ווערען איהם צוגעשריבען. ניטשע איז „איג־סטינקטיוו" איבערצייגט, אז דאס זיינען בעקאן'ס זאכען, ניט ווי־לענדיג זיך רעכנען מיט דעם, וואס מען האט שוין אזוי אפט גע־זאגט נעגען דער דאזיגער היפאטעזע. א סמן האט ער, אז ווען ער אליין וואלט אויפגעשריבען אויף „זאראטוסטרא'ן" אן אנדער נא־מען — צ. ב. וואגנער'ס — וואלטען מענשען אין משך פון צוויי טויזענד יאהר מיט זייער גאנצען שארפזין ניט געקענט טרעפען, ווער האט געשריבען „זאראטוסטרא'ן". קיינער וואלט ניט גע־האלטען פאר מעגליך, אז דער אוטאר פון „מענשליכען אלצומענש־ליכען", זאל האבען קאנציפירט די וויזיאנען, וואס זאראטוסטרא האט.

ניטשע וויל אפילו ניט צוגעבען, אז די דייטשען זיינען גוטע פילאזאפען; לייבניץ און קאנט זיינען געווען די גרעסטע שטע־רונגען פאר דער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג פון אייראפא. אין דערזעלבער צייט, וואס די מענשהייט איז שוין דערגאנגען צו א וויסענשאפטליכער וועלטאנשויאונג, האבען לייבניץ און קאנט גע־פרואווט אויסטראטען וועגען צוריק צום אלטען אידעאל. מיט דער זעלבער ליידענשאפטליכקייט טרעט ניטשע ארויס געגען דער אנ־גענומענער מיינונג, אז די דייטשען זיינען גוטע מוזיקער. א דייטש קען ניט פערשטעהן מוזיק. די מענשען, וואס גילטען אלס דייטשע

מוזיקער, זיינען אויסלענדער: סלאַווען, קראָאַטען, איטאַליענער, האָלענדער אָדער אידען. איך בין פּויליש געגוג צו פיהלען, אַז שאָפּען איז העכער פון יעדער אַנדערער מוזיק מיט דער אויסנאַהם פון וואַגנער׳ס „זיגפריד־אידיל״, אייניגע זאַכען ליסט׳ס און די איטאַליענער ראָסיני און פּיעטראָ גאַסטי.

ניטשע האָט אַן עקעל צום דייטשען אימפּעריאַליזם; יעדער אידעאַליזם איז פאַלש. דעם פערדאַרבענדען אידעאַליזם האָט ער דערשמעקט אין הענריק איבסען׳ען, דער דאָזיגער „טיפּישער אַלטער מויד״, ווי אויך אין אַנדערע, וואָס ווילען פערניפּטען די קלאָרקייט און איינפאַכקייט פונ׳ם געשלעכטליכען. כאַראַקטעריסטיש איז ניטשע׳ס אַ פראַגע, אין וועלכער ער פאַלט אָן אויף יעדען אידעאַליזם. די פראַגע לויטעט: „פּרעדיגען צניעות, געשלעכטליכע ענטהאַלטזאַמקייט הייסט העצען עפענטליך צו אוננאַטירליכען געשלעכטסלעבען. יעדע נעגאַטיווע בעציהונג צום געשלעכטליכען לעבען איז אַ פערברעכען אַנטקעגען דעם לעבען — אַן אמת׳ע זינד נעגען דעם הייליגען גייסט פון לעבען.״

ניטשע וויל האָבען, אַז דייטשען פערשטעהען ניט געשיכטע; זיי האָבען פערלאָרען יעדען זין פאַר קולטורווערטען. די אידעע פון דייטשער אימפּעריע האָט פערדונקעלט זייער היסטאָרישען קוק: זיי האָבען זיך איינגערעדט, אַז אַ מענש מוז פריהער פאַר אַלעמען זיין גערמאַניש, פון זייער ראַסע. איז ער גערמאַניש, מעג ער בעשטימען, שאַפען און אָבשאַפען ווערטען. די דייטשען זיינען די מאָראַלישע וועלטאָרדנונג. אין פערגלייך מיט דער רוימישער אימפּעריע, זיינען זיי אַפּאָסטאָלען פון פרייהייט; פערגלייכט מען זיי מיט דעם אַכצעהנטען יאָהר הונדערט, זיינען זיי די רעסאַוראַטאָרען פון דער אמת׳ער מאָראַל אין דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו. געשיכטע איז פאַקטיש געשריבען אין דעם אימפּעריאַליסטיש־דייטשען, אַנטיסעמיטישען גייסט און הערר פאָן טרייטשקע האָט גאָר קיין געפיהל פון שאַנדע ניט.

די דייטשען האָבען אויף זייער געוויסען אַלע פערברעכען געגען קולטור אין די לעצטע פיער יאָהר הונדערטען. זיי האָבען צונישט געמאַכט די רעפאָרמאַציאָן. און ווען אינמיטען פון צוויי יאָהרהונדערטען פון דעקאַדאַנס איז אַ געניאַלער ווילעסגמענש

ארויסגעשפרונגען און האָט געוואָלט איבערפורעמען דאָס צוריי־סענע אייראָפּע אין אַ פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אײנהײט, האָבען די דייטשען מיט זייער „פרייהייטס־מלחמה" אַ תּל געמאכט פון דעם היסטאָרישען זין פון נאַפּאָלעאָן'ס פּערזענליכקייט און זיין ארבייט. דאָס אַלעס, צו וואָס נאַפּאָלעאָן'ס מלחמה האָט גע־פיהרט — דער איבערטריבענער נאַציאָנאַליזם, די נאַציאָנאַליס־טישע נעווראָזע, פון וועלכע, אייראָפּא ליידט, די פּעראייביגונג פון קליינע שטאַאטען אין קליינליכער פּאָליטיק — דאָס אַלעס דאַרף פערשריבען ווערען אויף'ן חשבון פונ'ם דייטשען גייסט. ענדליך זיינען דייטשען פערברעכער אַנטקעגען איהם פּערזענליך: זיי האָ־בען ניט געוואָלט בעמערקען איהם, געווען גלייכגילטיג צו איהם, האָבען בעגראָבען זיין לעבענסארבייט. די דייטשען זיינען אַ שלעכ־טע נעזעלשאַפט; אויסמיידען דאַרף מען זיי. ענדיגען ענדיגט זיך ניטשע'ס אוטאָביאָגראַפיע מיט אַ פּאָעמע, אין וועלכער ער רעדט מיט פעראַכטונג וועגען כבוד, „די מטבע, אין וועלכער די גאַנצע וועלט צאָהלט, אבער ער נעהמט זי אָן מיט הענד אין האַנדשוה און צוטרעט זי מיט די פיס עקלענדיג זיך", אָבער זיכער איז, אַז דאָס, וואָס דייטשלאַנד האָט איהם איגנאָרירט, האָט געמוזט דער־וועקען אין איהם זיין פיינדשאַפט צו איהר.

אין Ecce Homo פיהלט זיך אַן עקזאַלטאַציאָן, אַ אונבעגרענצ־טע אידעאַליזירען פון דער אייגענער פּערזענליכקייט, וואָס זאָגט שוין אָן, אַז פּעריקטקייט נעהנטערט זיך. און דאָך, ניט קוקענ־דיג אויף דעם אַלעמען, איז Ecce Homo די אויטאָביאָגראַפיע פון אַ גרויסען מענשען, און אַן און פאַר זיך אַ גרויס, אונגעוועהנליך ווערק.